STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04849

DURKH TEG UN NEKHT

Aaron Feldman

Permanent preservation of this book was made possible
by Joel & Janet Cohen
in honor of
all our children, Richard, Steven, Nancy, Randi, David & their families

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אהרן פעלדמאן

פארלאג
"צוזאמען"
ניו יארק, 1927

Copyright 1927, by Aaron Feldman
New York.

18
דזשוירזי פרינטינג קאמפאני,
10 וו. 23טע גאס, בעיאָן, נ. דזש.

מיין גוטער, ליבער רחלען
געווידמעט

אינהאלט

1. באקונינ'ס פארטרעט.
2. אויפ'ן פארם.
3. א פארמאנ'ס וידוי.
4. אין פארק.
5. ער האט געוויינט.
6. ביינקט נאך דינה'ן.
7. צעשוואומענע אילוזיעס.
8. א האלבער מענטש.
9. גערויבט זיין גליק.
10. א סופרייז.
11. די מאמע.
12. די בלינדע וואנט.
13. טאמאס דראפ דער.
14. מיאוס דורכגעפאלן.
15. נאכ'ן סעזאן.
16. ביינקשאפט.
17. זיין טעות.
18. צושטערטע פלענער.
19. באצאלט דעם חוב.
20. פארשפעטיקט.
21. סערענאדע.
22. בערטא.
23. ווען נעכט פאלן צו.
24. ציינוויטאק.
25. ער זוכט גערעכטיקייט.
26. געענדערט איר מיינונג.
27. זיך איינגעבעטן.
28. זיין וואקאציע.
29. באנאכטיקע טרערן.
30. ער ווארט אויף ירושה.
31. געהאנדעלט א מציאה.
32. יונגנט מאטיוון. (מיין רחל'ן א מתנה).
33. זי איז אוועק.
34. א מתנה פון באס.
35. די פאציענטן.

באקונינ׳ס פארטרעט

ווי נאר דער „קרעדיט פאראיין“ האט זיך געאייניקט און איינגעשטימט אויסלייען באשעוויצן דריי הונדערט דאלאר און דער שוואגער האט אויך צוגעזאגט אויסהעלפן אים מיט אביסל געלט, האט באשעוויץ צו זיך א שמייכל געטאן, און מיט „גדלות“ זיך ארומגעקוקט אויף די „פאראיין ברידער“, צו זיך מורמלענדיק: „אוים שאפ, אוים באס, זעלבסטשטענדיק — איך ווער א ביזנעס מאן“...

צוויי ואכן שפעטער איז באשעוויץ שוין געזעסן אין א סטארקע מיט דריי צימערן אין הויף. זיין שוואגער האט אים איינגעקויפט סחורה פון דער זעלבער גלאז־פאבריק, וואו ער האט געקויפט פאר זיין סטאר; זיין פרוי האט „איינגעפיקסט“ א שיינע היים, באפוצט די פענצטער מיט שיינע גארדינען, באדעקט דעם בופעט, דעם טיש, דעם „דרעסער“ מיט שטיקער גלאז. אויף אלע דילן אויסגעלייגט אויל־קלאט און באהאנגען די ווענט מיט שיינע בילדער, איבערהויפט איין בילד — מיכאאיל באקונינ׳ס האט פארנומען אין זייער היים דעם בכבוד׳יקסטן ארט, אויפ׳ן וואנט אין פארלאר.

באשעוויץ איז א גרויסער פארהערער פון בילדער. מערסטנטיילס פון בארימטע רעוואלוציאנערן. באקונין איז געווען זיין אידעאל, פאר וועלכן ער פלעגט אפשטיין מינוטנוויז אין א סענטימענטאלן עקסטאז, מיט׳ן העכסטן „יראת הכבוד“. דאס בילד האט ער געקראגן א געשאנק פון דער גרופע אנארכיסטן, צו וועלכער ער האט באלאנגט און האט עס אפגעהיט ווי א צערטלאכע מאמע איר בן־יחיד. פון צייט צו צייט פלעגט ער „באקונינ׳ען“ פון וואנט אראפנעמען, אפשטויבן, ארומוואשן און אפלאקירן. דער פארטרעט פלעגט ווי מיט א צויבער קראפט צוציען אלעמענס בליקן, ווי נאר מ׳פלעגט אריבערטרעטן דעם שוועל. די גרויסע שיינע בארד, מיט

די טיף שווארצע אויגן, מיט זיין הדרת פנים פלעגן דערוועקן א טיפן גלויבן, ווי אין א לעגענדארישן הייליקן צדיק...

ס'האט באשעוויצ'ן געעגבערט אין מח צייטענווייז מארנע מחשבות. לאזן זיך וואקסן א בארד מיט וואנצן, אום אויסצוקוקן ענלאך צו באקונינ'ען, אבער זיינע גרויע, וואסערדיקע מאנדל־אויגן און דער פליכעוואטער קאפ וואלטן אים צו נארן געמאכט...

אריינטרעטנדיק אין א נייער פעריאדע: פון א שאפ ארבעטער צו דער קאטעגאריע פון א קליינעם געשעפטס־מאן, איז בא באשע־וויצ'ן אין הויז און אין מח פארגעקומען אן איבערקערעניש. זענ־דיק ווי זייערע פילע באקאנטע נעמען ארונטער די בילדער פון די ווענט פון זייערע וואוינונגען, ווייל די לעצטע צייט איז געווארן אוים מאדע באהיינגען די ווענט מיט בילדער, האט באשעוויצ'ס פרוי אויך נאכגעפאלגט די באקאנטע: ארונטערגענומען אלע פא־טאגראפיעס פון די ווענט, מיט דעם אויסנאם פון באקונינ'ס, וועל־כער איז געבליבן אליין, ווי פאר'יתומ'ט היינגען. זיי איז געווען זייער שווער זיך צו שיידן מיט'ן אלטן איינגעווארצלטן אידעאל, — אזוי ווי א לעבעדיקעס וועזן האט זיך טיף איינגעזאפט די שיינע געשטאלט פון בילד אין זייערע הערצער און מחות...

דער שוואגער פלעגט פון צייט צו צייט זיי באזוכן און בא יעדער געלעגנהייט אפלאכן, וואס זיי האלטן באקונינ'ען „געפאנגען אין א „בורזשואזער" הויז".

די ערשטע צייט פלעגן די רייד ווייניק ווירקן אויף די באשע־וויצ'עס. אבער דער שוואגער פלעגט זיי פארפאלגן מיט זיינע ווי־זיטן און מיט בייסנדע שטעכווערטער סארקאסטיש שמייכלענדיק זאגן: „א ביזנעסמאן, א טשעק־בוך, א טעלעפאן, כא־כא, חברים מיט באקונינ'ען!..."

אין א זונטיק פרי, ווען אין הויז זיינען נאך אלע געשלאפן, איז פון באשעוויצ'ן „איבערגעפירט" געווארן באקונין פון פארלאר אין קיך... קיין לאנגע תקומה האט דאס בילד דארט אויך ניט געהאט. דער טשוואק אויף וועלכן באקונינ'ס בילד איז געהאנגען, האט זיך

פון וואַנט אַרויסגעשאַרט און מיט אַ קראַך אַרונטערגעפאַלן אויפ'ן דיל.

באַ מאַן און ווייב איז געבאָרן געוואָרן אַ נייע „אידייע", ביז ס'וועט ווערן צוריק „סטייל" בילדער אויף די ווענט, זאָל מען „באַ־קוניג'ען" אַרונטערטראָגן אין קעלער...

* * *

דאָרט אין פינצטער, אין אַ פאַרוואָרפענעם ווינקל מיט אַלע אָפּגעניצטע, אַרויסגעוואָרפענע „כלים" איז דאָס בילד מיט דער גרויסער באָרד און טיף־שוואַרצע אויגן געלעגן פאַרלאָזן, פאַרגעסן פון זיינע פאַרהערער... ביז...

ביז איינמאָל, אַ שבת, ווען קיינער איז אין הויז ניט געווען, האָבן זיך אַ באַנדע איידישע שקצים אַריינגעכאַפּט אין קעלער. דערזע־ענדיק אַ „אידן" מיט „אַ שוואַרצער באָרד", האָבן זיי זיך אַ וואָרף געטאָן אויפ'ן פאָרטרעט, מיט אַ פייפעריי און געפילדעריי, צעבראָכן די ראַם און גלאָז, צעריסן דעם לייוונט און צו וואָרפן אין אַלע זייטן..

דער „אָרימער באַקונין" איז געלעגן ווי נאָך אַ פּאַגראָם פון בייזע גייסטער...

אויפ'ן פארם

זינט בלומע איז אין ניו יאָרק האָט זי נאָך קיין מעגלאַכקייט ניט געהאַט אָנקוקן פּנים אל פּנים מיט פעלד און וואַלד. און ווען ס'פלעגט אָנקומען „סלעק" פלעגט זי טראַכטן אריבערפאָרן צו איר קוזינע אין דעם קליין פאַרם, און ס'האָט איר געצויגן, געמאַניעט אַהין, דאָרטן אין דעם איינזאַמען שטילן נאַטור, וואו הימל און ערד סוד'ן זיך צוזאַמען, און וואו די מענטשן דאָרטן זיינען אזוי האַרציק געטריי איינער דעם צווייטן... אָבער עפּעס ווי אַ פאַר־געפיל פלעגט איר אָפּהאַלטן...

בלומע איז זייער עמפּינדלאַך: דער געוויש, דער הו־האַ, דער קעסל גרוב פון די ניו יאָרקער גאַסן, רייצן איר די נערוון. ס'ציט איר אין ערגעץ ווייט אַוועק, עפּעס אַן אומבאַשטימטע בייקנשאַפט נאָגט איר...

אַרבעטנדיק אין פאַבריק אונטער פאַרמאַכטע טיר און פענצטער, טרוימט זי פון ליבע און צערטלאַכקייט, פון פרישע גרינע לאָנקעס און בלויע האָריזאָנטן; ווערט אָבער קיין ארבעט ניט — פאַר־טראַכט זי זיך, ווערט ערנסט. אירע אילוזיעס ווי קאַרטן־שטיבלאַך צופאַלן... דער זאָרג פון טעגלאַכן עקזיסטענץ פאַרנעמט דעם „אויבנאָן" אין איר מח... און דאַן פאַרגעסט זי אָן אַלץ...

זי בלייבט שטיין אין אַ ראַשיקער גאַס לעבן אַ גרויסן וואָדעוויל טעאַטער, וויל באַצאָלן פאַר אַ בילעט, ס'איז נאָך אָבער צו פרי.

— „וואו זאָל איך זיך אַהינטאָן אין אַזאַ גרויסן טאָג? שעפּ־טשען שטיל אירע ליפּן. גיין צו מיר „אַהיים"? וואָס וועל איך דאָרט טאָן אַליין? די ווירטין פון וואוינונג האָט אַלץ איבערגע־לאָזן אויף הפקר און אַליין אַוועקגעפאָרן ערגעץ אין אַ זומער פּלאַץ. אַמעריקע, טראַכט זי ווייטער, איז ווירקלאַך נאָר גוט פאַר

פרויען... די מענער פאר׳חשב׳טע, אויסגעדאַרטע פון אַרבעטן אין די פאַבריקן, אין די אָפיסעס, פּראַצעווען מיט שוויים, ווערן אונטערדריקט פון זייערע באַלעבאַטים, פון די פאַרלייט, און פון די קלענלאַכע פאַרדינסטן שפאַרן זיי נאָך אַפּ אוועקצושיקן זייערע סיידים, סערים אין פאַרשיידענע זומער פלעצער — זיי זאָלן ערגעץ אונטערן שאָטן פון אַ ברייט־פאַרצווייגטן בוים און טיפן פרישן גראָז קאָנען שעפּן פאַרגעניגן און לופט... און זיי — די מענער... איך באַדויער זייערע נאַרישע שוואַכקייטן״...

איך האָב אויך חשק פאַרלאָזן כאָטש אויף אַ קורצע צייט דעם טומל, דעם ווירבל־טאַראַראַם פון ניו יאָרק; זען אַ לעבעדיק בוימעלע, גערטנער, גרויסע, פוסטע סטעפּעס ווי אין מיין אַלטער היים אַמאָל, האָט פאַרגעזעצט טראַכטן בלומע.

די לופט אין די גאַסן איז געווען שטיקנד־פייכט, אָנגעפילט מיט פאַר׳סמ׳טע ריחות פון געזאַלין און פון פאַרשיידענע אָפּפאַלן...

גרויסע שטיקער צוריסענע וואָלקנס הייגנען אין דער לופט. עס דוכט זיך, ווי אָט־אָט רייסן זיי זיך אַראָפּ פון די הויכע ווייטקייטן און פאַלן אַרונטער מיט אַ קראַך אויף גאַס און מענטש און אויס מיט אַלץ...

בלומע איז צוגעגאַנגען צו אַ נאָנטער אונטער ערד־סטאַנציע, וואו דער באַן גייט אַפּ צו איינע פון די באַלעבעסטע ים־אינזלען. ס׳איז געווען באַטאָג. אין די וואַגאָנען איז שטיל. עטלאַכע פּאַסאַזשירן זיצן שווייגנדיק, ווער ס׳לייענט אַ צייטונג, און ווער ס׳קוקט אַרויס דורך די אָפענע פענצטער. בלומע איז געזעסן פאַרטראַכט. פאַרשיידענע פּלענער האָבן זיך געפּלאָנטערט אין איר מח. דער אויסרוף פון דער לעצטער סטאַנציע האָט איר אויפגעוואַכט. מיט שווערע טריט איבערן טיפן זאַמד איז זי געגאַנגען צום וואַסער... דער ים איז געלעגן אויסגעשפּרייט אומרואיק ווי אַ געהיימניספולע שוואַרץ־גרויליאַך געפאַלדעוועטע דעקע. די כוואַליעס האָבן זיך געוואָרפן מיט אימפּעט, געלאָזן נאָך זיך אַ צאַרנדיקן שוים אויף אַ ווייטער שטרעקע און צוריק געפאַלן מיט קוראַזש, וועלנדיק פאַרכאַפּן די אַנגעצייכנטע ליניע פון „ששית ימי בראשית״...

לאנג איז זי געזעסן באַם ברעג ים פאַרטיפט אין ווייטע פאַר־גאַנגענע דעראינערונגען. געדאַנקען נאָך געדאַנקען, ווי קנוילן, וויקלען זיך פאַנאַנדער אין איר זכרון: זי געפינט זיך בײַ אירע עלטערן אין אַ קליין, נידריק שטיבל „ארומגעצאַמט" אין פראַנט געסל מיט אַ גלייכע שורה טאַפּאָלן.

איר פאָטער שטענדיק אַ כמורנער, פאַרזאָרגטער איד, מיט שמאָלע אַקסלען, זיצט בײַ אַ קליין טישל לעבן פענצטער מיט אַ גענזן פעדער אין האַנט און שרייבט מיט קליינע אותיות אויף אַ יריעה פון אַ ספר תורה. — און די גענזענע פעדער סקריפּעט מיט אַ ספּעציפישן איינטאָניקן קרעכץ... די מאַמע אַ הויכע, אַ דאַרע, אַ פאַרעלטערטע פאַר דער צייט, שטייט באַם גרויסן אויוון און פּאָרעט זיך מיט'ן קאָכן. ביידע פאַרזאָרגטע, צוטראָגענע, וואָס זייער קינד מוז אוועקפאָרן אין אַ ווייטן לאַנד. „דאָ אין שטעטל איז ניטאָ וואָס צו טאָן, רעדט דער טאַטע שטיל צו דער מאַמע, און וואָס פאַר אַ תכלית איז דאָ פאַר בלומע'ן? יעדער לײַדיקגייער וויל דאָ נדן. אָבער דאָרטן איז אַ מיידל „אַ יקר המציאות" און מ'צאָלט איר נאָך צו"...

די מאַמע נעמט אַלטע זעק צו פאַרריכטן. אין די לאַנגע ווינטער־נעכט לעבן לעזשאַנקע פאַרלאַטעט זי און „שפּאַרט" געלט, און דער טאַטע זיצט כמעט גאַנצע נעכט און שרייבט די „יריעות".

מיט טרערן און פאַרקלעמטע הערצער האָבן טאַטע־מאַמע צום באַן געפאָרן באַגלייטן איר אין דער ווייטער אַמעריקע—אין'ם לאַנד פון חלומות און האָפנונגען פון טויזנטער אומגליקלאַכע אימיגראַנטן.. און ערשט, נאָך פילע יאָרן זייענדיק דאָ, וואָס האָב איך דערגרייכט? עלנד, ריכטיק ווי אַן ארויסגעשטויסענע כוואַליע... בלומע האָט זיך ווי, פון אַ פיינלאַכן חלום אויפגעהויבן פון באַנק, אַ פאַרטראַכטע זיך ארומגעקוקט אין דער אומענדלאַכער וואַסער פלעכע. וואו ניט וואו אין דער ווייטער ווייטקייט פון ים איז ארויפגעשוואומען אַ צאַנקענדיקער פייערל און גיך אראָפּגעזונקען, זיך פאַרלאָרן און ווידער זיך באַוויזן...

די וואָלקנס זיינען ווי דורך אַ געהיימניספולן וואונק צוטריבן

געוואָרן און ס׳האָבן ארויסגעקוקט שעמעדירנדיקע, ווי אַלמאַזן, שטערן, אַ „סערפּ״־לבנה איז געשטאַנען אין מיטן האָריזאָנט און ווי אַ בייזער „דיקטאַטאָר״ מיט אַ שאַרף־אויג באַאָבאַכטעט, ווי עס לויפן פאַרביי שטיקלאַך צוריסענע וואָלקנס און ווערן פאַרשוואונדן אין דעם אומענדלאַכן רוים . . .

2

בלומע האָט אין שאַפּ ניט געקאַנט מער איינזיצן: די מאָנאָטאָנע אַרבעט און די אַרומיקע סביבה איז איר געווען אומדערטרעגלאַך. זי פלעגט זיצן בא דער מאַשין ווי מעכאַניש . . .

פון צייט צו צייט פלעגט זי באַקומען בריוו פון דער קוזינע צו קומען צו איר אויפ׳ן פאַרם.

אַ קורצע צייט שפּעטער האָט בלומע זיך געזעגנט מיט אירע נאָנטע פריינט און איז אַוועקגעפאָרן צו איר.

די ערשטע פּאָר וואָכן איז זי געווען ווי אין אַ קאַשמאַר. דער איבערגאַנג פון טומלדיק־שטאָטישן הו־הא לעבן צו דעם שטילן, איינזאַמען פאַר׳חלומ׳טן דאָרפס־נאַטור, האָט איר ווי פאַר׳כשופ׳ט. יעדן באַגינען, ווען די זון איז נאָך געשטאַנען נידריק, כמעט גלייך מיט׳ן הויכן באַרג, און געוואָרפן אירע מילדע שטראַלן אויף אַלע און אַלעמען — איז שוין בלומע געווען אָנגעטאָן, אַרומגעוואַשן, אַ פרישע ווי אַ מאָרגן טוי — אַריינגעפלאָכטן אין די שיינע טאַבאַק־רויטע האָר אַ בונט נאָר־וואָס אויסגעריסענע רייזן, זיך אַוועקגעשטעלט פון וויטן באַאָבאַכטן ווי דער קוזען יצחק, אַ געזונטער, הויכער יונג, אַ אָפּגעברענטער פון די זונען שטראַלן, אַרבעט אין פעלד צוזאַמען מיט אַ פּאָר אַרבעטער און פריינטלאַכע חנ׳עוודיקע שמייכלען, אַרויסשטעלנדיק צוויי שורה׳ס געזונטע ציין, צוגע־וואָרפן בלומע׳ן, וועלכע האָט זיך געפילט גליקלאַך פון די ווייכ־לאַסטשענדע אויגן. איר מיידלשע האַרץ פלעגט אויפפלאַטערן און אַ זיסער, ליידנשאַפטלאַכער ציטער פלעגט ווי אַן עלעקטרישער שטראָם דורכלויפן איבער איר גאַנצן קערפּער . . .

שטונדן לאַנג פלעגט זי אָפּשטיין אין מיטן פעלד באַטראַכטן די לאַנדשאַפט אַרום און זיך ניט געקאָנט אָנזעטיקן מיט די וואונדער־שיינע פּאַנאָראַמעס, פון וועלכע זי האָט געטרוימט יאָרנלאַנג אַר־בעטנדיק אין אַ ניו יאָרקער פאַבריק.

„ווי גליקלאַך איך וואָלט געווען, פלעגט בלומע צו זיך ריידן, ווען מיין „וויזיט" אויפ׳ן פאַרם וואָלט זיך אַזוי געצויגן אָן אַ סוף... ווי העלדיש, ווי שיין ער איז געבויט! אַן אמת׳ער נאַטור קינד קינד איז יצחק! און זי, מיין קוזינע — ס׳אַרא קאָנטראַסט זי איז פון אים; מער ניט ווי אַ פאַרמער, ווייט פון שטאָט־פּראָגרעס. ווייט פון שיינהייט־באַגריפן, עסטעטיק, קאָן צוזאַמען לעבן מיט אַזאַ ווייב, וועלכע ווייס ניט מער ווי העלפן דעם מאַן אין אַלע שווע־רע אַרבעט און ניאַנטשען די קינדער... ווען איך קאָן באַזיצן אַזאַ יונג ווי יצחק, פלעגט זי פאַרזעצן טראַכטן, וואָלט איך — אָבער גאָט, וואָס פאַר אַ געדאַנקען, וואָס פאַר אַ נאַרישקייטן, עס פּלאָנטערן זיך אין מיין מח?!...

3

ס׳האָבן זיך געצויגן באַ בלומע׳ן שטילע, אומעטיקע פאַרבייגק־טע טעג און לאַנגע שלאָפלאָזע נעכט, ווען יצחק פלעגט אַוועקפאָרן פאַר אַ קורצע צייט אין דער נאָנטער שטעטל פאַרקויפן סחורה.

די קוזינע פלעגט בלומע׳ן פאַרשאַפן אַלע פאַרגעניגנס; קיין זאַך איז פאַר איר ניט שווער געווען. אבוואל פייגל האָט פאַרדעכ־טיקט, אַז צווישן איר יצחק׳ן מיט בלומע׳ן וועבט זיך סודות׳דיקעס; דאָס האַרץ זאָגט איר עפּעס... זי קאָן זיך קיין חשבון ניט אָפּגעבן. פאַרוואָס איז איר גוטער יצחק די לעצטע צייט געוואָרן אַזוי קאַפּ־ריזנע, אַזוי נערוועז — אין גאַנצן געביטן... אַ פּאָר מאָל האָט זי געוואָלט פאַרפירן מיט איר אַ שמועס וועגן יצחק׳ן, עטוואָס זיך אַראָפּריידן פון האַרצן; איר האָט זיך געוואָלט גוט נאָכפאָרשן, נאָכשפּיאָנירן, אָבער איר שטאָלץ, איר איינגעפלאַנצטע צוטרויען און געטריישאַפט האָבן איר צוריקגעהאַלטן... ניין! האָט פייגל איינמאָל געזאָגט צו איר שווינער, וועלכע האָט פיל מער ווי איר

שנור באַמערקט די נאָנטקייט צווישן איר זון מיט בלומען, עס גלויבט זיך מיר ניט אויף מיין יצחק'ן... ער איז דאָך מיר אַזוי געטריי... אויב ער האָט יע עפּעס שלעכטע מחשבות, איז ער אומשולדיק פאַרפירט געוואָרן... ער איז נאָך יונג, מ'דאַרף אים ווי אַ קינד אַנטשולדיקן... ער וועט זיך אַרומקוקן שפּעטער! איך וועל זיי ניט שטערן — דעם שטאָלץ האָב איך איינגעזויגן מיט מיין מוטער'ס מילך!! כ'וועל פאַרלאָזן מיין היים, מיין רו־ווינקל, מיין האָרעוואַניע, וואָס כ'האָב מיט שווייס אויף מיין פּנים דערוואָרבן... אַלץ פאַרלאָזן!! נאָר מיינע צוויי קינדער וועל איך מיטנעמען, וועלכע זיינען מיין גאַנצער פאַרמעגן. כ'וועל זיך צופּאַסן צו אַ נייער היים צו אַ נייער סביבה און דאָרטן וועל איך פרייִנט דער־ווערבן און איך וועל דאָרטן זיין אַזוי לאַנג, ביז מיין יצחק וועט זיך־י אויסטשוכן פון זיין פאַרפירטן קאשמאַר, זיך אַרומקוקן, באַ־גרייפן... און דאָס וועט זיין מיין איינציקע נקמה...

4

די פּאָר זומער חדשים זיינען שנעל פאַריבער. ס'זיינען אָנגע־קומען גרויע אַסיען־טעג און פאַרוואָלקנטע, פינצטערע, טריבע נעכט. די אַרבעט אין פעלד איז שוין געווען צום סוף. קאַרטאָפל, קרויט, אוגערקעס און אַנדערע גרינסן זיינען שוין אַוועקגענומען געוואָרן אין די פּאָר גרויסע שייערן. די פעלדער זיינען געשטאַנען פאַר'יתום'ט, פאַרגעסענע, הייל־נאַקעטע, באַרעקטע וואו ניט וואו מיט „טייכלאָך" וואַסער. אין דער נאַטור איז געווען שטיל — אַן איינגעגעסענע, מאָנאָטאָנע רואיקייט. מחנות אָוונט שאָטנס פלעגן אַרויסקריכן פון די פענצטער, שוועבן אין לופט, קלעטערן אויף די נאַקעטע שפּיצן בוימער... פון יצחק'ס פאַרם צו אַ צווייטן איז געווען ווייטלאַך. ס'איז ניט געווען וואו זיך אהינצוטאָן פון לאַנג־ווייליקייט. אין שטוב האָט געהערשט אַ טיפער אומעט; ס'זיינען פאַרשטומט געוואָרן די פרייִלאַכע, זאַרגלאָזע געלעכטערס פון די קינדער... און די השגחה פון פייגלען איז פאַרשוואונדן... די אַלטע מאַמע, מיט דער אויסגעדרייטער, פון רומאַטיזם, פּלייצע, פלעגט זיך, ווי אַ שאָטן אַרומדרייען איבערן שטוב און זוכן אין אַלע

ווינקעלאך; אפשארן די ברעקלאך פון טיש... צוגיין צום פענ־צטער און מיט די מוטנע, אלטע אויגן ארויסקוקן אין דער פינצטע־רער נאכט...

בלומע'ן האט שוין זייער געלאנגווייליגט. ס'האט איר געצויגן צוריק אין שטאט, דארטן וואו דאס לעבן שטראמט, אימפולסירט מיט פרייד און לוסט. די פריינטלאכע פארהעלטניש מיט יצחק'ן איז געווארן קעלטער פון טאג צו טאג... די אלטע, יצחק'ס מוטער, פלעגט מיט אירע בליקן דורכשטעכן בלומע'ן, פון וועלכע זי פלעגט ווערן דערציטערט.

„דו, האט זי איר איינמאל געזאגט, ביזט דער בייזער שליח, דו האסט צושטערט דעם שלום בית צווישן מיין זון און שנור, וועלכע האבן די עטלאכע יאר נאך זייער חתונה אזוי גליקלאך געלעבט! מיט דיין אנקומען אהער, האסטו א חורבן געמאכט... און מיין ערלאכע שנור האט דיר אזוי פיל געצערטלט. זי האט ניט פארשטאנען, אז א גיפטיקע שלאנג אין געשטאלט פון א מיידל לויערט איר גליק צו שטערן!!... און יצחק ווערט פארפאלן אויף גאנצע טעג און נעכט. די הויז איז אים געווארן פארהאסט. דעם ריינעם נאמען, וואס ער האט פאר פיל יארן פון גוטע ארבעט דערווארבן, ווערט מיט שאנדע באדעקט"...

„א מת וואס שטייט אויף פון קבר איז שוין שענער פון אים! דו — דו ביזט די שולדיקע! דיין זינד זאל דיר פארפאלגן ווי קינ'ס צייכן"... די אלטע האט מיט א ברעג פאטשיילע אפגעווישט דעם שוויים פון פנים און מיט ציטערדיקע הענט אפגעשטופט פון זיך בלומע'ן און געגומען גיין...

— שטייט איין מינוט, הערט מיר אויס, מומע!ווארט! האט בלומע היסטעריש געבליפעט: באשולדיקט מיר ניט אין אוממא־ראלישעס, איך בין ריין פון אלץ, מומע...

— „כ'בין עלנט. מיין נשמה בייגקט; מיין הארץ ציט נאך צערטלאכקייטן, נאך לאסטשענדע בליקן... דארטן אין שטאט איז דאס לעבן אזוי טרוקן! ס'ווייעט מיט פראסט. די מענטשן

זיינען גלייכגילטיק איינער צום צווייטן. יעדער איז א באזונדער וועלטל, א רעטעניש! ... כ'האב קלאר ניט געקאנט זיך פאנאנ־דערפלאנטערן אין מיינע גדאנקען. כ'בין געווען ווי א מאניאק. אומעטום איז מיר געווען איינג, דושנע, לאנגווייליק. ס'האט מיך געצויגן פון שטאט אהער אויפ'ן פארם צו עפעס אומבאשטימטעס. ווי א שמעטערלינג האב איך דא אפגעזשומעט די קורצע פאר זומער חדשים און די שיינע זוניקע טעג און בלויע קילע פארנאכטן... כ'האב זיכער ניט געוואלט מיין קוזינע פייגלען ווייען פארשאפן! ערשט איז מיר לאנגווייליק דא. פאר מיר איז אלץ געענדיקט. איך פארלאז דעם פארם. מיין נשמה האט זיך דא אביסל געזעטיקט... בלומע האט אפגעזיפצט און פארגעזעצט ריידן: איך זע אויך ווי יצחק צאנקט ווי א ליכט. ער מיידט אוים מיך צו זען.

סמנים פון חרטה און פארדרוס זיינען אויסגעדריקט אויף זיין פנים. זיין יעדער שטריך איז אנגעפילט מיט צער און טרויער... כ'האב געהערט, אז ער פארט צו פייגלען בעטן בא איר פארצייאונג און ברייגגען איר צוריק מיט די קינדער אהיים. איך ווייס איר נאבעלע נשמה און איר כאראקטער: זי וועט אים אלץ פארגעבן!...

בלומע, צוזאמענגעבראכן, איז אריין אין צווייטן צימער, געגר־מען איר איינגעפאקעוועטן טשעמאדאן, ארוים אין הויף, געווארפן מיט פארטרענטע אויגן דעם לעצטן קוק אויף די ווייטע פעלדער און מיט וואקלדיקע טריט פארלאזן דעם פארם.

א פּאַרמאַנ׳ס ווידוּ

בּרעגמאַן, אַ פעסט־געבּויטער יונגערמאַן, פוּן מיטעלן וואוּקס, איז מיט לאַנגזאַמע טריט אַריין אין קאָרידאָר, פלעגמאַטיש געעפנט די טיר פוּן זיין וואוינוּנג און גאַליק אַ שליידער געטאָן זיין ווייכע, בּרוינע הוּט און ראָק אויפ׳ן טיש.

פוּן זיינע בּלויע, ניט־לאַנג פאַר׳חלום׳טע אויגן האָבּן געשפּריצט פוּנקען פייער און זיך צושאָטען אין דער ריכטוּנג, וואוּ זיין פרוי איז געשטאַנען, צוגרייטנדיק עסן פאַר די קינדער. זי איז דערשראָקן געוואָרען פוּן איר מאַנ׳ס פּלוצלוּנג אָנקוּמען אין מיטן העלן טאָג, וואָס ס׳האָט בּיז איצט קיינמאָל ניט געטראָפן.

— איך ווייס ניט ווי איצט זיך צוּ רוּפן, האָט בּרעגמאַן זיך גער־ווענדעט צוּ זיין פרוי, — אַ סטרייקער אָדער אַ פּאַרמאַן? דאָס וואָס כ׳האָבּ פאַראויסגעזאָגט, איז ערשט געשען. און מיט האַסטיקע טריט גענוּמען אַרוּמשפּאַצירן איבּער׳ן צימער הין און צוּריק.

— זיי האָבּן היינט דערקלערט אַ סטרייק אויך אין דער פאַבּריק וואוּ איך בּין אָנגעשטעלט. אַלע אַרבּעטער, ווי איין מאַן, האָבּן פּינקטלאַך, צוּ דער בּאַשטימטער צייט, ווער מיט שמייכלען, ווער מיט געלעכטער, ווי צוּם טאַנץ, פאַרלאָזן די פאַבּריק: כ׳בּין זיי אמת מקנא געווען. מיינע פאַרגאַנגענע סטרייקן האָבּן זיך אין מיר אַזוי בּולט דערוואַכט אין דעם מאָמענט. כ׳בּין געווען פאַרגאַפט פוּן זייער קאַמפּסלוּסטיקייט. מיר האָט זיך אויך געוואָלט צוזאַמען מיט זיי אַוועקמאַרשירן אין די פאַרזאַמלוּנגס־פּלעצער און דאָרטן האַנט צוּם האַנט איינפלעכטן זיך אין איין ריזיקן קאַראַהאַד און מיט טריאוּמף אויפנעמען דעם קאַמף. אָבּער דעם בּאָס׳עס אַ וואוּנק האָט מיך צוּריקגעהאַלטן און אויסגעניכטערט . . .

— אַ פּאַרמאַן, — אַ קעגנזאַץ צוּ זייערע פאַרזאַמלוּנגען! זיי

װעלן נאָך מיר פֿון „זאַל“ אַרױסװאַרפֿן, װי אַ פֿאַררעטער, װי אַ שפּיאָן. איך בין געװען צװישן צװײ פֿלאַמען אין אַ טיפֿער פֿאַר־לעגנהײט — האָב איך געמוזט פֿאַרלאָזן די פֿאַבריק. איך בין גע־קומען אַהײם אױסרײדן מײַן האַרץ...

ער האָט זיך אַ װײַלע אָפּגעשטעלט און האָט װײַטער גערעדט:

— דו פֿאַרשטײסט ניט, אסתּר, װאָס פֿאַר אַ נשמה־פֿײַער עס ברענט אין מיר! יענע פֿאַרגאַנגענע צײַט, װען כ׳בין געװען טעטיק אין דער יוניאָן שטײט װי אַ פֿײַערדיקע זײַל פֿאַר מײַנע אױגן, עס האָט זיך טיף אײַנגעזאַפּט אין די בלוט פֿון מײַן אָרגאַניזם. עפּעס פֿיל איך ערשט מער װי אַלע מאָל אַ פֿאַרקערפּערונג, אַ פֿאַרבינדונג מיט טױזנטער פּעדים צו יענער צװיבער־צײַט... יעדער מענטש מוז האָבן זײַן אָרט, זײַן קרײַז, זײַן סבֿיבֿה... און איך בין איצט װי אַן אַרױסגעשפּיגענער אין אַ נײַער, פֿאַר מיר אומבאַקאַנטער געגנט. אַלץ איז פֿאַר מיר מגושמ׳דיק, אײַז־קאַלט. ס׳װײעט מיט גרױקײט...

— און פֿון דאָרטן — פֿון מײַן ערשטן לאַגער, װאו כ׳האָב טיפֿע װאָרצלען געלאָזן, בין איך אַװעק אַ װײַטן מהלך, אַ טיפֿן תּהום... ס׳איז מיר אומדערטרעגלאַך איבערלעבן טאָג אײַן, טאָג אױס די בײזע בליקן פֿון די אַרבעטער. װען איך קום צו זײ עפּעס זאָגן, אָדער באַקוקן די אַרבעט. כ׳מוז דאָך עפּעס טאָן פֿאַר די באַסעס, זאָלן זײ זען, אַז איך פֿאַרדין ערלאַך מײַן ברױט.

— װען די אַרבעטער פֿון „מײַן פֿאַבריק“ װאָלטן געװען פּסי־כאָלאָגן און קענען אַרײַנדרינגען אין מײַן נשמה און דאָרט באַ־טראַכטן, װאָס פֿאַר אַ שטורעם דאָרט קומט פֿאָר, װאָלטן זײ מיך באַטראַכט פֿאַר אַ מאַרטירער און געהאַט רחמנות אױף מיר.

— ברענגמאַן, — װאָלטן זײ געזאָגט, — דײַן אָרט איז ניט דאָ בײַ אונדז אין פֿאַבריק צו זײַן פֿאָרמאַן, נאָר ערגעץ אַנדערש, װאו דו קענסט נוצן ברײַנגען פֿאַר דער געזעלשאַפֿט. דו ביזט װי אַ בױם אַרױסגעריסן דורך אַ בײזן שטורעם פֿון אַ שײנעם פּלאַץ און אַרײַנ־געשלײַדערט צו אונדז, אין אַזאַ גרױער, װאַכעדיקער װאַקכאַנאַליע.

— ווען איך וואָלט געקענט דערקלערן פאַר דעם גאַנצן פאַבריק אַרבעטער־עולם, אַז איך בין אַ קרבן פון די אומשטענדן, מיין לאַגער איז דאָרט, וואו מיין האַרץ און נשמה ציען זיך אַהין, ווען איך וואָלט עס געקענט זאָגן — כ'וואָלט געפילט ווי אַ שווערער לאַסט קייקלט זיך אַראָפּ פון מיין ברוסט... אָבער גיי טענה צו זיי, ווען כ'בין אַ געצוואונגענע פאַרקויפטע נשמה קעגן מיין אייגענעם געוויסן...

— דו געדיינקסט, אסתר, פיל מאָל האָט מר. שטיינהאַרץ באַזוכט אונזער וואוינונג, גערעדט צו אונזביידן, דיך אַליין באַאיינפלוסט דו זאָלסט אויף מיר ווירקן איך זאָל אַוועק פון דער אַרבעטער באַוועגונג, און אָנקומען צו אים פאַר אַ פאָרמאַן אויף גוטע קאָנדיציעס, ווי שווער כ'האָב אַ לאַנגע צייט געקעמפט מיט זיך און מיט דיר אויך. דו האָסט מיך צוגערעדט — איך באַשולדיק דיך ניט, חלילה. אונזער עקאָנאָמישע לאַגע איז דאַן געווען אַזוי גרויזאַם. אין הויז קאַלט, אָן קוילן, די קינדער אָפּגעריסן, אין קראַם באָרגט מען שוין ניט — און איך בין אַ קרבן געפאַלן... ס'איז אמת, אַז אונזער עקאָנאָמישע לאַגע איז איצט פאַרזיכערט, אָבער מיינע גייסטיקע יסורים שטייגן איבער אַלץ. מיין נשמה איז פוסט, צובראָכן, איבערהויפּט פיל איך עס איצט. ס'רייסט מיך, ס'נאָגט, ס'ציט מיך צו די מאַסן, וואו דער לעבנס קאַמף גייט אָן מיט התפעלות, מיט טריאומף...

ברעגמאַן איז אַנטשוויגן געוואָרן. טיפע זיפצן האָבן ווי פאַר־יתומ'ט זיך אַרויסגעריסן פון זיין ברוסט און זיינע געבליבן הייגען אין דער לופט. ער איז צוגעגאַנגען צום פענצטער. מיט שטאַרע אויגן אַרויסגעקוקט אין דער בלויער ווייטקייט. די זון איז געשטאַנען הויך איבער'ן בלויען הימל, ווי אַ פלאַם פייער געשאָטן אירע שטראַלן אויף מענטש און גאַס...

ברעגמאַן האָט אָנגעטאָן זיין ראָק און הוט און מיט אַ שטילן באַרואיקטן טאָן, ווי נאָך אַ גרויסן געוויטער, מיט פאַר'חלומ'טע

אויגן באַטראַכט זיין פרוי און שטילערהייט, מיט אַ ליבן שמייכל געזאָגט:

— איך גיי צו אַ פאַרזאַמלונג. דאָרט וועל איך רעדן, אַגיטירן צו די סטרייקער, דערוועקן ביי זיי אַ הייליקן גלויבן אין זייערע כחות — שטיין אין קאַמף ביז אַ זיגרייכן ענד. מיט פייער וועל איך ריידן, ביז מיין פאַרגליווערטע קאַלטע נשמה וועט היים ווערן און אָראָפּשליידערן פון זיך אַלע גייסטיקע יסורים... אַלע ווייטאָקן פון דער גאַנצער צייט, וואָס איך בין געווען פאַרמאַן...

אין פּאַרק

ס'איז אַ זומער־פרימאָרגן. דער הימל איז קלאָר, ריין ווי גינ־גאָלד. די זון וואַרפט אירע גאָלדענע שטראַלן אויף בוימער און גראָז, וועלכע זעען אויס ווי באַדעקט מיט טייערע אַלמאַזן.

די פויגעלאַך זינגען, ווי אין כאָר, דורך „אַ געהיימניספולן די־ריגענט", ווי דורך נאָטן.

דאָראַ מיט ראַבינסאָנ'ען גייען איבער די אַלייען, באַשאָטן מיט געלע שטיינדלאַך און זאַמד, מיט גליקלאַכע געזונטע ברוסטן, איינ־אָטעמענדיק דעם פרישן אַראָמאַט פון זומער־פרימאָרגן.

די בוימער קוקן אויף זיי אַזוי ליבלאַך, שעפּטשענדיק אַזוי שטיל, אַזוי צאַרט אַ הייליקע תפילה...

ראַבנסאָנ'ס האַנט פויזעט אַרום אויף דאָראַ'ס... די באַקן ביי איר ברענען, און די אויגן... אַ, דאָס זיינען „פאַר'כשופ'טע שפּיגלען": פול מיט גלאַנץ און חן — די פרייליכקייט פון יוגנט שיינט אַרויס פון אירע קערפּערלאַכע גראַציעזע באַוועגונגען...

ראַבינסאָן באַוואונדערט אירע שיינע בלאָנדע האָר און די קליינע פיסלאַך, וועלכע לאָזן איבער טריט אויפ'ן זאַמדיקן באָדן פון פּאַרק.

גייענדיק האַנט ביי האַנט, איינער צום צווייטן האַרט צוגעטו־ליעט, דערקלערט איר ראַבינסאָן די טיפע סודות פון זיין שטורמדיק האַרץ.

— איך האָב געזוכט אַלע מעגלאַכקייטן, — שעפּטשעט ראַבינ־סאָן דאָראַ'ן אין דער שטיל, — דערציילן דיר, ווי איך בייַנק, ווי עס לאַנגוויליקט מיך אָן דיר, ווי אַלץ אַרום מיר איז אַזוי גרוי, אַזוי מאָנאָטאָן... מיט מאַטערניש איז מיר קוים געלונגען איבערגעבן דיר דעם בריוו; ניט אַזוי לייכט איז מיר אָנגעקומען — מורמלט

אריין ראבינסאָן דאָראַ'ן אין אויער, — ביז מיין שותּף האָט איינ־געשטימט געבן דיין מאַן וואקיישאַן אַ וואָך צייט; איך האָב אים געמוזט פון אַ דאָקטאָר ברענגען אַ „סערטיפיקייט", אַז דיין מאַן מוז האָבן רו און אָפּפאָרן אין אַ קאַנטרי...

— ערשט, מיין טייערע דאָרא, — האָט ראבינסאָן גערעדט מיט אַ פיבערהאַפטן עקסטאַז, — ענדלאַך זיינען מיר אליין... קיינער שטערט אונז ניט, נאָר די ביימער און די הערלאַכע לאַנדשאַפט ארום אונז...

און אזוי ראָמאַנסירנדיק, גייען זיי טיפער צווישן די טונקעלע אַלייען. ראבינסאָן דריקט איר פעסטער צו זיין שטורמדיקער ברוסט, אין זיין גאַנצן קערפּער גייט דורך אַן עלעקטרישער שטראָם... די ליפּן זיינען שוין אָנגעשטעלט, גרייט געבן דעם ערשטן צייכן פון ליבע...

פּלוצלונג, ווי אַ דונער אין אַ העלן שיינעם מאַי־טאָג, איז ווי פון די ביימער אויסגעוואַקסן אַ הויכער סילועט פון אַ מאַן, מיט אַ פּאָר שטריינגע, בייזע אויגן און מיט צונויפגעדריקטע שטאַרקע פויסטן...

דאָרא מיט ראבינסאָנ'ען זיינען געוואָרן בלאַס ווי קאַלך, מיט ארונטערגעלאָזענע קעפּ ווי פאַרשולדיקטע, פאַנאַנדערגעגאַנגען אין פאַרשיידענע ריכטונגען...

דער הויכער יונגערמאַן איז צוגעגאַנגען צו ראבינסאָנ'ען אזוי נאָענט, אַז יענער האָט דערפילט אויפ'ן פּנים אַ הייסן ברען פון זיין אָטעם.

דאָרא'ס מאַן האָט דער ערשטער איבערגעריסן די שטילקייט. אויף זיין פּנים האָט זיך געזען אַ פאַרגליווערטער שמייכל... ער האָט אים געגעבן די האַנט...

ראבינסאָן האָט אָן חשק לייכט געדריקט זיין האַרטע, קאַלטע האַנט און האָט אַ ציטער געטאָן.ביידע זיינען געווען באַגאָסן מיט אַ קאַלטן שוויס, אין ביידנס אויגן איז געלעגן אַ האַס איינער צום צווייטן און ביידע האָבן זיך אָנגעקוקט...

ראבינסאָן האָט ניט געקענט פאַרטראָגן דעם שאַרפן דורכדרינ־גענדן בליק פונ'ם אַרבעטער — ער האָט זיך געפילט ווי אַן אויס־געפייפטער, פאַרשפּייטער אַקטיאָר...

— אייער שותּף האָט מיר אַלץ דערציילט, — האָט דאָראָ'ס מאַן אָנגעפאַנגען דער ערשטער. — ביז איצט האָב איך געצווייפלט אין אייער פאַרדאַרבנקייט; איצט איז מיר אַלץ קלאָר... ניט אומ־זיסט האָב איך געהאַט אַ וואָרנונג אייך צו „באַוואַכן", ווי אַ גוטער יוניאָן־מאַן „זיין שאַפּ אין צייט פון אַ סטרייק". ערשט זיינען מיר קלאָר אייערע „מעשים טובים". — אָבער אייך איז ניט געלונגען און אייך וועט ניט געלינגען, איך זאָג עס אייך אָפן...

ראבינסאָן איז אַוועק מיט שנעלע טריט, ווי אַ וואַלד־חיה דער־פילנדיק הינטער זיך דעם זיגרייכן יעגער...

דאָראַ, אַ פאַרשעמטע, אַ דערשלאָגענע, איז געשטאַנען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, ווי אַן אומבאַהאָלפענע באַשעפעניש, ווישנדיק די טרערן פון די אויגן. איר פּנים האָט אויסגעדריקט טיפן פאַר־דרוס און חרטה...

ער האָט געוויינט

ווען יונה האָט זיך אביסל אָפּגערוט פון דער ווייטער נסיעה און די אָפּקלאַנגען פון זיין פרוי'ס טיפע זיפצן זיינען שוין געווען צו־שוואומען אין ווייטען רוים, און ער האָט זיך שוין אביסל איינגע־לעבט אין געדאנק, אז אזוי מוז עס זיין, האָט אים זיין ברודער ברוך אויסגעפּוצט אין נייע קליידער און מיטגענומען צום באַל־מאַסקעראַד, וואָס די לאַנדסלייט האָבן אַראַנזשירט לטובת די יתומים פון זייער אַלטער היים.

דער ברודער האָט געוואָלט זיך צוזאַמענטרעפן מיט לאַנדסלייט און עצה'נען זיך, וואָס מ'זאָל טאָן מיט'ן „גרינעם". ער האָט ניט געקאָנט פועל'ן באַ זיך אליין צו באַשטימען יונה'ס גורל... זיין וואונטש איז געווען: עצות פון אייגענע שטאָט־מענטשן.

ברוך אליין האָט אויך קיין גליק אין לעבן ניט געהאַט. ער איז דורכגעגאַנגען אַלע „אונטער־ערדישע גיהנום־טרעפּן", ביז ער איז געקומען צו דער „מדרגה" פון אַן אייגענעם קוילן־קעלער.

אַ סענט צו אַ סענט האָט ברוך געשפּאָרט; זיין ווייב, איטע, אויך אַ שפּאָרזאַמע אידענע, האָט מיטגעהאָלפן בייצושטייערן איר חלק: געקאָרגט פון די נויטיגסטע זאַכן; זיך מיאוס געווען פון אַלע „נאַרישע תענוגים", און נאָך אַ לאַנגע צייט פון שפּאָרעניש, האָבן זיי באַ זייער לאַנדסמאַן, ביינישׂ, אָפּגעקויפט דעם קעלער מיט דער חזקה פאַנאַדערצוטראָגן זעקלאַך קוילן צו די באַשטימטע בעלי־בתים.

זינט ברוך איז געוואָרן זעלבסטשטענדיק, האָט ער אַ מינוט ניט פאַרגעסן אַן זיין אינגסטן ברודער, יונה, וועמען ער האָט געלאָזן אין דערהיים אין דחקות.

יונה איז אַלע מאָל געווען ברוך'ס ליבלינג. די גאַנצע משפחה האָט זיך מיט אים געגרויסט.

אין נאָרמאַלע צייטן — פאַר דער רוסישער רעוואָלוציע, איידער דאָס שטעטל איז אָקופּירט געוואָרן פון די פּאָליאַקן — איז יונה געווען אַ לערער. ער האָט פאַרדינט און געלעבט אַ בכבוד׳יק לעבן. זינט אָבער דאָס שטעטל איז אַפּגעריסן געוואָרן פון רוסלאַנד און די פּוילישע שפּראַך האָט פאַרנומען דעם אויבן־אָן, האָט יונה אַלע זיינע לעקציעס פאַרלאָרן און צוזאַמען מיט רחל׳ן געהונגערט.

צייטנווייז פלעגט זיך דורכרייסן אַ האַרצרייסנדער בריוו פון יונה׳ן צו ברוך׳ן, בעטנדיק אים און דזשוליוס׳ן, דעם עלטסטן ברודער, אים אַהער אריבערנעמען. בשעת דזשוליוס פלעגט אפילו קיין ענטפער ניט שרייבן, האָט ברוך געזוכט עצות און טאַקע תיכף מיט זיין איטע׳ן באַשלאָסן, אַז זיי מוזן איבעראַניים אָנהויבן שפּאָרן און צוזאַמענקלייבן פאַר יונה׳ן אויף הוצאות און עטלאַכע דאָלאַר פאַר זיין ווייב ביז ער וועט אליין קאָנען איר שיקן — און אין אַ קורצער צייט אים טאַקע אַראָפּגעבראַכט.

דזשוליוס, אַ רייכער לעדער־פאַבריקאַנט, איז געווען דער היפּוך פון ברוך׳ן: „אַ קאַרגער, אַן אַ פונק מיטליידם־געפיל, און אַ האַרץ ווי פון שטיין אויסגעהאַקט.

יונה און ברוך געדענקען נאָך גוט זייןבאַנעמונג צו די עלטערן נאָך אין דער אַלטער היים.

עס איז געווען אין הערבסט.

דער פאָטער פלעגט ארומפאָרן מיט פאַרשיידענע סחורה איבער די דערפער פאַרקויפן צו די פּויערים. איינמאָל איז ער אין אַ רעגנדיקן טאָג אַהיים געקומען בלויז מיט׳ן בייטש אין האַנט. דאָס פערד און וואָגן איז שטעקן געבליבן אין אַ זומפּיקער גרעבלע ניט ווייט פונ׳ם שטעטל און דאָס פערד, פאַרמאַטערט און אויסגעהונגערט, איז געפאַלן אין די האַלאַבליעס טויט.

די מאַמע, אַ הוסטיקע שוואַכע פרוי, איז מיט׳ן טאַטן צו אים אַהיים געקומען, מיט טרערן האָט מען אים געבעטן לייען עטלאַכע רובל צו קויפן אַן אַנדער פערד, אָבער אויף אים האָבן די טרערן

ניט געווירקט . . . „שנייד מיין האַלז!" — האָט ער אַ געשריי געד טאָן — איבערלאָזנדיק די עלטערן פאַרצווייפלטע באַ אים אין שטוב און אליין זיך ארויסגעשאַרט אין גאַס, ווי ניט אים מיינט מען.

די עלטערן זיינען אהיים געקומען אויפגערעגטע. אויף דער מאַמע'ן האָט עס שטאַרקער געווירקט. זי האָט באַקומען אַ נערוון צוטרייסלונג, לאַנגע חדשים געקריינקט אין שטעטלדיקן הקדש, און דער טאַטע איז אויף די אַלטע יאָרן געבליבן עלנט ווי אַ שטיין . . .

פון דאַן אָן האָבן זיי אים אַלע געהאַסט, און קיינער איז ניט איבערגעטראָטן זיין שוועל. אפילו דאָ אין לאַנד האָט ברוך אויך ניט געוואָלט זיך מיט אים באַגעגנען, באַטש אים און זיין פאַמיליע איז פיל מאָל אויסגעקומען צו ליידן הונגער.

ווען יונה איז אָנגעקומען קיין אַמעריקע און אים האָט זיך דוקא פאַרוואָלט זען דזשוליוס'ן, איז ברוך מיט אים מיטגעגאַנגען — אָבער דזשוליוס האָט אויף זיין אַלטן שטייגער דעם גרינעם ברודער אָפּגעפּטר'ט מיט עטלאַכע טרוקענע ווערטער: וואָס מאַכסטו? וואָס הערט זיך אין דער היים? וואָס דיינקסטו צו טאָן? און דערביי זיך אַנטשולדיקט, אַז „צייט איז געלט", און זיי געהייסן קומען ווען עס איז אַ זונטיק . . .

2

ווי אַ פאַרלאָרענער אין אַ גרויסן מאַרק־טאָג, ריכטיק ווי אַריינ־געשליידערט אין אַן אומבאַקאַנטער סביבה, איז יונה געשטאַנען אין גרויסן זאַל אויפ'ן מאַסקן־באַל.

די אַלע היימישע גוטע פריינט מיט וועמען ער איז אַזוי גערן געווען זיך צוזאַמענטרעפן, האָבן זיך אפילו אויף אים ניט אומגע־קוקט. די וואָס האָבן אים יאָ שלום אָפּגעגעבן, האָבן זיך אויך באַצויגן מיט גדלות און אים אָפּגעמאַסטן מיט אַ בייסנדן שמייכל...

דער זאַל איז געווען איבערפולט מיט מענטשן. אפילו די רייכע האָבן אויך די לאַנדסלייט אַ טובה געטאָן און געקומען באַפּוצטע, באַשמירטע, זיך גרויסן מיט די פעט־שווייסיקע פנים'ער און פינקל־דיקע בריליאַנטן . . .

מענער און דאַמען, מיידלאַך און קאַוואַלערן האָבן זיך געדרייט אין אַ ווירבל־געדראַנג אַהין און אַהער, און לעבהאַפט צווישן זיך געשמועסט.

דאָ און דאָרט טאַנצן פּאָרלאַך, גאַלאָפּירן, שוועבן מיט ריטמישע טריט, בויגנדיק זייערע שלאַנקע, באַ'חנ'טע יונגע קערפּערס.

אַ באַוועגנדיקע מענטשן־מאַסע, ווי צוזאַמענגעגאָסן אין אַ קנויל כוואַליעס, און ווי ווינט־פליגלען פאָכן אין אַלע זייטן. פאַרבנ־רייכע מאַסקעס פון פאַרשיידענע קאָלירן באַווייזן זיך דאָ און דאָרטן, רייען נאָך רייען אַנ̣ן וועקן די באַוואונדערונג פון די פילע באַזוכער.

יונה דרייט דעם קאָפּ אין אַלע זייטן, אַ מאָדנע האַרציקע פריינטשאַפט באַזעלט אים צו אַלעמען.

— אַזוי פיל באַקאַנטע און היימישע, ווי טייער זיי זיינען מיר אַלע! — רעדט יונה צו ברוך'ן מיט התפעלות. — דו באַמערקסט דאָרטן אָן אַ זייט אַ גרופּע יונגע לייט? אָט די אַלע זיינען מיינע געוועזענע יוגנט־חברים. אָ, ווי איך וואָלט זיי גערן אַרומגענומען, געדריקט צום האַרצן, און ווי אַ לייבלאַכער ברודער זיי דערציילט וויפיל ברויטלאָזע טעג, פיינלאַכע אָוונטן און טויט־שרעקנדיקע נעכט האָב איך דאָרטן איבער'ן ים איבערגעלעבט צוזאַמען מיט מיין ווייב און אַלע שטעטלשע איינוואוינער. איך וואָלט זיי איבערגע־געבן אַ האַרציקן גרוס פון זייערע נאָענטע פריינט, וועלכע האָבן מיט טיפע תחנונים־טרערן אַ בקשה געשיקט, בעטנדיק כאָטש אַלטע העמדער זייערע נאַקעטע לייבער צו באַדעקן; איך וואָלט זיי אויך איבערגעבן אַ גרוס פון אַלע געסלאַך, פון די אַלע קינדערישע שפּיל־ערטער, וועלכע זיינען זיי אַמאָל אַזוי ליב און טייער געווען: איך וואָלט זיי דערציילט וויפיל יוגנט בליענדע לעבנס־בוימער זיינען פאַר דער צייט מיט'ן וואָרצל אויסגעריסן געוואָרן פון דעם שרעק־לאַכן מלחמה־אוראַגאַן, ווי אַ וויכער דורכגעלאָפן און אין אַ קורצן פאַרלויף און פאַרזייט צענדליקע טויזנטע פרישע קברים אויף די ברייטע, לאַנגע סטעפּעס און אויף די בית־עלמינ'ס פונ'ם היימישן שטעטל; איך וואָלט זיי דערציילט נאָך און נאָך, אָבער גיי דער־צייל זיי, אַז מ'פרעגט זיך ניט!

און ווען מען ליגן עס אין זינען אַזעלכע היסטאָרישע פּאַסירונגען, מיט וועלכע די וועלט איז אַזוי רייך אָנגעפּילט? בשעת אַט־אָ אין דער נייער תקופה, וועבט און שאַפט דאָס לעבן כמעט טאָג־טעגלאָך נייע אָרגיעס און שוידערלאַכע קאַטאַסטראָפעס! און ווי קענען מענטשן זיין אַזוי סענטימענטאַל, געדענקען אַן „עבר“, וואָס מערסטע פון זיי האָט עס אפילו ניט אָנגערירט... און בפרט נאָך די, וועמען דאָס לעבן גיט אומבאַוואַסטזיניק־בלינד אַלץ מיט׳ן פולן שכור־כוס: לוקסוס, גליק און וויין...

יונה איז אַנטשוויגן געוואָרן, אָפּגעצויגן טיף דעם אָטעם, אָפּגעווישט דעם שווייס פון פּנים, גענומען ברוך׳ן פאַר׳ן האַנט, צוגעגאַנגען צו אַ לײדיקן אָרט און זיך דאָרט אַוועקגעזעצט.

ער האָט זיך ארומגעקוקט אין אַלע זייטן. פּלוצלונג האָט ער אַ נערוועזן ציפּ געטאָן ברוך׳ן פאַר׳ן אַרבל, רויט געוואָרן, און אַ שרעקלאַכן שוידער געטאָן:

אין דער הויף אויפ׳ן באַלקאָן, אָנגעשפּאַרט אַן פּאַרענטשע, האָט ער דערזען ליזען, דאָס מיידל מיט וועמען ער האָט אין דער אַלטער היים אַזוי פיל נעכט, געשפּאַצירט און געשיפּט זיך איבער׳ן טייכל, צווישן די הויכע ברעגן ניט ווייט פון יענעם „איינזאַמען אינזל“, וואו ראָמאַנאָוו׳ס כאַטקע איז געשטאַנען, פון וואָס מען פלעגט דערציילן אָטעם־פאַרכאַפּנדע לעגענדעס...

ער דערמאָנט זיך־אָן אַ זומער־אָוונט.

ביידע צוגעטוליעטע אויפ׳ן גראָז, באַרג אַראָפּ, וואו צופוסנס פליסט דאָס „פינא־טייכל“, וואָס ווערט פאַרפאַלן ערגעץ ווייט אַוועק אין טונקל־בלויען נאַכטיקן האָריזאָנט און גיסט זיך צוזאַמען מיט די שוימיקע גרויע וואַסערן פון „פּריפּיאַטי“ און די לבנה שאַרט זיך אַרוים צווישן די שיטערע צווייגן, שווימט הויך אין די ווייטע ווייטקייטן.

אַרום איז אַזוי שטיל, ווי די נאַטור אַליין וואָלט אַלץ איינגעצאַמט אין אַ מעכטיקן ראַם און שטריינג פאַרבאָטן דעם גערויש פון די צווייגן און גראָזן. מיט אַמאָל דערטראָגט זיך אַ שוואַכער

שאַרף צווישן די גראָזן, דערנאָך טריט מיט אַ שטילן גערויש. טרעטנדיק אויף די טרוקענע אראָפּגעפאַלענע בלעטלאַך.

דער אַלטער מאַקסים האָט זיך צו זיי דערנענטערט.

ס׳אַרא ליבער, גאָלדענער מענטש מאַקסים דער וועכטער איז געווען! — אַ ברייטע רוסישע נשמה.

מאַקסים האָט זיי אין זיין שטיבל אריינגענומען, געגעבן ברויט און טיי, ווי ער פלעגט עס טאָן יעדעס מאָל ווען ער האָט זיי גע־טראָפן אין וואַלד ראָמאַנסירן.

דאָס שטיבל איז געווען אַ קליינס, באַהאַנגען און אויסגעפּוצט מיט הייליקע איקאָנעס, וואו אַ בענקעניש צוזאַמענגעמישט מיט צווייפלהאַפטע הייליקייטן האָט אריינגעדרונגען אין די ווייטע סלי־אָדן פון דער נשמה און געוועקט אַ געבלהאַפטן גלויבן...

אַ טיפער לאַנגער זיפץ האָט זיך ארויסגעצויגן פון יונה׳ס ברוסט.

ס׳איז גאָר ניט יענע שיינע, צאַרטע ליזע מיט וועמען כ׳האָב אַמאָל ראָמאַנסירט, רעדט ער צו ברוך׳ן מיט אָפּגעהאַקטע, גיכע ווערטער. עפּעס גאָר אַן אַנדערע: דאָס פּנים און אַלע אירע אברים האָבן זיך פאַרענדערט. צושוואַומען איז איר פיגור, ווי צוזאַמענגענאַקטן פון ניט קיין געאיבטן סקולפּטור... און פון וואַנען האָט עס זיך צו איר גענומען אַזוי פיל בריליאַנטן? דוכט זיך גאָר ניט לאַנג אין לאַנד, און ווי איך האָב געהערט איז איר מאַן גאָר ניט פון די רייכע — אָבער וואָס איז דער אונטערשייד. מאַכט ער זיך אַליין אַ פאַרוואורף פאַר זיינע ניט וויכטיקע פראַגן — אַמעריקע איז אַ לאַנד פון גיכע מעגלאַכקייטן... ווערט יונה מיט זיך מסכים...

פון קיינעם ניט באַמערקט, אַנטוישטע, אַנטמוטיקטע, מיט פאַרביטערטע געפילן, האָבן ביידע ברידער זיך ארויסגעשאַרט פון זאַל, לאַנגזאַם געגאַנגען דורך די האַלב טונקעלע שטיל־נאַכטיקע גאַסן אַהיים טיף פאַרזונקען אין מחשבות.

3

לאנגע וואָכן האָט יונה געלעבט אויפ׳ן ברודער׳ס חשבון. פאַר ברוך׳ן איז קיין זאַך ניט שווער געווען. ער האָט זיך טאָג־טעגלאַך נאָכגעפרעגט אין די אידישע שולעס, אפשר וועט זיך געפינען אַ לערער־שטעלע פאַר יונה׳ן, אָבער אומעטום האָט ער געקראָגן דעם־זעלבן ענטפער: ניטאָ קיין וואַקאַנסיע פאַר נייע גרינע לערער. די אַלטע זיינען אויך צופיל. זאָל ער זיך אפריער „אויסגרינען״, דער־לערנען די ענגלישע שפּראַך, דאַן מעגלאַך וועט ער קאָנען קריגן אַ שטעלע אַלס אידישער לערער.

יונה איז געווען געצוואונגען אָנקומען ארבעטן אין אַ פאַבריק, און אין אַ גאַנץ קורצער צייט האָט ער געביטן פילע שטעלעס און בשום אופן זיך ניט געקענט צופּאַסן צו אַ מלאכה.

די גרויע מגושם׳דיקע פאַבריק־אַטמאָספערע מיט די גראָבע, פּרעכע באַהאַנדלונגען פון די באָסעס, האָבן אין זיין צוהיצטער פאַנטאַזיע געשאַפן פּלענער צוריק צו פאָרן אַהיים. אָבער דער פשוט׳ער שכל פלעגט אים דאַן באַהערשן: וואו איז די היים? וואו איז זיין רו־אָרט? דאָרטן, אין זיין געבורט־שטעטל, וואו ער האָט טיפע וואָרצלען געשפּרייט און אַמאָל היים געליבט, איז אים איצט גאַנץ פרעמד, אייז־קאַלט און אָפּשטויסנד. ווען ניט דאָס פיינלאָבע בייַנקען נאָך זיין פרוי, וואָלט ער מיט שאַרפע נעגל ארויסגעריסן פון געדאַנק דאָס שטעטל, וואָס האָט אין אים איבער־געלאָזן שאַרפע שפּורן פון האַס און פאַרצווייפלונג, צוטרעטנדיק דאָס גאַנצע גלויבן און האָפנונג...

יונה האָט דעריבער באַשלאָסן צו באַהאַלטן דעם סוד פון ברוך׳ן, כדי אים ניט אָנצוטאָן קיין ווייטאָקן, און איז דערווייל, ביז אים וועט זיך מאַכן אַ לערער־שטעלע, אָנגעקומען ארבעטן צו דזשוליוס׳ן אין לעדער פאַבריק.

דער שווערער גערוך פון די ניט באַארבעטע, רויע לעדער, האָט אין אים דאָס הארץ און לונגען געפּרעסט, אָבער עקשנות׳דיק האָט ער גערולדיק געליטן און געהאַפּט צוזאַמענקלייבן אביסל געלט און אַראָפּברייינגען זיין רחל׳ן...

קיינער אין לעדער פאַבריק האָט ניט געוואוסט, אַז דזשוליוס איז זיין ברודער. דער פּאַרמאַן האָט אים באַהאַנדלט ווי אַלע „נייע הענט“.

יונה האָט פאַר קיינעם קיין וואָרט ניט דערציילט. זיין ברודער, ברוך'ן, האָט ער למען השלום געזאָגט, אַז ער האָט געקראָגן אַ גרינגע שטעלע, אָבער ווייט אַוועק און מוז זיך ארויסציען אין אַ נענטערן אָרט... — — — — — — — — — — — — — — — —

4

די אַפּטע אָפּגעהאַקטע הוסטן האָבן יונה'ן אַזוי אויסגעמאַטערט און אָפּגעצערט, אַז דער ברודער און שוועגערן האָבן בּאַ אים גע־פּועל'ט צוריק זייך אריינציען בּאַ זיי אין הויז, כּדי צו קאָנען בעסער אַכטונג געבן אויף זיין געזונט. זיי האָבן בּאַ אים אָנגעהויבן פאָדערן ער זאָל אויפגעבן די ארבעט אין לעדער פאַבריק, וועגן וואָס ער האָט זיי שוין דערציילט, און פאָרן אויף אַ פאַרם זיך אויסרוען.

— איך בין ניט קראַנק, האָט יונה זיי באַרואיקט מיט אַ גע־צוואונגענעם שמייכל. איך טאָר איצט ניט נעמען קיין „וואַקיי־שאָנס“, פלעגט ער מעלאַנכאָליש ענטפערן.

„אַ סענט צו אַ סענט וועל איך שפּאָרן, אָפּצאָלן אַלע מיינע חובות, און נאָכדעם וועל איך קלייבן פאַר רייזע קאָסטן פאַר מיין רחל'ן, וועלכע איז דאָרטן איבער'ן ים אַ פאַרלאָזענע, אַן עלנטע — און ווען איך וועל מיין ציל דערגרייכן, דאַן וועט שוין ממילא זיין מיין וואַקיישאָן“...

יונה איז אַנטשוויגן געוואָרן, זיך אויפגעהויבן פון שטול, דורכ־געשפּאַנט דעם צימער הין און צוריק עטלאַכע מאָל, זיך צוגערוקט האַרט צום פענצטער, עטוואָס אויפגעעפנט, צושאַרט די גאַרדינען, טיף איינגעאָטעמט די פרישע פאַרנאַכטיקע לופט און ווייטער גע־טענה'ט:

„אונזער רייכער ברודער מיידט מיך אויס, זינט איך האָב דעם פאָרמאַן דערציילט ווער איך בין.

„מיין הארץ האָט אין מיר אַזוי האַסטיק געקלאַפּט, געפילט ווי אַט־אָט רייסט עס זיך ארויס פון ברוסט־קאַסטן, ווען איינמאָל כ׳האָב געהאַלטן באַם אַריינגיין צו אים אין אָפיס בעטן אַ פּאָר דאָלאַר מער פאַר מיין שווערער אַרבעט, נאָר האָב זיך צוריקגעקערט און ניט אריינגעגאַנגען.

„כ׳האָב געוואָלט אַ מאַך טאָן אויף אַלץ און אַלעמען „ אַוועק־לויפן ווייט פון שטאָט, מענטש און פאַבריק, זיך באַהאַלטן טיף אין אַ וואַלד, ווייט פון ציוויליזאַציע און פיינלאַכן „פּראָגרעס“. נאָר דער געדאַנק פון מיין רחל׳ן און אַזעלכע גוטע, ערלאַכע מענטשן, ווי דו און דיין איטע, האָט מיך אינסטינקטיוו אָפּגעהאַלטן פון אַזאַ שריט.

„דו ווייסט ברוך, האָט יונה מיט אַ נידריקן קול פאַרגעזעצט, און זיך ארומגעקוקט, ווי מורא האָבנדיק, אַז זיינער ווערטער זאָלן ניט אויפגעכאַפּט ווערן דורך ראַדיאָ און ארויסגעטראָגן ווערן אין דער עפנטלאַכקייט, אַז דזשוליוס האָט גאַנטע פאַרהעלטנישע מיט׳ן פּאַרמאַנ׳ס ווייב — און ס׳האָט נאָך מער פיינלאָך מיך דערשלאָגן און געמאַכט מיין ליב אין מיר ציטערן, ווען כ׳האָב דערפאַרן, אַז דעם פּאַרמאַנ׳ס ווייב איז יענע ליזע... אונזער ברודער שפּילט אַ טאָפּעלטע פאַרשעמטע ראָליע: אין דער עפנטלאַכקייט, צוליב ענגאַיזם, כבוד און רעקלאַמע — איז ער מנדר גרויסע נדבות, און הינטער די קוליסן פירט ער אַן אויסגעלאַסענעם, פאַרשעמטן, אומ־מאָראַלישן לעבן!! און איך באַשולדיק אים ניט אינגאַנצן! האָט יונה מיט פייער אַזוי הויך אויסגעשריען, אַז ברוך און זיין ווייב האָבן זיך אומגעקוקט דערשראָקענע און אַ ציטער געטאָן.

„זי איז שולדיק! צוליב די בלישטשענדיקע שטיינדלאָך האָט זי אַראָפּגעוואָרפן די גאַנצע חרפּה, אנשטענדיקייט און פרויען צניעות...

„ערשט איצט בין איך צופרידן, וואָס דאָן באַם מאַסקן־באַל, האָב איך מיט איר ניט גערעדט.

„ס׳איז אפילו שווער ארויסרייסן פון הארצן פאַרגאַנגענע זיסע

דעראינערונגען; עס דערמאָנט זיך אַלע מאָל, און פאַר די אויגן שוועבן פאַרביי בילדער נאָך בילדער, אָבער מ'מוז האָבן אַ פעסטן ווילן.

„איר קוקט מיך אָן, שוועגערן? וואָס ברייטן זיך אַזוי אייערע אויגן? וואָס איר שרעקט זיך?

„איך בין געזונט, געזונט!!

יונה האָט עטלאַכע מאָל געצויגן טיף דעם אָטעם, אַ ווײַלע גע־ריבן דעם שטערן און פאַרגעזעצט רעדן אַזוי שטיל, אַז קוים וואָס מען האָט אים געקאָנט הערן:

— „אַמעריקע, שוועגערן, איז רייך מיט אַזעלכע פאַרפירערשע שטעגן, וועלכע ווי שווינדל־טרעפּ פאַרדרייען און פאַרהיפּנאָטיזירן רייכע שאַרלאַטאַנעס, וואָס לאָזן זיך בלינדערהייט נאָכגיין ווי לו־נאַטיקס פון יעדע שלעכטע פאַרפירטע פרוי"...

יונה איז מיט אַמאָל בלאַס געוואָרן, געלע פלאַמען האָבן זײַנע באַקן באַצויגן. ער האָט זיך אַ שטאַרקן וואַקל געטאָן און ווען ניט ברוך מיט איטע'ן וואָלט ער אומגעפאַלן...

* * *

אין אַ באַוואוסטלאָזן צושטאַנד האָט מען יונה'ן אין שפּיטאָל אַוועקגעפירט.

ברוך און איטע פלעגן אים יעדן מאָל באַזוכן.
פון טאָג צו טאָג האָט זיך זײַן קראַנקהייט פאַרשאַרפט און מען האָט אָנגעווענדעט אַלע מעדיציניִשע מיטלען אים אַרויסצורייסן פון די נעגל פון טויט.

דאָס ביסל געלט וואָס ער האָט אָפּגעשפּאָרט איז באַלד צורונען געוואָרן. ברוך און איטע האָבן פון זײַן בעטל ניט אָפּגעטראָטן טאָג ווי נאַכט. זיי האָבן פאַר'משכנ'ט זייערע הויז־זאַכן און געהאָלפן אים ראַטעווען.

דער פאַרמאַן פון לעדער פאַבריק האָט דזשוליוס'ן באַריכטעט.

אז יונה איז שוין עטלאכע טעג ניט געקומען אין פאבריק, און די ארבעט פון זיין אָפּטיילונג איז אינגאנצן פּאראליזירט, און אויב מען וועט ניט אָנשטעלן אַן אַנדערן, וועט די גאנצע פאבריק אָפּגעשטעלט ווערן...

דזשוליוס האָט אַ ציטער געטאָן. ער האָט געפילט ווי אַ גאַנצער מוראַווייניק האָט דורכגעפּויזעט איבער זיין קערפּער.

— ער איז קראַנק! איז אַ געדאַנק שנעל ווי אַ בליץ דורכגעלאָפן אין זיין קאָפּ — און מיט ביידע הענט אָנגעהויבן רייבן דעם שטערן. און לאַנגזאַם אַראָפּגעפּויזעט מיט צוויי פינגער צו די רייטע, געדיכטע ברעמען און זיי לאַנג-לאַנג געריבן ביז ווייטאָק...

די בוכהאַלטערין איז לאַנגזאַם אריין צו דזשוליוס׳ן אין אָפיס און אים איבערגעגעבן אַ טעלעגראַמע פון שפּיטאָל.

דזשוליוס איז בלאַס געוואָרן. שווער זיך אַראָפּגעלאָזט אין ברייטן דריי-שטול און געמורמלט: „יונה, מיין ברודער, שוועבט צווישן לעבן און טויט!“

אָבער וואָס קען איך טאָן פאַר אים? בין איך אַ דאָקטאָר אָדער אַ פּראָפעסאָר? און ווער האָט צייט גיין אין שפּיטאָל! כ׳קען ניט איבערלאָזן מיין געשעפט און אים באַזוכן — „צייט איז געלט!“

קען איך אַלע מיינע אַרבעטער באַשיצן פון קראַנקהייט?!

— דו אוממענטש! — האָט אין אים ווי אַן אינערלאַכע שטימע גערעדט און געפאָדערט חשבון.

אַ ברודער — פליייש פון דיין פליייש — געפינט זיך אין אַ גוסס׳דיקן צושטאַנד און דו ביזט אַזוי ברוטאַל, אַזוי מערדערלאַך!? איז דען אין דעם „עגל הזהב לאַנד“ דער פונק פון ברודער רחמנות אינגאַנצן פאַרלאָשן?

פאַרלאָזן אַ קראַנקן הילפלאָזן ברודער?! באַדיינק זיך וואָס די נאָענטע שעה קען מיט דיר פאַסירן!!

דו מוזט אים העלפן! דער טויט וועט בא דיר אַ חשבון פאָדערן!!“

ער האָט אויפגעשוידערט. אַ לאַנגער זיפץ האָט זיך פון זיין ברוסט אַרויסגעריסן.

— וועמען האָב איך דאָ ? האָט ער שטיל געמורמלט. אַ פרעמ־דער בין איך, אַ יחיד צווישן מיליאָנען מענטשן. פאַרמעגנס האָב איך געזאַמעלט ! צוליב וואָס ? צוליב וועמען ? מיין פרוי איז שוין לאַנג טויט, אַ קרבן געפאַלן נאָך אין דער היים, קיין קינדער האָב איך ניט, טאָ אויף וועלכן טייוול האָב איך מיין פאַרמעגן גע־שאַפן ?

איך גיי צו יונה׳ן באַלד. — מיינע טעות׳ן וועל איך גוט מאַכן... — זאָל ער נאָר געזונט ווערן.

איך וועל קיין געלט און מי מער ניט קאַרגן יונה׳ן צו ראַטעווען ! און אינסטינקטיוו האָט זיך אַ הייסע טרער, דער ערשטער טרער זינט זיין פריסטער יוגנט, אַראָפּגעפאַלן פון זיין אויג, געשאַרט זיך איבער׳ן באַק, לאַנגזאַם געקייקלט זיך און אַראָפּגערונען אויף דער טעלעגראַמע און אַ קיילאַכדיקן פלעק געמאַכט...

בײנקט נאָך דינה׳ן

בײדע האָבן דעם אַלטן טאַטן אראָפּגעבראַכט אין אַמעריקע. געהײסן האָט עס, אַז דער רײכער ברודער האָט געגעבן די גאַנצע רײזע קאָסטן. דער אָרימער זון האָט געקערט װעלטן ביז ער האָט גע׳פּועל׳ט, אַז הערי זאָל אראָפּנעמען די האַנט פֿון טײסטער און נאָך פֿיל שװעריקײטן מיט באַװײזע דורך די בריף, אַז דער טאַטע דאָרט אין דער הײם איז אַן עלנדער, אַ הײמלאָזער, אַן פרײנט, איז קױם געלונגען באַ הערי׳ן דערװעקן אַ פונק רחמנות און אראָפּגעבראַכט דעם טאַטן...

די ערשטע צײט, ניט האָבנדיק קײן באַשעפטיקונג, האָט זיך דער טאַטע געפילט זײער דערשלאָגן, װי אַן איבריקער, װי אַ שװערע משא אויף זײן זונס קאַרק.

דאָרט אינדערהײם איז ער געװען געאַכטעט פאַר זײן אָרענטלאַכקײט און גוטסקײט. „דער אַלטער שלום איז אַן אמת׳ער נביא. — פלעגן אַלע זאָגן, — ער קען ניט דולדן װי אײנער אויפ׳ן צװײטן רעדט לשון הרע, װי אײנער דעם צװײטן װיל באַשװינדלען, אָפּנאַרן.“ ער איז געװען אַ גרױסער אנהײנגער פֿון דעם נײעם רעזשים, טיף איבערצײגט די שטעטלשע אידן, אַז דער גרױסער מויערצאַם פון דער אידישער „טשערטא“, װאָס איז אויף אײביק צושמעטערט געװאָרן איז צו פאַרדאַנקען דער גרױסער רוסישער רעװאָלוציע און די אידן דאַרפן דאָס געדײנקען פון דור צו דור...

פון דעם אַלטן דור האָט שלום גלײכצײטיק אויך באַקומען שונאים, װעלכע פלעגן אים פיל שאַנד און שמערץ פאַראורזאַכן פאַר זײן לאָיאַליטעט צו די באָלשעװיקעס. ער האָט, װי דער לעגענדאַרישער איוב, מיט אַ װײטיק אין האַרצן אַלץ אַראָפּגעשלונגען און געלעבט זיך אזוי אײנטאָניק װי די צײט און אומשטענדן האָבן דערלויבט. ביז אַן אומגעריכטע קאַטאַסטראָפע האָט זײן הויז באַ־

זוכט: זיין ווייב דינה איז מיטאמאָל ערנסט קראַנק געוואָרן און באַ די לעצטע אַנאַניעס אויף איר טויטן בעט האָט זי שלום'ען צו זיך צוגערופן, גענומען זיין האַנט מיט אַ שבועה, אַז נאָך איר טויט זאָל ער אוועקפאָרן צו די קינדער אין אַמעריקע.

אין אַ שיינעם אלול טאָג האָט דער אַלטער זיך געזעגנט כמעט מיט דער גאַנצער שטעטל — אויפ'ן בית־עולם, לעבן זיין דינה'ס קבר מיט אַ געבויגענעם קאָפּ געשטאַנען, מיט שטאַרע אויגן זיך ארומגעקוקט, שטיל געמורמלט שטיקלאך „מעבר יבוק" און אַ „זיי געזונט" תפלה...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

הערי האָט געוואָלט דעם טאַטן צופרידנשטעלן מיט אַ „בכבוד'־דיקע" שטעלע, האָט ער אים אין זיין פאַבריק פאַר אַן אויפזעער אַנגעשטעלט: אויפפאַסן אכטונג געבן וועד ס'ארבעט פלייסיק און ווער ניט, דערנאָך רעפּאָרטן צו דער פאַרוואַלטונג.

דער פאָטער איז ניט געווען „צוגעפּאַסט" צו זיינע פליכטן און דער זון איז דערפון געווען זייער ניט צופרידן. מיט אַזאַ אויפ־פּאַסונג, האָט הערי דעם טאַטן גאַליק באַמערקט, וועסטו מיך גיך פאַר אַ שנאָרער מאַכן! אַמעריקע, — האָט ער פאַרגעזעצט, — איז ניט אייראָפּע, רחמנות איז דאָ אין אַ קליינער מאָסשטאַב. ס'מעגן אַרבעטן באַ דיר דיינע עלטערן, דיינע קינדער, מוזטו פון זיי פאָדערן „קוואַליטי" פאַר דיין געלט. מיטלייד ליגט דאָ אונטער די פיס, געזונקען אין אַ טיפן תהום...

דער אַלטער טאַטע האָט אַ טיפן זיפץ געטאָן און באַדייטונגס־פול אַ שאָקל געטאָן מיט זיין גרויער קאָפּ אין זונ'ס זייט...

סיימאָן האָט פּראָטעסטירט, ווען ער האָט זיך דערוואוסט, אַז הערי האָט דעם פאָטער געשטעלט באַ שווערע ארבעט. ער האָט זיך געבעטן באַם טאַטן, אַז ער זאָל אינגאַנצן פאַרלאָזן דעם ברודער און זיך אריבערציען צו אים, וואו ער וועט אים האַלטן בכבוד. אָבער דער טאַטע האָט זיך אָפּגעזאָגט פון אָננעמען הילף

און גערולדיק, מיט פּאַטער־געטריישאַפט געטאָן זיין שווערע ארבעט
אין זונ׳ס שאָפּ.

אין די מינוטן פון שווערן געמיט, פון בייַנקשאַפט און אומעט,
פלעגט זיך דער אַלטער שלום פאַרטייען אין קליין־קינדער־חדר,
וואו הערי׳ס קינדער פלעגן שלאָפן און שעה׳ן לאַנג שטיין, שמונה־
עשרה׳דיק, מיט אַ פאַרריסענער קאָפּ, קוקן אויפ׳ן וואנט מיט מע־
לאַנכאָלישע, אומבאַוועגלאַכע בליקן אין איין ריכטונג, וואו זיין
דינה׳ס פאָטאָגראַפיע איז געהאַנגען, און טיפע פאַר׳יתומ׳טע זיפצן
פלעגן זיך ארויסרייסן פון זיין ברוסט און ווי אויף מלאכים־פליגלען
סודות׳דיק ארומשוועבן איבערן קליינעם צימערל און באַהעפטן
זיך מיט די קינדערשע שטילע נאַכט חלומות. ער פלעגט מיט אַ פּי־
בערהאַפטן עקסטאַז שעפּטשען אין דער שטיל: „דינה! ווען דו
וואָלסט געלעבט, וואָלט איך ניט אָפּגעריסן געוואָרן פון מיין גע־
בורט אָרט, פון מיין היים. דו האָסט מיך איבערגעלאָזן אויף הפקר,
אַ פאַרגעסענעם, אַן איינזאַמען! ווי כ׳בייַנק נאָך דיר, דינה!
כ׳בייַנק אַהיים!" און גרויסע טראָפּנס טרערן פלעגן רינען פון
זיינע, פאַראַקערטע מיט קנייטשן, באַקן און אַראָפּפאַלן אויף זיין
גרויער, עטוואָס אונטערגעשאָרענער באָרד.

חנה, זיין שנור, זיין שוועסטער׳ס טאָכטער, האָט וויי געטאָן
קוקנדיק ווי דער אַלטער ליידט און שווייגט. חנה האָט געזוכט
אַלע מעגלאַכקייטן ווי דעם שווער בארואיקן, מוטיקן, אָבער אַלע
אירע טרייסט ווערטער זיינען געוועזן אַן ערפּאָלג.

— כ׳קען דאָ ניט זיין — האָט דער אַלטער, ווי אַ קליין קינד
זיך געבעטן בא חנה׳ן, — כ׳קען ניט צוקוקן די גראָבע, ציניש ע
האַנדלונגען פון מיין הערי׳ן צו די מענטשן פון זיין פאַבריק. ער
באַגייט זיך מיט זיי ערגער ווי מיט אָקסן, מיט וועלכע אונזערע
פויערים אַקערן די פעלדער... אַלץ וואָס איך זע קריצט זיך אָפּ
אין מיין האַרץ און לאָזט איבער אַ ווייטאַקדיקן סליאַד. כ׳קען אויך
נישט פאַרטראָגן דעם ווירבל געדראַנג, דעם מגושמ׳דיקן קעסל גרוב,
ריכטיק ווי אין דאַנטעס גיהנום... גיין צו סיימאַנ׳ען קען איך
ניט. ער אַליין לעבט אין דחקות צוזאַמען מיט זיין ווייב און קינדער.

ער וויל פֿאַרמשכּון׳ען זיין ווייב׳ס, פֿאַר יאַרנלאַנג אָפּגעשפּאָרטע, אויריינגלאַך און די געלט מיך געבן, כּדי איך זאָל פֿאַרלאָזן די פֿאַבריק. ניין, כ׳וועל דאָס ניט טאָן! פֿאַר מיר איז דאָ איין אויס־וועג: פֿאַרלאָזן אַלץ וואָס איך האָב דאָ און פֿאָרן אַהיים, וואו ס׳ציט מיך אַזוי ווי אַן עלעקטרישער מאַגנעט צו מיין דינה׳ס קבר. דאָרט וועל איך צופֿאַלן צו די ווייכע ערד, זיך צוטוליען צו דער מצבה און זיך אָנזאַפּן מיט׳ן שטויב...

דער אַלטער איז אַנטשוויגן געוואָרן, אָפּגעווישט דעם שוויים פֿון שטערן, מאַכטלאָז זיך אַוועקגעזעצט, אַ קוק געטאָן ווי פֿאַר־טומלט אויף חנה׳ן, אויפֿגעצויגן די ליפּן מיט אַ טיפֿן זיפֿץ און געמורמלט:

„כ׳בּיינק אַהיים נאָך דינה׳ס קבר“...

צעשוואָומענע אַלוזיעס

בעלקין, אַן אויסגעפּוצטער, שלאַנקער יונגערמאַן, מיט אַ סימ־פּאַטיש־איידעלן פּנים און שיינע מאַניערן איז ארוים פון זיין צימער מיט אַ פּאָרטפעל אונטערן אָרעם; פאַרזשמורעט פון בליאַסקנדע זונענשטראַלן די אויגן, באַקוקט די הייזער, די דורכגייער פון ביידע זייטן גאַס, צוזאַמענגעדריקט די ליפּן, געפּלאַנעוועט אין וואָס פאַר אַ ריכטונג זיך נעמען זוכן „קליענטן“, וועמען שרייבן „אינשורענס פּאָליסים“. ער איז געשטאַנען אויפ'ן „גאַניק“ לעבן הויז אַ קורצע צייט אין אַ פאַרלעגנהייט, נאָכדיינקנדיק, האָט ער ארויסגענומען פון בוזים־קעשענע אַ נאָטיץ־ביכל, איבערגעקוקט די אַדרעסן, פאַר־צייכנט אַ פּאָר נעמען אויף זיין וויזיט־קאַרט און זיך געלאָזט גיין לאַנגזאַם צו דער ראַשיקער גאַס.

בעלקין איז ניט לאַנג אַ לעבנס־פאַרזיכערונג אַגענט. זיין „אַר־בעט“ קאָן ער שוין אויסגעצייכנט, פון וועלכע ער טרוימט אַמאָל זיין ערפאָלגרייך... די נאַטור האָט אין אים „אריינגע־בלאָזן“ אַן אָפּטימיסטישע נשמה: ער זעט אַ שיינע פּערספּעקטיווע אין העלע פאַרבן: אַ ברייטע אינטעלעקטועלע קאַנטשאַפט צווישן זיי פילע יונגע לייט, וועלכע זאָגן אים צו „פּראָספּעקט“. גלייך ווי זיי וועלן נאָר באַקומען באַשעפטיגונג...

פאַר די לעצטע חדשים האָט בעלקין גאָר ניט פאַרדינט. ער האָט שוין פיל חובות געמאַכט אויף דעם חשבון פון די צוגעזאָגטע „פּראָספּעקט“. ער איז פיל מאָל אריין צו זיין משפחה — אָנציען אַ שמועס וועגן „לעבנס־פאַרזיכערונג“, אָבער ער האָט קיין מאָל קיין מוט געהאַט רידן וועגן אַזאַ עניין, הערנדיק ווי זיי בעטן בא אים לייען אַ גמילות חסד...

בעלקין בלייבט שטיין בא אַ פאַבריק, וואו ער האָט דאָרטן ניט לאַנג צוריק געאַרבעט. קעמפט מיט'ן געדאַנק: אריינגיין צו די

באַלעבאַטים, וועלכע האָבן אים פיל מאָל אַזוי ביטער אַטאַקירט פאַר זיינע ערלאַכע איבערציייגונגען, אַנווייזנדיק זיי די נידעריקע מיאוס׳ע באַהאַנדלונגען קעגן זייערע אַרבעטער ?...

אביסל צייט האָט בעלקין אַרומגעשפּאַצירט איבערן „טראַ־טואַר“, זיך אָפּגעשטעלט אַ צווייטן מאָל באַם פאַבריק, פאַררייסן דעם קאָפּ אין דער הויך, נאָכגעטראַכט, ניט געקאַנט באַ זיך פועל׳ן. — דערמאָנענדיק זיך אָבער, אַז שוין זייער אַ לאַנגע צייט גאָר ניט פאַרדינט און איינגעטונקט אין אַ שולדן — איז ער מיט אַ גע־מאַכטן קוראַזש, אויסגלייכנדיק דעם שניפּס, מיט אַ לייכטן האַרצ־קלאַפּונג געבליבן שטיין אין „אַפּים“.

די באַלעבאַטים האָבן אים „פריינטלאַך“ אויפגענומען. דער־פאַרנדיק זיין וואונש — האָבן ביידע שותפים מיט אַ שעלמיש־ציניש שמייכל געהייסן בעלקינ׳ען אויספילן צוויי אַפּליקאַציעס פאַר „אינשורענס“...

ביידע באַלעבאַטים זיינען געווען אַ קאָנטראַסט איינער צום צווייטן, ווי די נאַטור אַליין וואָלט פון זיי חוזק געמאַכט: איינער איז געווען קליין און דאַר, ווי אַ סקאַלעט, מיט אַ וואָג פון אַ לילי־פּוט, און דער צווייטער — הויך ווי אַ ריז מיט אַן אומגעלומ־פּערטן פעטן בויך... זיי זיינען גלייכצייטיק אין אַ פּאָר טעג אַרום עקזאַמינירט געוואָרן, און ביידע — „דורכגעפאַלן“...

איין באָס, וועלנדיק אַרויסווייזן „אַ געטריישאַפט“ צו בעל־קינ׳ען, רעקאָמענדירט אים אויף זיינעם אַן אָנקל, וועלכער איז זייער גערן, איבערהויפּט זיין פרוי, צו קריגן אַ פאַרזיכערונגס פּאַליסי...

אויפ׳ן ערשטן קוק איז דער „אָנקל“ בעלקינ׳ען עפּעס פאַרגע־קומען פאַרדעכטיג: אַ קריינקלאַכער, ערטערווייז געלע פּליאַמעס אויפ׳ן פּנים; אונטער די אויגן „בלויע קישעלאַך“ און דער אָטעם אַזוי קורץ, אַז ער דאַרף זיך אָנשטרייינגען שטאַרק אַריינציען וואָס מער לופט פאַר די לונגען.

„דאָך דאַרף מען אים עקזאַמינירן“, טראַכט בעלקין.

אפשר ?... ס'קען זיין, אז עס דאכט זיך מיר אוים אזוי!... אזא גרויסע „פאליסי" מאכט זיך איינמאל אין א שמיטה. דאס פארדינסטל, וואס שטייט דא פאר, עגבערט בעלקינ'ען אין קאפ, וועט מיר געבן א מעגלאכקייט אויסבעסרן מיין עקאנא־מישע לאגע: „כוועל באצאלן אלע מינע חובות; כ'וועל זיך קויפן א שיינעם אנצוג און זיך אריבערציען אין א ראסקאשנעם צימער ערגעץ אין א לייטישערן געגנט, און איבערהויפט אוועקפארן צוזא־מען מיט מיין פלארא'ן אפרוען אין א שטילן רואיקן ארט. מיין ארי־מע פלארע, צוגיסט זיך בא אים אי ליבע אי מיטלייד. „ווי גוט און איידל דו ביזט!!" זינט איך קען זי, האב איך נאך ניט געהאט קיין מעגלאכקייט איר עפעס פארגעניגן פארשאפן. פילע רייכע יונגע לייט האבן זיך צו איר גע'שדכנ'ט, און זי — איר ריינע אומ־שולדיקע ליבע מיר געשיינקט, רעדט בעלקין צו זיך מיט התפעלות. אבער, פלארע, האבן זיינע ליפן געמורמלט שטיל: כ'וועל דיר דאפלט פאר אלץ באלוינען, די גוטע צייט איז שוין געקומען!"...

* * * *

אויף מארגן איז בעלקין געקומען מיט'ן דאקטאר צום „אנקל" אהיים עקזאמינירן.

ווי פארגליווערטע פון שרעק זיינען זיי ביידע געבליבן שטיין אין פאדערשטן צימער מיט ברייט צועפנטע אויגן: א סך מענטשן שטייען מיט ארונטערגעבויגענע קעפ, אייניקע מיט טרערן אין די אויגן. זיפצן, קרעכצן טראגן זיך אין דער לופטן מיט א באגלייטונג פון געוויינען... דער „אנקל" איז געלעגן אויפ'ן בעטל איבערגע־דעקט מיט א שווארצע שטיק טוך... די ווייב און קינדער שטייען ארום זיין בעט און פארהילכן דאס גאנצע הויז מיט באנומענע קולות...

דער דאקטאר מיט בעלקינ'ען האבן זיך מיט אנגסט און שרעק איבערגעקוקט און ווי אויטאמאטן פארלאזן דעם וואוינונג.

בעלקין איז געווען צוטראגן. א טיפער זארג, צוזאמענגעמישט

מיט יאוש, זײנען געלעגן אין זײנע אויגן. „אוים מיט אלע מײנע אילוזיעם!" האבן זײנע געדאנקען אים געמאטערט און צו רו ניט געלאזן.

ער האט זיך געשײדעט פון דאקטאר מיט א געצוואונגענעם שמײכל. ער האט ארויסגענומען זײן װיזיט־קארט, װאו ס'איז געװען פארשריבען נאך א פאר נעמען פון נײע „קליענטן" און זיך געלאזט גײן פאר'מרה־שחורה'ט מיט געצײלטע טריט נאך די אנ־געצײכנטע אדרעסן און צו זיך מיט אויפרעגונג געמורמלט:

צום טײוול! אין אזא שײנעם טאג שטארבן מענטשן און אויך שײנע האפנונגען...

א האלבער מענטש

א גרייז־גרויער מאַן איז האַלב געלעגן אונטערגעשפּאַרט מיט צוויי גרויסע היימישע קישנס צוקאָפּנס אויף אַן אָפּגעריבענע, סמנים פון אַמאָל, געפּאַרבט־ווייס בעטל. אַ פּאָר אידישע צייטונגען האָבן זיך געוואַלגערט האַלב צועפּנט, אַראָפּהיינגענדיק אויפ'ן פּאָרענטשע פון אַלטן ווינער־שטול, וואָס איז געשטאַנען האַרט צוגערוקט צום בעט.

אין צימער איז טונקל געווען. ווען ניט דער שוואַכער אָפּשיין פון גאַז־פלעמל, וואָס האָט אריינגעשיינט דורך דעם פאַרהאַנגענעם מיט ווייסע גאַרדינען „פראָנט־רום" פענצטערל, וואָלט אין אַלטנ'ס חדר געווען שטאַרק פינצטער.

אַן אַלטע פרוי, פון קליינעם וואוקס, מיט אַ ווייס פאַרבונדענע פאַטשיילקע אויפ'ן קאָפּ, האָט זיך פּאַמעלאַך אריינגעשאַרט צום מאַן אין צימער מיט אַ טעלער זופּ אין האַנט, אַוועקגעזעצט זיך אויפ'ן ראַנד בעט, און מיט אַ פריינטלאַכן פּנים זיך געווענדעט צום יונגמאַן וועלכער איז נאָר וואָס אריין, ער זאָל קיין פאַריבל ניט האָבן און צו וואַרטן ביז דער אַלטער וועט אָפּעסן.

רבי אייזיק, טיף אין די זיבעציקער, מיט פאַראַקערטע קאַרבן אויף זיין פּול־ווייטאַקדיק דורכגעלעבטן פּנים און מיט אַ קיילאַכ־דיקע גרויע, עטוואָס אונטערגעשאָרענע באָרד, האָט זיך פאַר צייט־ליכ'ען אַנטשולדיקט און געבעטן זיין פרוי אַראָפּנעמען די צייטונ־גען פון שטול און מיט אַ האַרציקן שמייכל אין זיינע העל־בלויע אויגן געבעטן אים זיצן.

— „ס'האָט מיר אמת ווי געטאָן, האָט דער אַלטער אייזיק זיך פאַרענטפערט פאַר צייטלינג'ען, וואָס יענע וואָך האָב איך מיט דיר ניט געקענט זיך צוזאַמענריידן צוליב מיין שוואַכן געזונט, ערשט

וועלן מיר אביסל זיך דורכשמועסן, און באלד קומט מיין דאַראָ'לע.
וועט נאָך פריילאכער ווערן."

ציטלין האָט זיך ארומגעקוקט, ווי ער וואָלט אימיצן געזוכט און אינסטינקטיוו אַ שוידער געטאָן.

צופוסנס פון בעט, באַם אשאַק פון טיר, איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט „אַ האַלבער מענטש", וועלכער האָט סילועטיש געשווארצט אויפ'ן וואַנט, אייגעהילט אין געקעסטלטע, ברוינע הייזן, באַגאַרטלט מיט אַ רימען און מיט שוואַרצע שטיבלעטן.

מיט ברייט-צועפנטע, דערשראָקענע אויגן האָט אים ציטלין באַטראַכט און קיין מינדסטן באַגריף ניט געהאַט פון וואַנען און וועמעס צוויי פיס מיט די שוואַרצע שטיבלעטן שטייען באַם אַשאַק אַזוי פאַר'אבל'ט?

דער אַלטער האָט פאַרשטאַנען ציטלינ'ס באַוואונדערונג. רחמנות'דיק אַ שנירל געטאָן מיט די בלוטלאָזע דיקע ליפּן, און אָנווייזנדיק מיט'ן פינגער באַם אַשאַק, האָט ער שטיל ארויסגעקרעכצט:

— אָט דער „האַלבער מענטש", מיין פריינט, אויף וועלכן דו קוקסט אַזוי נייגעריק-צטומלט, קומט פון אַ שראַפּנעל!

ציטלין האָט אומפאַרשטענדלאַך געוואָרפן אומגלויביקע בליקן אויף דעם „האַלבן מענטשן" מיט די געקסטלטע הייזן און אומבאַהילפיק אַ מורמל געטאָן: „איך באַגרייף ניט, רבי אייזיק. וואָס מיינט איר פון אַ שראַפּנעל?!"

— ס'איז גאָר פשוט, יונגערמאַן, אָט דער „פּאַרשוין", וואָס שטייט אָנגעשפּאַרט באַם וואַנט, איז פון אַ שראַפּנעל. האָט דער אַלטער ווידערהאָלט און אַ טיפן לאַנגן זיפץ געטאָן. פון אַזאַ מין פייער-קויל, האָט ער פאַרגעזעצט, ווערן צוויי נייע פיס, צוויי האַלבע קערפּערס, און אַז גאָט העלפט ווערט מען איינגאַנצן אַ גאָרניט...
האָט אייזיק שפּאַסיק געזאָגט.

שוין לאנג, זייער לאנג איז עס געווען, האט ער אנגעהויבן דער־ציילן און זיך אויפגעזעצט העכער.

א סך זומערן און ווינטערן זיינען כוואליעדיק איבער מיין גרויער קאפ אריבער און האבן מיינע יארן איינגעקארבט אין טיפע סליאדן פון אלטקייט, און די לאנגע צייט האט מיך אויסגעלערנט געדולדיק ליידן און „פאקארנא", שטיל זיין. דו ביזט נאך דאן, יונגערמאן, אין אמעריקע ניט געווען, און אפשר אין רוסלאנד אויך ניט — דער גוטער יאר ווייס וואו דו ביזט געווען ?... האט רבי אייזיק וויצלענדיק א שמייכל געטאן און געריק ניט געבעטענערהייט אנ־געהויבן דערציילן :

— „דאס איז געווען אין יאר 1874, אויב איך האב קיין טעות ניט. רוסלאנד האט מלחמה געפירט מיט טערקיי. די שלאכט איז געווען א פארביטערטע. די קאמפאניע פוןביידע צדדים איז גע־ווען אין פולן ברען ; געוואלדאוונע גרויסע ארמייען זיינען געשטא־נען אין רעזערוו, ווארטנדיק זייערע רייען צום שלאכט־פונקט גיין. כ'בין נאך דאן גאר א יונגערמאנטשיק געווען — בלוט און מילך, אקוראט ווי מיין דארא'לע ; נאר וואס חתונה געהאט, אבער מיט גוואלט האט מען מיך פון מיין שרה'לען ארויסגעריסן און פאר א סאלדאט אפגעגעבן. דו זעסט מיין אלטיטשקע ? האט אייזיק אנ־געוויזן אויף זיין ווייב, באמערקנדיק איר זיצן אן א זייט אויפ'ן קערבל, אט די אלטיטשקע, האט ער מיט גאוה באמערקט, האט דאן ווי א מאיר־רויז געבליט, פול אנגעהויכט מיט לעבנסטוי ; איר שיינ־קייט איז געווען א גרויל.

די אלטע האט אומצופרידן א הויב געטאן נערוועז מיט די אקסלען און נידריקער אראפגעשארט די פאטשיילקע איבער'ן שטערן. רבי אייזיק האט לאנגזאם זיך אנגעשפארט מיט ביידע הענט אויפ'ן קאלדרע, זיך אויסגעהוסט, אנגעפילט טאבאק אין דער פארלאשענער ליולקע, פאררויכערט, און פארגעזעצט ריידן :

די שלאכט־פעלד איז געווען געוואלדיק גרויס, — מיט אן אויג ניט ארומצוכאפן, און ווי ווייט איך האב געקענט זען, איז די פעלד געווען אנגעווארפן, ווי מיט אן אומזיכטבארע האנט, מיט צו'ממית'־

טע און פֿאַרוואָונדעטע סאָלדאַטן. כ'האָב זיך שוין איינגעלעבט, כמעט ווי איינגעבירגערט מיט די האַרמאַטן־קוילן, גראַנאַטן־זשו־מען, שראַפּנעלן־זשוזשען און סתם פֿליענדיקע פֿייערן. איינמאָל איז די שלאַכט אויסגעפֿאַלן אין אַ הייסן טאָג. די זון שרפֿה'ט אומ־רחמנות'דיק דעם ריזיקן שטח, וואו אונזערע אַרמייען שטייען צוא־וואָרפֿן. די קנאַלן פֿון די האַרמאַטן און דער קראַכן פֿון די פּלאַצנ־דיקע באָמבעס פֿאַרטויבן דאָס לופֿט אַרום. איך ווער פֿאַרהילכט פֿון ליאַרם און געפּילדער פֿון די שיסערייען. ביידע פֿיינטלאַכע לאַגערן ליידן שרעקלאַכע פֿאַרלוסטן, און די שעה'ן, די מינוטן זיינען פֿאַר אונז גאַנצע אייביקייטן — ביז — ביסלאַכווייז ווערן מיר פֿאַרטעמפּט, פֿאַרהאַרטעוועט, צוגעוויינט צו די אוממענטשלאַכע היסטערישע יללות, וועלכע פֿאַרהילכן דאָס לופֿט ווי אָפּגעהאַקטע עכאָס, ווי געשרייען פֿון ווילדע שאַקאַלן. ווייט, וויפֿיל דער אויג זעט, שלעפּן זיך פֿאַרשטויבטע, אָפּגעריסענע סאָלדאַטן, מיט אָפּגע־ברענטע פֿון די הייסע מזרח־זון שטראַלן, פּנים'ער, קוים הויבנדיק זייערע מידע פֿיס איבער'ן זודיקן ברייטן זאַמדיקן שליאַך צו זייערע אונטערערדישע פֿייכטע טראַנשייען. אין די שוידערלאַכע שעה'ן פֿון שלאַכט־באָמבאַדירונג, האַלט איך פֿעסט צוגעפּרעסט צו מיין ברוסט אַ קליין מזוזה'לע, אַ מתנה פֿון מיין קראַנקן פֿאָטער, וואָס האָט אַראָפּגענומען פֿון אַשאַק פֿון אונזער קליין ירושה־שטיבל און עס איבערגעגעבן מיר אין וועג מיט פֿולע אויגן־טרערן און ציטער־דיקע פֿינגער: „פֿילעווע ווי דיין שוואַרצאַפּל פֿונ'ם אויג, מיין זון, אָט די מזוזה, האָט מיין יאַדאַשליווער טאַטע, שליכאַנדיק גע־זאָגט: זי וועט דיך באַשיצן אין דיינע פֿיינלאַכע טעג און דיין לעבן אָפּהיטן, און געדיינק, אַז דער „שדי" וועט שטענדיק זיין מיט דיר" !... — — — —

איינמאָל, שטייענדיק אין אַ „צוואָוואָרפֿענער קייט", ניט ווייט פֿון שונא'ס לאַגער, האָב איך מיט אַמאָל אַ שרעקלאַכן שוידער גע־טאָן — איבער מיין לייב האָט דורכגעפּויזעט אַן עלעקטרישער שטראָם: אַ הילכיקער זש־זש־זש פֿון אַ שראַפּנעל־קויל האָט אַ ברען געטאָן מיינע פֿיס און איך בין געפֿאַלן... מיינע גלידער האָבן זיך שטייף צוזאַמענגעצויגן: בלויע, גרינע און רויטע פֿלאַמלאַך

האָבן ווי ווירבל־געדראַנג געטאַנצט אַ ווילדע אָרגיע פון מחבלים־טענץ אין מיינע אויגן. און ווען כ'האָב זיך אויפגעכאַפּט בין איך געלעגן אין אַ ליכטיקן שפּיטאָל אין אַ ווייס־בעטל, איינגעבאַנדאַזשירט אין אַ סך באַנדאַזשן... חולאים קרעכצנדיקע, שטאַרבנדיקע האָבן אָנגעפילט די גרויסע פּאַלאַטע־לופט מיט פּיינלאַכע יסורים־געשרייען.

איך בין געווען צומישט, פאַרטעמפּט פון די פאַרשיידענע איינשפּריצונגען אין כלאָראָפאָרם און בשום אופן ניט געקענט זיך פאַנאַנדערקלייבן, וואָס מיט מיר האָט פּאַסירט, ביז — ביז איך בין שוין געווען בכח אָנטאַפּן מיט מיינע הענט מיין קערפּער, דאַן האָב איך ערשט פאַרשטאַנען... — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — —

ליכטע, שטילע טריט האָבן טויב אָפּגעהילכט אין קאָרידאָר, און דעם עכאָ פאַרלאָרן אין לאַנגן אָפּגעריבענעם קאָלירלאָזן קאַוויאַר פון'ם דיל.

רבי אייזיק איז שטיל געוואָרן, אָפּגעווישט מיט זיין גרין פאַטשיילקע די ווינקלען פון מויל און שטערן.

די טיר האָט זיך אימפּעדיק אויפגעפּראַלט און אַ יונג־מיידל פון מיטעלן וואוקס, אַ פאַררויטיקטע פון פרישן האַרבסט־לופט, איז האַסטיק אריין אין הויז, חנ'עוודיק אַ פּאַטל געטאָן איר שיין געבאַבט־קאָפּ און מיט פאַרוואונדערטע גרויסע אויגן אַ קוק געטאָן אויפ'ן שטול, וואו צייטלין איז געזעסן מיט'ן פאַרטפעל אין האַנט און ליכט אַ נויג געטאָן מיט'ן קאָפּ.

— וואָס אזוי שפּעט, דאָראַ'לע? האָבן טאַטע־מאַמע פריידיק איר באַגעגנט און גלייכצייטיק איר אַ ליכטן פאָרוואורף געמאַכט.

כ'האָב מיינע אויגן געבלענדעט באַם פענצטער ארויסקוקנדיק דיך; מיין האַרץ איז מיר שיר ניט ארויסגעפאַלן פון שרעק: גאָט ווייס וואָס מיט דיר איז! געדאַרפט קומען אין צייט, און זע, קינד מיינס, ווי שפּעט עס איז, האָט די מאַמע שוין אַ באַרואיקטע

מיט אַ פריילאַכן געמיט געזאָגט, אָנווייזנדיק אויפ׳ן וואַנט־זייגער. און לייכט אָפּגעצויגן דעם אָטעם.

— „דער טייוול וועט מיך ניט כאַפּן, מאַמע! ער האָט רעס־פּעקט פאַר „גרינע" מיידלאַך; ער ווייס, אַז זיי קאָנען אים געבן אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד — „אַ־לאַ לענין און טראָצקי"... האָט דאָרא זיך געוויצלט און הארציק געלאַכט. די גאַסן, מאַמע, זיינען דאָ צו גוט באַלויכטן און מענטשן ווי מוראַשקעס פּלאָנטערן זיך אונטער די פיס און דער טייוול האָט מורא פאַר אַ סך מענטשן...

זי איז אַ ווײַלע שטיל געוואָרן, זיך פאַרטראַכט און מיט אַן ערנסטן פּנים ווידער אָנגעהויבן ריידן: „כ׳האָב זיך פאַרשפּעטיקט, מאַמע, ווייל כ׳בין געווען בײַ דער פאַרזאַמלונג. געוואָלט זען ווי די אַרבעטער, וועלכע אַרבעטן דאָרט, וועלן זיך באַציען צו די אַרויסגעוואָרפענע אַרבעטער, וועלכע האָבן געשקלאַפט דאָרט פאַר אַ נישטיקן פּרייז, און אַז זיי האָבן שוין מער ניט געקאָנט נאָכקומען דעם אומגעלומפּערטן גרויסן פּראָדוקציאָן, זיינען פיל פון די עלטערע אַרבעטער אַרויסגעשליידערט געוואָרן, ווי אומנוציקע אַלטע שיך — און די איבערגעבליבענע אַרבעטער, וועלכע דאַרפן זיין איין גאַנצעס, איין מיינונג, איין מאַכט, ניט ווי צושאָטענע ריטלאַך... און פאַר די אַרויסגעוואָרפענע קעמפן — זיינען זיי גאָר געזעסן אַפּאַטיש, שטום, באַוועגלאָז ווי מאַרינאַטן־ליאַלקעס... אָט די אַפּאַטיש־קנעכטישע גלייכגילטיקייט האָט מיינע נערוון דער־שיטערט — אַמעריקאַנער אַרבעטער זאָלן זיין אַזוי אָפּגעשטאַנען, אַזוי געדולדיק־קאַלט, דאָס יעדער באַזונדער ציטערט פאַר זיין אייגן פעל... כ׳האָב פיל מאָל באַשלאָסן אין הויז קיין וואָרט ניט דער־ציילן, שווייגן, אָבער אין מיינע בלוטן איז איינגעזאַפּט דער גייסט פון רעוואָלט, פון גערעכטיקייט — אַ ירושה פון דיר פּאָפּע, האָט דאָרא מיט פאַרפלאַמטע באַקן צום פאָטער זיך געווענדעט און אים אין שטערן אַ קוש געטאָן. זי איז אַריין אין צווייטן צימער, צוגע־גאַנגען צום קליין אָפּגעריבענעם וואַנט־שפּיגל, פאַרקאַמט די האָר, אויסגעטרונקען אַ גלאָז וואַסער און מיט אַ באַ׳חנ׳טן גראַציעזן דריי אַריין צוריק אין פאָטער׳ס צימער.

צייטלין האָט זיך געפילט ווי אַן איבריקער, ניט געבעטענער צווישן די האַרציקע „גרינע" מענטשן. עטלאַכע מאָל געוואָלט זיך אויפשטעלן און זאָגן „גודביי", אָבער דאָראַ'ס וואַרימע האַרציקע רייד, האָבן אים צוריקגעהאַלטן און אינסטינקטיוו געמאַכט אים אינטים.

— אייער פאָטער, פריילין, איז אַ מערקווירדיקער דערציילער פון זיינע מלחמה־איבערלעבונגען, האָט צייטלין זיך געווענדעט צו דאָראַ'ן ; ווען איך האָב טאַלאַנט צום מאָלן, האָט ער ערנסט געזאָגט, וואָלט איך אין אייך און אין אייערע עלטערן אָפּגעשפּיגלט דאָס שיינקייט, די נאָבלקייט — דעם אמת'ן מוסטער פון ערלאַכן אויפריכטיקן לעבן ! . . .

— אַ גרויסן דאַנק אייך, פריינט צייטלין, פאַר אייער צו גוטן מיינונג ; אַביסל צופיל איבערזאַלצן, האָט דאָראַ געשמייכלט, איר זייט געווים ערשט אין אַ גוטער שטימונג, און ווי אַ סך יונגע אינ־טעליגענטע לייט אַביסל סענטימענטאַל, אָבער ס'איז „אָלרייט", ווי אייערע אַמעריקאַנער זאָגן, קיין שלעכט וואָרט פאַרדינט איר ניט . . .

מיין טאַטנ'ס געשיכטע איז שוין אַזוי אַלט, באַלד ווי זיינע צוויי הילצערנע פיס, אָבער פאַר אַ פרעמדן באַזוכער איז זי שטענ־דיק ניי און אינטערעסאַנט. איך ווייס שוין כמעט אויף אויסווייניק: „פּאַפּע'ס שראַפּנעלן, פּולעמיאָטן, האַרמאַטן־קנאַלן זש־זש־זש !" האָט דאָראַ ווי אימיטירט און מיט שיינע הענט־זשעסטן געפּאַכעט אין דער לופטן. מיין אָרימער פּאַפּע איז שוין לאַנג־לאַנג גלייכגיל־טיק צו זיין „סודבא" — „פּראַפּאַלאַ, טאַק סוזשדענאַ און באַסטאַ", ווי פּאַפּע זאָגט שטענדיק.

זעט איר, פריינט צייטלין, ווען פּאַפּע וואָלט ערשט זיין געזונט. אָפּגעזען וויפיל ער איז אַלט, וואָלטן מיר אַלע אין אַביסל צייט שפּע־טער אוועקגעפאָרן צוריק נאָך סאָוועט־רוסלאַנד. דאָס לעבן דאָרטן, עך ווי טייער ! איך אַליין, ווי איר קוקט מיר אָן, צייטלין, וואָלט מיט מיינע נעגל און ציין די ערד געאַקערט, מיט'ן שווייס אויפ'ן פּנים און פריילאַכע לידער, די זאַנגען געשניטן און אין גאָרבן גע־

בונדן: כ׳וואָלט וויליק געווען אין אַ קליין ערדיש־שטיבל וואוינען, אַבי אוועק פונ׳ם הו־הא, פון דעם מאָדערנעם מגושם׳דיקן־בבל, — פון אייזן און שטיין, פון פאַבריק און שאַפּ, וואו דאָס לופט שטיקט אונ׳רחמנות־ווייטאָקדיק — איך וואָלט אַנטלאָפן אפילו ערשט ווען איך קאָן!!

— פאָלקאָם איינשטימיק, דאָרא, האָט צייטלין טרויעריש גע־ענטפערט און זיך אַנטשולדיקט פאַר זיין פאַמיליאַרישקייט.

זינט די קאָלאָניזאַציע אין סאָוועט־רוסלאַנד איז געוואָרן אַ פאַק־טאָר אין לעבן, האָט צייטלין שטיל און זאַנפט געזאָגט, קוק איך ערשט מיט באַדויערן אויף די, וועלכע האָבן מיר פריער מיט זייערע פוסטע זאַמד־פראַזן און אַבסטראַקטע אידעאָלאָגן אַנדערע געטער געגעבן... ערשט האָב איך זיי אַלע צובראָכן...

קאָנסטרוקטיווע אַרבעט אויף געזונטע יסודות איז דער עצם. און ווירקלאַך, דאָרא, האָט צייטלין פאַרגעזעצט ריידן מיט פּאַטאָס:

— אַ פאָלק פון געוועזענע קרעמער, אַ פאָלק פון טאָרבעס, פון הימל־מענטשן — בויען ערשט זייער צוקונפט אויף אַ געזונטן, פּרוכטבאַרן באָדן, און יעדער ערלאַכער מענטש דאַרף וויסן, אַז די אידישע קאָלאָניזאַציע, איז ערשט דער ערשטער שוואַלב פון אמת׳ע עמאַנציפּאַציע מצד דער סאָוועטן־מאַכט, וועלכע פאַרגיטיקט פאַר די אַלע פאַרפאָלגונגען, באַשריינקונגען, וועלכע די אידן האָבן אויס־געשטאַנען צייט פון דער צאַרישער דינאַסטיע: אַלע שאַטירונגען, אַלע שיכטן פון אידישן פאָלק דאַרפן דאַנקבאַר זיין די אַלרוסישע סאָוועטן־רעפּובליק, וועלכע שטריינגט זיך אַן מאַכן פאַר אַ פּראָ־דוקטיווע אַרבעטער אַ פאָלק פון אַ באָדנלאָזן אינהאַלט...

אייער פאָטער, דאָרא, האָט אין זיין לעבנס־גאַנג אין זיין עפּאָכע פון דערנידערונגען, גזרות געגוג דורכגעלעבט: ער ווייס אין וואָס פאַר אַ צושטאַנד דאָס רוסישע אידנטום האָט זיך געפונען אונטער׳ן אַלטן רעזשים: באַשריינקט, באַ׳גזל׳ט, צוזאַמענגעפּרעסט אין עט־לאַכע צוגעוואָרפענע אויסגעבעטלטע גובערניעס, און די מורא׳דיקע שרעק פאַר׳ן גוי, דער אימת מות פאַר׳ן טשינאָווניק: די אידישע

און אַלוועלטלאַכע געשיכטע איז דורכגעווייקט מיט אידיש בלוט און טרערן — און אַ דאַנק די מעכטיקע סאַציאַל־רעוואַלוציע, וועלכע האָט געגעבן אַזאַ ריזיקן שטויס דעם גאַנצן איבערבוי.

* * *

ציײַטלין האָט ניט באַמערקט ווי דאָרא איז געשטאַנען לעבן אים מיט בליץ־פייערדיקע אויגן...

דער אַלטער אייזיק איז געזעסן אין בעט ארונטערגעלאָזן דעם קאָפּ און טיפע לאַנגע זיפצן האָבן זיך געטראָגן פון זיין ברוסט, זוכנ־דיק אַ תיקון אין ווייטן חלל.

— „אַה! די שראַפּנעלן, די פּולעמיאָטן, האָט ער ווי צו זיך געמורמלט: זיי האָבן גע'גזל'ט מיינע פּיס, גערויבט מיין מעגלאַכ־קייט מיך אויך מאַכן פּאַר אַ פּראָדוקטיוון בירגער פון נײַ־רוסלאַנד!“

די אַלטע איז געשטאַנען לעבן מאַנ'ס בעט, אונטערגעשפּאַרט מיט'ן האַנט דעם ברייט־צורונצלטן שטערן און אַבל'דיק געשאָקלט מיט'ן קאָפּ. גאָט! האָבן אירע ליפּן שטיל, ווי אַ תּפילה גע־שעפּטשעט: שיינק נאָך אונז יאָרן! מיר ווילן נאָך אַ ביסעלע נחת זען באַ אונזער דאָראַ'לען. מיר זיינען שויןביידע ווייט־ווייט באַרג אַראָפּ, און אַ ליכטיקע זון שיינט נאָך ערשט אויך אין מיטן הימל, אָבער שוין ניט פאַר אונז. איך וואָלט אויך וועלן פּאָרן אַהין, אין מיין ברוסט קלאַפּט נאָך אויך אַ האָפנונג, אָבער מיין אַלטער, מיין אָרימער אייזיק, ווי קאָן ער? געשטראָפט, באַ'גזל'ט!! — —
— —

נאָר דאָרא מיט ציײַטלינ'ען, פול מיט אידיליעס און הייסע פאַר־לאַנגען האָבן איינער דעם צווייטן טיף פאַרביינקט ארייגגעקוקט אין די אויגן: זיי האָבן דעם מיסטישן סוד געזוכט אין זייערע מחשבות...

און זיי האָבן זיך שטום פאַרשטאַנען...

ביידנס הערצער האָבן אַ זודיקן פלאַטער געטאָן...

געטרויבט זיין גליק

לעאַן באַגעגנט זיך מיטבערטע'ן פון צייט צו צייט און שפּאַ־צירן צוזאַמען ביז שפּעט אין דער נאַכט. ער צושיידט זיך מיט איר מיט דעם גליקלאַכן געדאַנק, אַז גאָר גיך וועט ער שוין שטענדיק זיין מיט איר.

זיי קענען זיך שוין פון לאַנג, נאָך פון דער אַלטער היים, וואו ער האָט דאַן געטרוימט חתונה האָבן מיט איר — אָבער בערטע איז נאָך יונג געווען, און איבערהויפּט אירע עלטערן זיינען געווען קעגן דעם שידוך...

די שטורמדיקע עפּאָכע פון דער גרויסער רוסישער רעוואָלוציע און טיילווייז די אוקראַינער פּאָגראָמען האָבן זייביידן, ווי פילע אַנדערע טויזנטער מענטשן, אַרויסגעריסן פון זייער געבורטס־אָרט און אַריינגעשליידערט אַהער אין ניו יאָרק, וואו, צופעליקערווייזע, זיי האָבן זיך ווידער באַגעגנט.

בערטע אַרבעט אַלס אַ בוכהאַלטרן אין אַדעפּאַרטמענט סטאָר. זי האַלט זיך מיט ווירדע קעגן די אָנגעשטעלטע פון געשעפט, וועלכע זוכן אימער איר פריינטשאַפט, איבערהויפּט דער באָס, אַן אַלטער אַפּגעלעבטער „בעטשלאָר", איז זייער פאַראינטערעסירט איר צו געפעלן — און זוכט פאַרשיידענע מיטלען איר צו באַזיצן... בער־טע אָבער נעמט ניט ערנסט קיינעם...

לעאַן איז דער איינציקער, צו וועלכן זי האָט צוטרויען און דערציילט אים מיט שפּאַס אַלע קאָמישע פּאַסירונגען פון איר טאָג־טעגלאַכן לעבן.

ער פילט זיך אַזוי גליקלאַך, וואָס זי איז צו אים אַזוי אינטים, דאָך באַפאַלט אים ציימנווייז אַ פאַרדאַכט...

— אַמעריקע, מורמלט ער צו זיך, איז אַזאַ לאַנד, וואו מיידלאַך

מאַסקירן זיך בעסער, ווי אַקטיאָרן אויף דער בינע: מ'בייט אויף זיך פאַרשיידענע מאַסקעס און אַלערליי קאָלירן און פּאָזעס!...

באַ דיזע געדאַנקען באַפאַלט אים אַן אומעט און ער ווערט מוט־לאָז.

דעם זונטיק איז בערטע אָבער געווען זייער שטימונגספול. זי האָט מיט לעאָנ'ען פיל געשפּאַצירט, האַרציק געלאַכט, געשטיפּט: אויף אירע לאַנגע, צאַרטע פינגער געדרייט זיינע געקרויזטע האָר, געטוליעט זיך צו אים... זיין שיין־פּליסיקע שפּראַך מיט די שאַר־פע סאַטירישע אַנעקדאָטן האָבן באַ איר אַרויסגערופן הילכיקע געלעכטערס.

שעה'נלאַנג זיינען זיי געזעסן אין פאַרוואָרפענעם ווינקל פון גרויסן שטאָט־פּאַרק, און סודות'דיק אַריינגעקוקט איינער דעם צווייטן טיף אין די אויגן...

דער וועטער איז געווען מילד: דער פרילינג האָט זיך געפילט אין דער לופט און שאַרף אַריינגעשטראָמט אין נאָז.

דאָ און דאָרט האָבן די צוריקגעקומענע פויגעלאַך פון די וואַרימע לענדער, געצווישטשערט, געשפּרונגען פון צווייגל אויף צווייגל, אין די שנעבעלאַך געטראָגן פאַרטריקנטע בלעטלאַך, פאַרוועלקטע גרעזלאַך, — צוגרייטן פאַר זיך אַ ניי לעבן...

בערטע האָט זיך צוגעטוליעט צו לעאָנ'ען, אַרומגעכאַפּט זיין האַלז מיט אירע רונדע ווייסע הענט און פריידיק געפּליסטערט: מיין גוטער לעאָן, זאָג, וועסטו מיך שטענדיק ליבן 'ווי ערשט? וועסטו מיך שטענדיק באַשיצן און געטריי זיין?...

לעאָן האָט דערפילט ווי אין האַלז שטיקט אים, פּרעסט אים פריידנטרערן — און קוים מיט אַ פראַגע געענטפערט: און דו?...

* * *

פול מיט פרייד און איבערראַשונג איז לעאָן אַריין צו זיך אין צימער. פאַר'שכור'ט פון האָפנונג זיך אָוועקגעלייגט אין די זאַכן אויפ'ן בעטל און פאַרטראַכט זיך אין דער פאַרגאַנגענהייט:

די שטאָלצע, שיינע בערטע איז זיינע? גאָט! עפּעס גלויבט זיך נים.

ער זעט פאַר זיך אַ מיניאַטור פון זיין געבורט־שטאָט אין די זומערדיקע פּאַרנאַכטן. ער שפּאַצירט מיט אַ חבר אויף דער „נאַ־בערזשנע". ס'זינגט אַ וואונדערשיינע שטימע. שאַלט אָפּ ווי אַן עכאָ אין דער טונקעלער ווייטקייט. צאַרטע מעלאָדיענקלאַנגען שווי־מען אין דער הויך אין דער קילער נאַכט־לופט. די טענער קומען פון מיטען טייך, וואו בערטע מיט אַ גרופּע קורסיסטקעס שיפן זיך. און אין דער ווייטער ווייטקייט שיינען שימערירן פייערלאַך, און ס'ציט, מאַניעט אהין צו יענעם פאַר'כשופ'טן אָרט... ס'ווערט אים אזוי גרינג, מחיה'דיק אויפן הארצן. ס'ווילט זיך ארומנעמען אַלע מענטשן. דריקן זיי שטאַרק צום ברוסט און אויסשרייען פון פרייד. — — — — — — — — — — — — — — — — —

געדאַנקען ווי פאַרנעבלטע וויקלען זיך פון אַ קנויל און פאַר־פּלאָנטערן זיך בא אים:

ער אַרבעט אין שאַפּ. דער באָס — אַ בייזער, שטענדיק אין כעס, רצח'דיק־אָנגעכמורעט, מיט זויערע גרימאַסן שפּאַנט היִן און צוריק צווישן ביידע שורות מאַשינען מיט האסטיקע טריט; וואַרפט בייזע אונהיימלאַכע בליקן אין אַלע זייטן... אָט שטעלט ער זיך אָפּ אַ ווײַלע, קוקט אין דער ריכטונג, וואו בענצע — אַן אַנגעבלאָ־זענער, מיטל־יאָריקער איד אַרבעט. זיין פּנים, באַבערדלט מיט קורץ געשאָרענע האָר, אונטער די אויגן געפּאָלדעוועט מיט פאַר־אַקערטע קנייטשן, — ער צאַפּלט זיך קאָנוואולסיוו, שטריינגט זיך אָן מיט די לעצטע כחות ארויסשאַרן פון נאָדל־ברעטל, פון דער מאַשין די אַרבעט גיכער, פלינקער... ער באַגיסט זיך מיט שוויים... און דער באָס קוקט אים אָן שאַרף, ציניש — נעמט ארויס זיין קעשענע־זייגער וואַרפט בליקן, ציילט די מינוטן, ווי לאַנג עס נעמט די אַרבעט צו מאַכן... זשעסטיקולירט מיט די הענט צום צווייטן שתוף, אַמפּערט זיך מיט אים, שרייט גוואַלדעוועט...

לעאָן זיצט איינגענורעט אין מאַשין. דער רוקן ברעכט... די געדאַנקען טראָגן... ס'ווילט זיך אַנטלויפן פון דער אייביקער

„פרייער תפיסה“ ווייט, ווייט — און מעכאניש הויבן זיך אויף די אויגן: די אַרבעטער בלאַסע, בלוטלאָזע, מידע פּנים׳ער, אָנגע־שטריינגטע אויגן — און אַ זיפץ טראָגט זיך אַרום פאַר׳יתום׳ט איבער דעם פאַרשטויבטן תפיסה־שאַפּ, ווי ער וואָלט זוכן אַ תקומה...

דער דיינקונגס אַפּאַראַט ווערט מיטאַמאָל אָפּגעשניטן... ער דערפילט עפּעס אַ חלל אַרום זיך.

ער שוועבט מיט בערטע׳ן הויך איבער די ווייטע בלויע האָרי־זאָנטן. אַ זאַנפטער זעפיר־ווינטל בלאָזט שטיל, ווייך מיט אַ גן־עדן חיות און דערקוויקט די נשמה... בערטע האַלט אים פעסט גע־קלאַמערט אין אירע ווייסע הענט — און פּלוצלונג ווערט דער זעפיר פאַרוואַנדלט אין אַ טאָרנאַדאָ און טראָגט זיי ביידן מיט אימ־פּעט, מיט רעש העכער און טיפער אין די ווייטע נייע וועלטן, וואו די זון און די שטערן שיינען טאָג און נאַכט — וואו אַ מיסטישע הייליקייט שוועבט...

ער פילט ווי דער שטורם־ווינט פאַרטראָגט אים, צושיידט אים פון בערטע׳ן — ער ראַנגלט זיך! ער נעמט צונויף די לעצטע כחות, שטריינגט זיך אָן צו באַהעפטן זיך מיט איר, אָבער ער איז מאַכט־לאָז. — ער דערפילט פּלוצלונג אַ שאַרפן ווייטאָק אין קאָפּ — און פאַרשטיקטע קרעכצן רייסן זיך אַרויס בײַ אים פון ברוסט...

* * *

לעאָן האָט זיך אויפגעכאַפּט: פאַרוואונדערט, האַלב צומישט גע־קוקט אין אַלע זייטן, אויפ׳ן סופיט, בּיסלאַכווייז קאָנצענטרירט זיין גדאַנק; טאַפּט און רייבט דעם שטערן, פילט עפּעס אַ ווייטאָק. וואָס שלעפעריקערהייט האָט ער זיך אָנגעקלאַפּט אָן בעטל...

לעאָן איז דעם גאַנצן טאָג געווען ווי אין עולם התוהו... עפּעס ווי אַ פאַרגעפּיל האָט אים געמאַטערט און פאַרפאָלגט. ער איז עטלאַכע מאָל צוגעגאַנגען צום טעלעפאָן, געוואָלט אָפּרופן בערטע׳ן אָבער ער האָט זיך אָפּגעהאַלטן...

פאַרנאַכט, ווען ער האָט זיך געקליבן גיין אין גאַס, האָט אים דער בריפטרעגער איבערגעגעבן אַ קליינעם ראָזן קאָנווערטל: מיט אַ פיבערשן האַרצקלאַפּונג האָט ער אויפגעריסן דעם בריוו און גענומען לייענען:

מיין גוטער לעאָן!

איך גלויב, אַז מיר זיינען שוין אויסגעוואַקסן פון אונזער סענ־טימענטאַל־ראָמאַנטישע פּעריאָדע... איך גלויב אויך, אַז מיר דאַרפן קוקן אויפ'ן לעבן מיט פּראָזאַאישע, ניכטערע בליקן. די חלומות און אילוזיעס, וואָס מיר האָבן געהאַט אין דערהיים ווערן דאָ געטראָטן מיט בלאָטיקע שיך און אויסגעלאַכט און ווערן געשליידערט אין אַ טיפן תהום... — מיין באָס פון דעפּאַרטמענט סטאָר האָט שוין לאַנג־לאַנג געמאַכט מיך פאַרשלעגע מיט אים הייראַטן, אָבער איך האָב אַלץ ניט איינגעשטימט — איצט האָב איך פעסט באַשלאָסן זיך פאַרבינדן מיט אים. אמת, ס'וועט דיך זייער שרעקלאַך ווייטאָן, אָבער ס'וועט זיין ניט מער ווי אַ מאָמענ־טאַלער ווייטאָן — עס וועט שנעל פאַראיבער און פאַרגעסן ווערן, ווי אַלע אַנדערע פאַרשיידענע דערשיינונגען. איין זאַך פאַרזיכער איך דיר, אַז מיר וועלן שטענדיק בלייבן גוטע פריינט, אויב דו וועסט ניט זיין קעגן? און — — —

לעאָן האָט איבערגעריסן אין מיטן לייענען. אַ טויטע בלאַסקייט האָט זיין פּנים באַדעקט און קאָנוואולסיוו געקרימט זיין מויל, ער האָט זיך אָנגעשטריינגט באַהערשן.

די שוועסטער האָט מיט טרערן אויף אים געקוקט, צוגעגאַנגען, געוואָלט אים באַרואיקן.

לעאָן האָט מיט יאוש אַ מאַך־געטאָן מיט דער האַנט און שטיל, פאַרצווייפלט געזאָגט:

— ס'איז מיר שווער, זייער שווער אָראָפּשלינגען אזא סם־המות פּיל... אַ נקמה־געפיל דערוועקט זיך באַ מיר צו איר, פון וועל־כע כ'האָב געטרוימט יאָרנלאַנג, כמעט פון מיין פריסטן יוגנט אָן. מיין ליבע צו איר איז ערשט אויך פלאַמיק־הייס. עפּעס קען איך איר ניט באַשולדיקן! דער פייער גלאַנץ פון די גאָלד־בלוטיקע רענדלאַך האָט איר ווי פאַרשמעליעט, זי איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שמעטערלינג, וועלכער פליט ארום פייער, ניט וויסנדיק די סכנה, וואָס לויערט ארום איר...

ער דער אַלטער „בעטשלאַר" האָט צושטערט און געררויבט מיין גליק...

„א סורפריז“

גרינוואַלד, אַן עלטערער בחור, ווייט אין די דרייסיקער, מיט שטרייפן באַזילבערטע האָר אויפ׳ן קאָפּ, האָט זיך אויפגעכאַפּט שבת פרימאָרגן פון שלאָף, אויסגעטשוכעט זיך אויסגעצויגן אַלע גלידער.

„דזשי“! האָט ער מיט אַ באַסאָוון קול אַ ברום געטאָן: דוכט זיך פריי פון אַלע זאָרגן? ניטאָ קיין ווייב, קיין קינד, קיין „בילס“ צו צאָלן; כ׳דאַרף אין געשעפט היינט אויך ניט גיין, און צום טייוול! ווי אויף להכעיס שלאָפט זיך ניט!

— אָנטאָן זיך! — האָט ער צו זיך אַ קאָמאַנדעווע געטאָן. כ׳גלייך ניט ווי יענע פוילענצער אָפּליגן שעה׳נלאַנג אין בעט און געניצן, ציילן די פליגן אויף די ווענט און קוקן אויפ׳ן סופיט: כ׳דאַרף נאָך היינט באַזוכן מיין פריינדין, כאַ־כאַ! איז עס ניט אַ געלעכטער? מיין לאַנדסמאַן פנחס איז דאָ „פאַרשווארצט“ געוואָרן פון קוילן טראָגן אַ היבש ביסל יאָרן: צוזאַמענגעקליבן אַביסל געלט און אַראָפּגעבראַכט זיין ווייב, און גלייכצייטיק „פאַרזאָרגט“ מיך מיט אַ „פריינדין“. דוכט זיך, אַ קוילנמאַן, וואָס ווייס ניט פון קיין עסטעטישן געשמאַק... דאָך, צום טייוול, באַזיצט ער אַ סך שכל אין אויסקלייבן אַזאַ סימפּאַטיש ווייבל...

גרינוואַלד באַקוקט זיך גוט אין שפּיגל, באַטראַכט פאַרזיכטיק זיין פּנים, פּרובירט מאַכן פאַרשיידענע פּאָזעס, אַלערליי גרימאַסן. וועלכע ס׳וועלן זיך בעסער צופּאַסן צו אים — אָנגענומען „אַ וואַזשנע מינע“ און אַ מורמל געטאָן: „ס׳איז אָלל־רייט“.

ער איז צוגעגאַנגען צו דער קליידער־שאַפע, ארומגעקוקט ווי אַ גוטער מבין זיין אנצוג, אָפּגעריבן אַ פּאָר פלעקן, געגלעט די לאַצן. פּרובירט מאַכן אַ לייענגערן „פּאַסאָן“ און ווען ס׳איז אים ניט גע־לונגען, האָט אַ זויערע מינע זיין פּנים געקרימט.

— ס'איז קיין צוועק ניט, — האָט גרינוואַלד געטראַכט, כ'זאָל פאַרשווענדן מיין געלט אויפ'ן טייוול... כ'מוז אָנהויבן לעבן אַביסל עקאָנאָמישער, איינגעהאַלטענער, ניט זיין אַזוי „פריי־גיביק". און אַזוי אַרום קען איך אָפּשפּאָרן היבש געלט. די צוועלף דאָלאַר וואָס איך צאָל פאַר „איר קינד" יעדן וואָך, קען איך בעסער קלייבן פאַר זיך און נאָכדעם קויפן מיין פריינדין אַ מתנה; ווי לאַנג איז דער שיר נאָך אויסהאַלטן איר? ! ס'איז אַ גרעסערע מצוה אַן זיך... גענוג! — האָט גרינוואַלד גאַליק אַרויסגעזשיפּעט, כ'וועל זיך אָפּ־טרייסלען דערפון... דורכ'ן געזעץ בין איך ניט פאַרפליכטעט... אַרויסוואַרפן געלט אין בלאָטע איז קיינער ניט מחויב. ווער האָט איר געהייסן האָבן דאָס נפש? ...

— ביז יום־טוב איז נאָך אַ לאַנגע צייט, האָט ער פאַרגעזעצט טראַכטן, און איך קען נאָך צוזאַמענקלייבן אַ סך געלט, איז אָבער דאָ אַ צרה, וואָס איך קען ניט שפּאָרן, סיידן נעמען אויף זיך „אַ נדר"...

גרינוואַלד האָט זיך איינגעקויפט אַ שפּאָר־קאַסע און מיט עקשנות'דיקע איינגעשפּאַרטקייט קלייבט ער דאָלאַרס נאָך דאָלאַרס, אום צו פאַרמיידן קליימפּערשט „געוויסנסביסע", שרייבט ער אַז אַ בריוו צו דער געוועזענער געליבטע, אַז ער האָט פאַרלאָרן זיין שטע־לע און ס'איז אים ערשט אוממעגלאַך צו צאָלן... און מיט'ן אָנ־קומען פון אַ נייער וואָך, ווערט זיין ענטוזיאַזם גרעסער און גרעסער. אַז אָט באַלד־באַלד וועט זיין געליבטע באַקומען אַ טייערן פּרע־זענט...

* * *

גרינוואַלד מיט אַ גוטן פריינט שטייען אין אַ גרויסן רויכוואַרג געשעפט, קוקן אָן פאַרשיידענע „פּאַרקויטס": באַטאַפּן יעדן איינעם, גלעטן, בלאָזן די האָר, דרייען אויף אַלע זייטן, ענדלאַך פאַרטיק גע־וואָרן מיט'ן פּרייז, איינגעפּאַקעוועט אַ שיינעם פאַר מאַנטל, גע־זעגנט זיך און באַדאַנקט זיין גוטן פריינט, און פאָרט מיט שמחה צו זיין טייערע סילוויען, באַשטימענדיק זיין באַ איר אין דער צייט.

ווען דער לאַנדסמאַן וועט אין הויז ניט זיין... און דאָס האַרץ זעצט ארויס פון פרייד און אויפרעגונג... — — — — — — — — —

ס'ציען זיך בא אים די מינוטן ווי פון פעך; עפּעס שלעפּט זיך דער באַן אזוי לאַנגזאַם; ער וואָלט שוין וועלן זיין גיכער אין איר הויז, איבערגעבן איר די מתנה...

די וואַגאָנען זיינען איבערפולט מיט מענטשן. אַן איינגעשאַפּט, אַ געדראַנג ממש דערשטיקט צו ווערן. די וועלכע האַלטן זיך אַן די רימענס שאָקלען זיך, וואַרפן זיך ווי שכורים—און מ'שטריינגט זיך אַן מיט אַלע כחות ניט ארויספאַלן אויף די זיצנדיקע פּאַסאַזשירן. בא יעדער סטאַנציע ווערט די איינגעשאַפּט גרעסער און גרעסער און די אַלע פּעקלאַך, שאַכטלאַך, וועלכע די פּאַסאַזשירן האַלטן אין די הענט, ווערן צוריבן, צוקוועטשט, צובונדן און ערטערווייז פּאַנאַנדערגעעפנט...

גרינוואַלד איז ארויס פון וואַגאָן אַ פאַרשוויצטער, און לויפט מיט אימפּעט צו סילוויען און דאָס האַרץ קלאַפּט אזוי האַסטיק...

ער פילט עפּעס ניט קיין קיין משא אונטערן אָרים: די שאַכטל מיט'ן פּאָר מאַנטל איז אזוי גרינג — אַ מחיה צו טראָגן, ריכטיג ווי דאָרטן וואָלט אַ טייערע שטיקל זייד געלעגן... אָט־אָט איז שוין איר וואוינונג. זי שטייט באַם פענצטער אַ שיינענדע און אַ זיסער שמייכל איז אויסגעגאָסן אויף איר פּנים און די אויגן קוקן אזוי מילד, אזוי צאַרט־פאַרבייגקט צו אים...

גרינוואַלד לויפט אריין ראַפּטאַם אין הויז אזוי גרינג, ווי אַ יונגער האָז, און מיט גרויס התפעלות ווייזט ער איר דאָס שאַכטל...

— זע, מיין סילוויע, מיין טייערע, ענדלאַך... — און ציט טיף דעם אָטעם. — כ'האָב דיר צוגעזאָגט. דו האָסט ניט געוואָלט גלויבן!... דו האָסט געמיינט, אז איך שפּאַס?... ניין, מיין טייערע סילוויע, איך בין זייער פּינקטלאַך: זאָג איך נאָר צו האַלט איך מיין וואָרט... איך וויים, אז דו האָסט בא מיר פאַרדינט אַ בעסערן פּרעזענט ווי דער... אָבער געדולדיק, דער אָנהויב איז אַלע מאָל שווער...

— זאָג מיר נאָר, וואו איז דיין פּנחס, האָט גרינוואַלד מיט לײדנשאַפטלאַכע אויגן איר אַ פרעג געטאָן, און באַלעקט זיינע פאַר־טריקנטע ליפּן, איז ער טאַקע ניטאָ ?...

אויב אזוי, קום אהער — נענטער, נאָך אַ טריט... — שעם זיך ניט... אָט אזוי... נאָך אַ מינוט... — ערשט, נאָ, זע מיין „סורפּרייז" און טראָג עס געזונט!!

* * *

סילוויע האָט מיט אימפּעט אַראָפּגעכאַפּט דעם האַלב צוריסענעם צודעק פון שאַכטל.

ביידע זייגען געבליבן שטיין פרישטשעלעט מיט ברייט צו־עפנטע פארגליווערטע מיילער...

קיין זכר פון פאַר־מאַנטל איז ניט געבליבן אין שאַכטל — ער איז פאַרשוואונדן אין דער ווייטער ווייטקייט מיט'ן באַן צוזאַמען...

די מאמע

א קליין געוויקסיגע פרוי מיט גרויס־טונקעלע אויגן, איז אין א באַגינען פון טאָג צוגעקומען פון א דערבייאיקער געסל, צו דעם דריי־שטאָקיקן, נאָר וואָס אויסגעמויערטן קינדער־אַנשטאַלט, מיט א קליין קינד אויף אירע הענט.

דאָס פּנים און שטערן פון דער פרוי געפאַלדעוועט, פאַראַקערט. פאַר דער צייט, מיט טיפע קנייטשן.

דאָס קינד אויף אירע הענט שרייט, גוואַלדעוועט, דראַפּעט מיט די קליינע הענטלאַך איר קלייד, שטופּט דאָס קליין פּנימ׳ל אין דער מוטער׳ס מידן קערפּער, סמאַטשקעט די דאַרע פינגערלאַך.

ס׳ווערט אַנטשוויגן, און באַלד גלייך, ווי דורך א וואונק פון אימיצן, צושרייט זיך איבעראַניים מיט העכערע קולות און קלאַפּט מיט די פיסלאַך אין דער מאַמע׳ס דאַרע בריסט.

די בליקן בא דער פרוי זיינען באַוועגלאָזע; זיי קוקן איינגעשפּאַרט אין איין פּונקט, מ׳פילט ווי דער בליק איז יאוש׳דיק, זיך מיאש געווען פון אַלץ אין לעבן, זינט איר ליבער מאַן איז טויט.

א שרעקלאַכע קאַטאַסטראָפע איז דאַ געשען, איינגאַנצן א פּאָר חדשים: מ׳האָט איר אַלבערט׳ן געבראַכט אין זייער קליין וואוינונג א צובלוטיקטן, א שטאַרבנדיקן. די אומגליקלאַכע ווייב, אַז איינזאַמע, איז געשטאַנען בא זיינע לעצטע טויט אַנאַניעס.

אַרבעטער מיט די הילף פון פּאָליציי און „קאַראַנער״ האָבן אים אַרויסגעטראָגן פון חורבות, וואו ער איז געלעגן אונטער ציגל, קלעצער און אייזן פון דער איינגעפאַלענער געביידע . . .

מיט די שווערסטע מעגלאַכקייטן האָט אים זיין אַרימער שוואָגער אַראָפּגעבראַכט אין אַמעריקע. א לאַנגע צייט איז אַלבערט

געוועזן אַרבעטסלאָז; ער האָט געזוכט, גענישטערט, פּלעגט אויפשטיין פאַרטאָג; זיך ניט אָפּגעשטעלט פאַר די שרעקלאַכסטע וועטערן, און ווי אויף להכעיס, איז ער אומעטום געוועזן אַן איבריקער.

אַלץ וואָס זיי האָבן „פאַרמאָגט" אין הויז איז פאַרקויפט געוואָרן. זיי האָבן געהונגערט, געפרווירן, ווען ניט די קליינע הילפע פון אָרימען שוואָגער, וואָלטן זיי שוין לאַנג אין גאַס געלעגן... — ביז אַ „נס" איז געשען: דורך „פּראָטעקציע" פון אַ „צדקה אינסטיטוציע" האָט אַלבערט באַקומען די פּראָסטע אַרבעט אין דער געביידע, וואו ער האָט דערפאַר מיט זיין לעבן באַצאָלט...

* * *

די פרוי איז אַ ווײַלע געבליבן שטיין פאַרזונקען אין געדאַנקען, טיף אָפּגעזיפצט און מיט מוטער־ליבע אַרײַנגעקוקט דאָס קינד אין פּנים'ל און שטיל געמורמלט: „אַ געהיימע קראַפט האַלט מיך אָפּ פון זעלבסטמאָרד. לעב! שרייט צו מיר דער געהיימער קול: טרינק אויס דעם פולן כוס פון אַרמוט, עלנד און בײַנקשאַפט!!"

— „דאָס קינד, שעפּטשען אירע ליפּן, ווי אַ תפילה, וועט אויסוואַקסן און וועט זיין אַ טרייסט אין מיינע גרויע אַסיענטעג — דאָס איז מיין איינציקע נחמה און האָפנונג, וואָס מיך אינספּירירט צום לעבן..."

דימאַמע דריקט צוזאַמען שטאַרק אירע דינע ליפּן. די נאָזלעכער ציטערן אויף לאַנגזאַם, איינאָטעמענדיק דעם פרישן פרימאָרגן לופט.

דאָס קינד וויינט, קאָנוואולסיוו טרייסלענדיק דעם קליינעם קערפּערל.

די טיר ווערט אויפגעפּראַלט און די פאַרוואַלטערין באַווייזט זיך מיט אַ פּרעס־ווייס מינע אויפ'ן שפּיץ קאָפּ.

די מאַמע גיט איר איבער דאָס קינד מיט אַ לייכטן האַרצקלאַפּונג און אַ טרער פאַלט פון אירע אויגן אויף דאָס קליין האַרלאָזן קעפּל.

* * *

אַ מידע, אַ פאַרשטויבטע פון דער אַרבעט זיצט די איינזאַמע. פאַרביינקטע מאַמע באַ דער מאַשין און שטריקט...

און די מינוטן, די שעה'ן ציען זיך אַזוי לאַנגווייליק, אַזוי אומ־דערמודעגלאַך מאָנאָטאָן.

די געדאַנקען, ווי שוואַרצע סילועטן, רייסן זיך אַריין באַ איר אין מח און צעוואַקסן זיך אין גיגאַנטיש־פאַרנעבלטע געהיימניספולע געשטאַלטן...

און דאָס האַרץ נאָגט, בייִנקט, ציט אַהין, דאָרטן אין דעם אומ־היימלאַכן אָרט, וואו איר קינד, איר איינציקס פונק ליכט געפינט זיך...

די בלינדע וואנט

גאלדענע שטרייפן זונען־ליכט שטראמען אריין גלייך פון פרי־מארגן אין פאבריק, און די שטראלן גיסן אריין אין די פאריאכטע ארבעטער מוט און האפנונג...

פאר׳גנב׳עט, ווען דער באס קערט אפ דעם קאפ, הויבן זיך אויגן אין גאס ארויס אין דער ווייטער הויכקייט.

דער הימל איז בלוי ווי לאזור און די זוניקע שטראלן צערטלען, לאסטשען, שיטן גאנצע פאליעס.

די אנגעזאפטע גרויע מחשבות, די איינטאניקייט צושווימט א ווייל און א צוגאסענע הארציקע פרייד באלעבט אלעמען...

מאנאטאן, ווי אווטאמאטן, ארבעטן די מענטשן אין פאבריק, דולדן, ליידן, לעבן אין דחקות און האפן יאר איין יאר אויס...

— ביז איינמאל, ביסלאכווייז, ווי דורך א וואונק האט די זונען־ליכט אנגעהויבן ווערן טונקעלער, בלאסער, קילער... די זשמע־ניעס שטראלן זיינען מיטאמאל געווארן זעלטענער, שוואכער, ביז אין א געוויסן טאג איז דער לעצטער בליאסק אינגאנצן פאר־שוואונדן...

די אנטרונענע שטראלן האבן בא די ארבעטער פון פאבריק, ווי מיט א ריזיקע מאכט פון אן אונזיכטבארע האנט, אוועקגערויבט דעם גאנצן אינטערעס פון אלץ: די מענטשן זיינען געווארן פאר־כמורעט, אפאטיש. בייזע מעלאנכאלישע בליקן האבן ארומגע־פויזעט איבער די ווענט, איבער׳ן גאנצן שאפ־שטח; אן אונהיימ־לאכקייט האט זיך פארשפרייט, פונקט ווי דער באדן וואלט זיך ארויסגעגליטשט פון אונטער זייערע פיס...

א גרויע דורכגענומענע קעלט האט ארומגעוויעט איבער׳ן פאב־

ריק, ווי מיט שווערע אומגעלומפּערטע ווינט־פליגלען געפּאַכעט אין אַלע זייטן. די שטימונג איז געוואָרן אַ געדריקטע, אַ יאוש'דיקע, ווי דער לעצטער אויסגעלאָשענער אָטעם פון אַ קינד'ס אַגאָניע טויט.

אפילו דער אַלטער מנחם, דער גרייז־גרויער האַלב־בלינדער אַרבעטער, וועלכער איז שוין לאַנג־לאַנג גלייכגילטיק צו אַלץ און אַלעמען, זיך מיאש געווען פון אַלע קערפּערלאַכע תענוגים, — אויך אים האָט ווייט געטאָן די „פּאַרלאָרענע" זונען־פּאַסן ליכט, און שטאַרק פאַרדראָסן האָט אים אויפ'ן געזעץ, וואָס דערלויבט האַרט לעבן אַ פאַבריק פענצטער אַוועקשטעלן אַ מגושמ'דיקע וואַנט, וועלכע רויבט אַוועק פון די אַרבעטער דאָס לעצטע און באַרעכטיקסטע — לופט און ליכט.

איבערהויפּט האָט עס שטאַרק געווירקט און בולט זיך אָפּגע־שפּיגלט אויף זלאַטקע'ס פנים.

זלאַטקע, אַ שיין חנ'עווודיק טרוימעריש מיידל אַרבעט דאָ ניט לאַנג.

זי איז אַהער געקומען פון אַ קליין שטעטל פון ווייס־רוסלאַנד, וואו זי איז געווען אַ טוערין אין דער באַוועגונג.

איר עלנד־איינזאַמע מאַמע מיט די נאָנטע קרובים האָבן איינ־געשטימט, אַז זלאַטקע זאָל פאַרלאָזן דאָס שטעטל, וואו זיי האָבן דורכגעלעבט שרעק, צער, טרויער: געזען די טייוולישע שדים־טענץ און די בלוטיקע אָרגיעס פון די באַזויפענע פּוילישע כוליגאַנעס, וועלכע האָבן געראַבעוועט, געפּלינדערט, געשענדעט און געמאָרדעט.

מיט טרערן און זיפצן זיך געזעגנט מיט די נאָנטסטע און טייע־רסטע. דער מוטער אויפ'ן האַלז געפאַלן, צוגעזאָגט גלייך ווי זי וועט אַהער קומען, באַ דער ערשטער געלעגנהייט איר אַרויסנעמען פון דעם אומגליקלאַכן אָרט.

2

אין דער קורצער צייט, וואָס זלאַטקע איז דאָ אין לאַנד, האָט זי שוין אין עטלאַכע פאַבריקן געאַרבעט און אומעטום לאַנג ניט גע־

קענט איינזיצן: עפּעס ווי אַן אינערלאַכער אימפּולס האָט איר גע־
שטויסן צו אַרבעטן אַלעמאָל אין נייע ערטער...

און ווען דער באָס האָט איר אַן אָרט לעבן פענצטער אָנגעוויזן,
האָט ווי אַן אינסטינקטיווער קול איר באַפוילן: זלאַטקע! דאָ
האָסטו אַ וועלט מיט זונען־שטראַלן, ווי אין דיין שטעטל פון דער
אַלטער היים, און די מיט־מענטשן אַזעלכע האַרציקע, ליבע: דאָ
וועסטו זיך פילן היימיש...

און גלייך די מינוט, ווי זי האָט זיך אופּי׳ן שטול געזעצט און
האַסטיק גענומען באַוועגן אירע פינגער, האָט אַ פלאַטנדיקער גאָלדן־
שטראַל אַ גלעט געטאָן איר פּנים, אַ שמיר געטאָן אירע האָר, באַ־
זילבערט די ברעמען; זי האָט די אויגן געזשמורעט, אַביסל אָן אַ
זייט זיך אָפּגעקערט, און די שטראַלן גאַנצע הויפנס, ווי אַ געדיכטע
כמאַרע פייערדיקע נאַכט־פליגעלאַך פליען איר נאָך, גליען איר פּנים,
בריען איר האַלז, גלעטן איר פּלייצע...

קענגנאיבער איר אַרבעט סימענאָוו, אַן אינטעליגענטער יונגער־
מאַן, דורכגעמאַכט אַן אַקאַדעמישע בילדונג און מיט דעם אוצר־באַ־
גאַשז איז ווי אויף להכעיס, דורך אַן איראָניע פון זיין בייזן מזל,
אַריינגעשליידערט געוואָרן אַהער אין פאַבריק, און ערגער ווי אַלע
אַרבעטער קען ער זיך ניט צופּאַסן צום אַרט שקלאַפישן סיסטעם...

מיט פאַרביינקטע אויגן קוקט ער אויף זלאַטקע׳ן, פאָלגט נאָך
איר יעדן ריר, איר שנעלקייט; אים רייצט די רירעוודיקייט פון
איר בויגזאַמע פיגור, די צאַרטקייט פון אר בלאַסן פּנים. זיין האַרץ
און געדאַנק ווערן אָנגעפילט מיט פאַרלאַנגען, ס׳פעלט אים אָבער
מוט; ס׳פעלט אים די שפּראַך אַרויסזאָגן עס...

— אייגנטלאַך, וואָס איז דאָ צו שעמען זיך פאַר איר? —
מאַכט ער זיך אַליין פאָרוווירפע. — ריידן פאַר אַן עולם מענטשן בין
איך יע בכח, און פאַר זלאַטקע׳ן, פאַר אַ שטילע אַרבעטער־מיידל
פאַרליר איך מיין ווילן און מיין געדאַנק!... שוין ניט דאָס ער־
שטע מאָל, — טראַכט סימענאָוו, וואָס איך באַשלים ריידן מיט איר,
דערקלערן אָפן אַלץ, וואָס עס פרעסט בא מיר — איז ווי אַ שטן

שטעלט זיך אוועק און פאַרהאַלט מיין מויל... איך מוז אַפּוואַרטן אַ גינסטיגערן מאָמענט! איך באַמערק, — טראַכט סימענאַוו ווייטער, — אַז זי זוכט אויך אַ געלעגנהייט ריידן צו מיר. איך לערן פון דער שטומער שפּראַך פון אירע שיינע מעלאַנכאָלישע אויגן...

יע, היינט נעמט אַ סוף, — באַשליסט סימענאַוו פעסט און כאַפּט אַ קוק אויפ׳ן וואַנט זייגער. — ווי לאַנגזאַם עס באַוועגן זיך די ווייזערס! — רעדט ער אַרויס מיט אַנגסט, און בייגט זיך צו טיפער איבער דער אַרבעט.

זלאַטקע אַרבעט מעכאַניש. רעיונות, ווי פאַרנעבלטע צוריסענע וואָלקנס, קנוילן זיך אין איר מח... חדשים, יאָרן שווימען פאַר איר פאַרביי...

3

זי זעט איר פאַרלאָפענע קינדהייט באַ טאַטע־מאַמע אין דעם קליין פישער שטיבל, וואו דער גאַנצער דיל איז אַנגעוואָרפן מיט „נעוואָדן", זעק, שטריק און „סעטקעס".

אין שטוב באַ זיי איז לעבעדיק־פריילאַך: ס׳טומלען אַ פּאָר באַקאַנטע „מוזשיקעס", וועלכע כאַפּן פיש מיט׳ן טאַטן אינאיינעם.

דער טאַטע, אַ מיטל־יאָריקער איד, מיט אַ לאַנג־געלער באָרד, מיט אויגן גוטע, שמייכלענדיקע, זיצט מיט הרחבה באַם טיש אַרומגערינגלט פון עטלאַכע גוטע פריינט, פאַרטיפט אין חשבונות. ער מעקט אָפּ און שרייבט צו מיט גרויסע ציפער אויפ׳ן קליין שוואַרץ־טאָפל.

אַ פרייד שטראַלט אַרויס פון דער מאַמע׳ס פּנים. די שטימונג אין הויז איז אַ פרידלאַכע: שלום־בית קען מען אַנטאַפּן אין יעדן ווינקעלע...

דער טאַטע מיט אַ פּאָר פּויערים פאָרן אַוועק כאַפּן פיש. אַזוי ווי היינט געדיינקט זי איז עס געוועזן.

די מאַמע ברוגז'ט זיך, ווײל שטאַרק ניט לײדן, ס'פּאַרדריסט איר וואָס פּלוצלונג אַ בהלה אין מיטן נאַכט.

דער וועטער איז מילד, פריש, שמעקט מיט סנאָזשענטן, הויכע „פּאָלעסניק" און מיט לויפנדיקע שטילע וואַסער.

אַ פולע קלאָרע לבנה שטײט הויך איבער'ן טײַך, און דאָס וואַסער גלאַט ווי אַ שפּיגל, רואיק ווי די שטילע נאַכט. קײן ווינטעלע, קײן כוואַליע; אַ הײליקע קאָמבינאַציע פון אײניקײט איז צוזאַמענגעגאָסן...

4

פרימאָרגן, די ערשטע זונען־שטראַלן דרינגען אַרײַן דורך די שמאָלע שײַבלאַך.

אַ פולע שטוב מענטשן: עטלאַכע נאָנטע משפחה־פרײַנט, פרעמד עדות, באַקאַנטע פויערים מיט ערנסטע פּנים'ער.

פּעטראָוו דער אוריאַדניק שרײַבט עפּעס גיך, נערוועז, פרעגט אויס די פרעמדע עדות... די מאַמע, די הויכע שײנע פרוי, איז צוזאַמענגעבראָכן, בלאַס ווי אַ טויטע, מיט דערשראָקענע באַוועגלאָזע אויגן, צומישט פון פּלוצלונגן שרעק און אומגליק, שטײט אַ פאַרשטײנערטע, ווי אַ פּאַראַליזירטע, מיט צושויבערטע האָר, ווי געריסן פון זינען... דאָס גאַנצע שטיבל איז אָנגעזאָפּט מיט טויט־שרעק...

— ס'האָט זיך אויפגעהויבן אַ גרויסער ווינט און דאָס שיפל האָט זיך אָנגעשטויסן אָן „אַ פּאָראָג" — (אַ גרויסער שטײן, וואָס איז געלעגן גלײַך מיט'ן וואַסער.) פון אָנשטויס איז דאָס שיפל צובראָכן געוואָרן ווי אַ שפּענדל און די כוואַליעס האָבן דעם טאַטן געשטויסן, געדרײט ווי אַ ווײכער און אים פאַרשלײדערט צו אַ ברעג, וואו אַנדערע פישערלײַט האָבן אים געפונען אַ דערטרונקענעם און אַהײם געבראַכט.

5

זלאַטקע ציט אָפּ טיף דעם אָטעם, הויבט אויף אירע אָנגע־

שטריינגטע אויגן פון דער ארבעט. די פארגאנגענע איבערלעבונגען צושווימען ווי א טומאן אין איר געדאנק; ווישט אפ דעם קאלטן שווייס פון איר פנים, קוקט אריין אין טונקעלן פארמויערטן הויף. די בליקן קלעפן זיך אן דער גרויער „בלינדער" וואנט און פאלן צוריק אויף דער ארבעט.

ניט לאנג צוריק פלעגט זיך אין ווייטן שטח אפשפיגלען א ווייס אפגעקאלכטער קלויסטער מיט א שיין געפארמטן ארכיטעקטור, ארומגעצאמט מיט א גרין־באפארבטן נידריגן פארקאן. די גראז ארום — הויך, באפרישט פון פרימארגן טוי — און די קופאלן גלאנצן, שעמערירן, שיינען אפ פון דער זון, דאס אויג בלענדט קוקנדיק. א כאר זינגט הייליקע תפלות און די גלאקן־קלאנגען וועקן אין די ווייטע סליאדן פון דער נשמה צווייפלהאפטע הייליקייטן.... און די זונען־שטראלן צוגיסן זיך אין גליענדיקע ווארימקייטן, דער־קוויקן, רופן צום לעבן...

ערשט — גרוי־טונקל; ס'ווייעט מיט סיראסט... פארצאמט דאס ליכט!!

א נאגעניש, א טיפער זיפץ רייסט זיך ארוים פון זלאטקעס ברוסט...

אירע בליקן וואנדערן ארום, ווי זיי זוכן א תקומה — און פאלן אויף סימענאוו'ן...

— דער יונגערמאן איז אזוי אנציענד, — טראכט זלאטקע, און בא דעם געדאנק רויטלען זיך אירע באקן. — ער מאכט אויף מיר א גוטן איינדרוק: ער זעט אוים דרייסט, מוטיק... איך האב באמערקט פיל מאל, — מורמלט זלאטקע צו זיך מיט אן ערנסטן פנים. — ווי ער קוקט אויף מיר פון דערווייטן מיט אזעלכע הארציקע אויגן...

6

א שארף־הילכיקער פייף שנייט דורך איבער'ן פאבריק. זלאטקע, פארטיפט אין געדאנקען, האט לייכט א ציטער געטאן.

אַלע אַרבעטער האָבן געוואָרפן די אַרבעט. אייניקע האָבן זיך אַרומגעוואַשן, אַנדערע זיך איבערגעטאָן, זיך אָפּגעשטויבט, אָפּגע־צייכנט מיט אַ קלונג אין גרויסן הייננ־זייגער די שעה־קאַרטן" און היילנדיק פאַרלאָזן די גרויע ווענט...

סימענאָוו, מיט אַ לייכטן ציטער, האָט מיט שנעלע טריט זיך געלאָזט נאָכגיין אין זלאַטקע׳ס ריכטונג...

* * *

אין עטלאַכע טעג שפּעטער האָט זיך צוטראָגן איבער׳ן פאַבריק די פריילאַכע נייס, אַז סימענאָוו מיט זלאַטקע׳ן פירן ענערגישע אונ־טערהאַנדלונגען מיט׳ן פאַבריקאַנט, אַז ער זאָל זוכן אַ ליכטיקע פאַבריק, ווען ניט וועט דערקלערט ווערן אַ סטרייק...

דער אַלטער מנחם האָט שטיל אַ תפלה געשעפּטשעט, גלאַנצנדיק מיט די אויגן צום טונקעלן סטעליע, געוואונשן גיכער פּטור ווערן פון דער בלינדער וואַנט.

„טהאמאס דראפּ דעד"

קעגנאיבער א לוטעראנישן שפּיטאל אויפ׳ן טראָטואר איז ער געפאלן טויט, גייענדיק צו דער ארבעט.

זיבן אַזייגער אינדערפרי איז עס געווען, ווען דער גאסן־פאר־קער איז זייער גרויס.

מענטשן שטראָמען, איילן זיך צו דער באַן־סטאַנציע, כדי צו קומען אין צייט אין די פאבריקן.

אויטאָמאָבילס, ווי טייוואלים, דרייען זיך אין געדראנג איז פארשיידענע ריכטונגען און פארצאמען אלע מינוט די דורכגייער דעם וועג.

דער טייל טראָטואר, וואו דער טויטער ליגט אויסגעצויגן, ווערט באלד פארבלאָקאדירט.

נייגעריקע מענטשן רינגלען ארום דעם קליינעם שטח, וואו א שווארצער, נאָך גאר א יונגערמאן, ליגט ווי אין א שלעפעריקער פאַזע, מיט אָפענע אויסגעשפּרייטע הענט, מיט א געל־שווארץ פּנים, מיט האלב אָפענע פארגליווערטע אויגן.

דאָס פּעקעלע עסנווארג, וואָס ער האָט געטראָגן מיט זיך פאר׳ן מאָלצייט, איז ווייט אוועקגעשליידערט.

דער עולם וואקסט פון מינוט צו מינוט.

מען בלייבט שטיין מיט צעעפנטע אויגן: מען פרעגט, וואָס איז געשען? אז דער ענטפער שטעלט צופרידן, שאָקלען צו די נייגעריקע מיט די קעפּ, און גייען לאנגזאם אוועק מיט צוניופגעשטשעמעטע ציין.

און מאָמענטאל פארנעמען זייערע ערטער אנדערע „צושויער".

באלד קומט צו א פאליסמאן מיט אן אמבולאנס. דער געזעמל צושאַרט זיך אין אלע זייטן, לאזט צו דעם דאקטאר צום טויטן און נייגעריקע בליקן פאלגן שארף נאך דעם דאקטאר׳ס מינע.

— צו שפעט... — האט דער דאקטאר גלייכגילטייק צו זיך א מורמל געטאן...

* * *

דער שווארצער מאן איז מיט עטלאכע מינוט פריער געגאנגען רואיק צו זיין ארבעט מיט׳ן פולן גלויבן, אז שבת באטאג וועט ער זיין „פעי“ באקומען. ער האט געמאכט פארשיידענע חשבונות אין קאפ, וועמען צעטיילן די חובות, וואס זיין גוטע קאנטעסא האט אנגעבארגט דורך דער וואך, און פאר זיך אויך איבערלאזן א פאר דאלאר, האבן פאר דער פאמיליע „א גוט טיים“.

ער האט געווים געטראכט פון זיינע צוויי ליבע קינדער. און א צופרידענער שמייכל האט זיך אויף זיין גוטמוטיקן פנים צוגאסן...

דארטן אינדערהיים איז א פארוואָרפענער הינטער־געסל, אין א טונקעלן, פייכטן קעלער זיצט זיין געטרייע קאנטעסאביים קינד׳ס וויגעלע, קוקט דאס קינד אין פנים און טראכט: אלע ווילע כאפט זי א קוק אין פענצטער אין גאס ארויס, וואו ס׳זעען זיך מער ניט ווי האלבע פיס פון די דורכגייער — און אין הארצן קלאפט ווי מיט האמערס, אז דער אטעם פארכאפט. עפעס א פארגעפיל פארפאלגט זי.

— וואס קען דאס זיין, וואס מיין ליבער טאמאס איז נאך אזוי שפעט ניטא? שעפטשען אומרואיק אירע שווארצע ציטערדיקע ליפן און קרימען זיך פון אנגסט.

און דאס עלטערע קינד שפילט זיך אויפ׳ן דיל מיט צאצקעס, איינגעמורזעט פון א גאנצן טאג וואלגערן זיך אין גאס...

מא! גיט דאס קינד פלוצלונג א רוף, אז פאפא וועט קומען, וועט ער מיר ברענגען שפילצייג?

— גענוים, מיין קינד, — ענטפערט די מוטער מיט לאנגע זיפצן.

און די אלטע פארקנייטשטע, שווארצע מאמע זיצט אין א ווינקל לעבן אויוון, שיילט בעבלאך פאר׳ן זון, וואס האט עס אזוי שטארק ליב...

לאנגע זיפצן רייסן זיך ארויס פון איר איינגעצערטער ברוסט. ווי זיי וואלטן זוכן א תיקון... עפעס טאטשעט איר ווי א ווארים. א געדאנק שפארט זיך אין איר מח און עגבערט אזוי שטארק אזוי ווייטאקדיק...

דזשיזוס! שעפטשעז שטיל אירע ליפן ווי א תפלה. עפעס איז געשען! שוין באלד עלף אזייגער און טאמאס — וואו איז ער אזוי שפעט?!

א קאלטער שוויים באדעקט איר קערפער.

דאס קינד אויפ׳ן דיל ווערט איינגעשלאפן מיט זיסע חלומות פון שיינע צאצקעס. און די ארימע קאנטעסא שטייט אלץ באם פענצטער און קוקט ארויס אין גאס, זוכט מיט פארוויינטע אויגן טאמאס׳ן, דרייט דעם קאפ אין אלע זייטן...

און די אלטע מאמע, ווי דורך א נביא, הערט דעם ווינט פייפן און וואיען דורך די פענצטער:

„טאמאס דראפ דער"!!

מיאוס דורכגפאלען

סוף אויגוסט אין א פרימארגן, ווען די זון ווי א שטייק גלוטפייער איז נאך געשטאנענען ווייט איבער'ן וואלד און געשאטן אירע שטראלן אויף אלץ און אלעמען, און ווען אלע זיינען נאך געשלאפן אין זומער־האטעל פון אייגנטימער סאלאמאן גאלוב, האט אלבערט, א סטודענט פון יורידישן פאקולטעט, שטיל איינגעפאקעוועט זיינע זאכן און בסוד געוואלט פארלאזן דעם האטעל, אז דער אנקל גאלוב, איבערהויפט זיין קוזינע מרים, מיט וועלכער ער איז געווען אזוי איינג פארבונדן, געשווארן איר אמת'ע ליבע און טרייהייט אויף אייביק, זאלן ניט וויסן — און ווען ער וועט קומען צוריק אין אוניווערזיטעט, וועט ער זיי אנשרייבן א דערקלערונג און בעטן אנטשולדיגונג פאר ניט געזעגענען זיך — אבער צופעליקערווייזע האט אים דער אנקל באמערקט פון ווייטן, שטייענדיק מיט'ן טשעמאדאן אויפ'ן ווערענדע, איז ער צו אים צוגעגאנגען, פארצאמט דעם וועג, און מיט אן איראנישן שמייכל באמערקט:

„אזוי באגינען אויף טאג פארלאזטו מיין הויז אן א זיי־געזונט? איך בין זייער גערן וויסן די אורזאכע? אפשר האבן מיר דיך ניט גוט באהאנדלט? זאג שעם זיך ניט! דו אליין וועסט מודה זיין, אז מיר האבן פאר דיר געטאן אזוי פיל, און אפשר נאך מער, ווי א פאטער צו א קינד: אין אוניווערזיטעט האבן מיר דיך אויסגעהאלטן די גאנצע צייט אויף אונזערע קאסטן; פאר דיר געזארגט, ווי שווער ס'איז אונז ניט געווען; מרים האט אירע כחות פארלארן ארבענטדיק, און פון אירע אפגעשפארטע געלט דיר געלערנט און געקליידט, און א צוגאב — איר הארץ און יוגנט אוועקגעגעבן! און דו? — איך געדיינק זייער גוט יענע ליבע בריוו, וועלכע מרים האט אזוי הארציק, מיט'ן גאנצן יוגנט־התפעלות, אלע סודות מיר פון זיי דערציילט... — זי האט אין דיר געגלויבט ווי אין א הייליקן לעגענדארישן נביא... קיין שפור פארדאכט האט מרים ניט

דערלאָזן אַרויסברייגנען פון מיין מויל — און זי האָט מיך אויך געמאַכט צו גלויבן און האָבן צוטרויען צו דיר... און ערשט — אַז דו שטייסט אויפ'ן לעצטן שטאַפּל צו וועלכן מיר אַלע צוזאַמען האָבן יאָרנלאַנג געגאַרט, ווילסטו מיט איין קרומען שריט צושמעטערן אַלע זיסע האָפנונגען פון מיין קינד?“

„כ'ווייס דעם סוד פון דיין געלט־שידוך! האָט דער אָנקל באַטאָנט, כ'ווייס אַלץ. איך פאַרשטיי זייער גוט דיין לייכטזיניקייט. אָבער אַזוי האַנדלען אינטעליגענטע מענטשן? איז דאָס דיין דאַנק צו מרים'ען?“...

דער אָנקל איז אַ ווײַלע אַנטשוויגן געוואָרן, אָפּגעצויגן טיף דעם אָטעם און פאַרגעזעצט:

„איך האָב געגלויבט, אַלבערט, איך בין געווען זיכער, אַז דו וועסט מיט מיר האָבן אַזאַ שמועס: „אָנקל, איך ענדיק דעם יאָר דעם לעצטן קורס און ערשט וועט שוין מרים זיין גליקלאַך. לאַנג — זייער לאַנג האָט מרים געהאָפט אויף דער גאָלדענער צוקונפט!“ און וואָס זע איך ערשט... וואו איז דיין געוויסן? דערקלער מיר קלאָר!“

אַלבערט איז די גאַנצע צייט פון אָנקל'ס טענות געשטאַנען מיט אַרונטערגעלאָזטע אויגן. די ווערטער האָבן אים ווי מיט שפּיזן געשטאָכן. ער האָט זיך געפילט שווער פאַרזינדיקט קעגן זיין קוזינע און אָנקל, וועלכע האָבן אים געבראַכט צו אַזאַ מדרגה, ווי ער איז ערשט.

—„אמת, זיי האָבן מיך פון אַ תהום אויפגעהויבן! טראַכט אַלבערט. — ווי לאַנג איז געווען? ערשט עטלאַכע יאָר אין לאַנד. געקומען פון דער היים אָרים, אָפּגעריסן, מיט זייער ווייניק בילדונג, אָן אַ פּראָפעסיע, אָן מיטלען ווי דורכלעבן אפילו אַ טאָג — און ווי איידל, ווי האַרציק האָט מרים מיט'ן אָנקל קעגן מיר געהאַנדלט! זיי צו פאַרדאַנקען, שטיי איך באַלד אויפ'ן לייטער פון רום און אַנערקענונג — מיין נאָמען וועט ווערן באַרימט. ליב האָב איך איר ערשט אויך, טראַכט אַלבערט ווייטער, אָבער גאָט מיינער!

ווי קום איך ערשט צו איר? איך מוז זיין פּראַקטיש, אויסגערעכנט: מיר שטייט ערשט פאַר אַ גאָלדענע צוקונפט: אַ מיידל מיט אַ גרויס קאַפּיטאַל און דערצו דורכגעמאַכט אַן אַקאַדעמישע בילדונג.

וואָס זאָל איך טאָן, וואָס זאָל איך אים ענטפערן?"

פאַרשיידענע פּלענער האָבן זיך געפּלאָנטערט אין זיין מח, זוכנ־דיק אַן אויסוועג פון דער אומבאַקוועמער לאַגע...

די באַקן רויטלען זיך בײַ אים פון אויפרעגונג.

— „אָנקל, האָט אַלבערט אָנגעהויבן, ניט אויפהויבנדיק די אויגן און צופּנדיק די קליינע וואָנסלאַך, הערט מיך אויס געדולדיק; זייט ניט אַזוי פאַרביטערט קעגן מיר. כ'בין זייער צופרידן, וואָס איך האָב ערשט אַ מעגלעכקייט אַרויסקומען ענדלאַך מיט'ן ריכטיקן אמת, וועלכן כ'האָב די גאַנצע צייט פאַרבאָרגן פאַר אייך. כ'האָף, אָנקל, אַז איר וועט מיך פאַרשטיין, אַבוואָל ס'איז מיר זייער ניט אָנגענעם ריידן אויף זיך אַליין... איך ווייס, האָט אַלבערט שטיל פאַרגעזעצט און זיך נענטער צוגערוקט צום אָנקל, אַז מיין דער־קלערונג וועט אייך, איבערהויפּט מרים'ען, שרעקלאַכע יסורים פאַר־שאַפן, אָבער איך מוז שוין אַרויסזאָגן דאָס, וואָס עס פּרעסט בײַ מיר און ערשט איז גראָדע די פּאַסנדע צייט, ווען מרים איז אַבוועזנד.

„איך האָב פאַרבאָרגן פון אייך די גאַנצע צייט מיין אומהייל־באַרע קראַנקייט... אין אַנדערע ווערטער: איך לייד פון אַ מעלאַנ־כאָליע; אָפט פּאַסירט, ווי בייזע גייסטער טרייבן מיך אַרום איבער די גאַסן, צווינגען מיך באַפאַלן דורכגייער און באַרויבן זיי פון אַלץ... און די לעצטע צייט איז מיין קראַנקהייט פאַרשאַרפט געוואָרן אין אַ שווערע פאָרמע און די סימפּטאָמען שפּיגלען זיך אָפּ זייער אָפט אויף מיין פּנים"...

אַרויסזאָגנדיק די ווערטער אַזוי „אומשולדיק", ווירקן ווי אַ כשוף אויפ'ן פעטער. ער דערשרעקט זיך מאָמענטאַל, בלייבט שטיין ווי פאַרגאַפט אַ פּאָר מינוט מיט אַן אָפענעם מויל. — אָבער באַלד קומט ער צו זיך, און מיט אַ רואיקן טאָן ענטפערט ער גאַליק:

— „איך באַדויער זייער דיין „פּסיכאָפּאַטישע קראַנקייט“. אָרימער אַלבערט, אָבער איידער דו פאַרלאָזט מיין הויז, און איידער מרים האָט נאָך צייט געהאַט דערוויסן זיך דיין טראַגישע שוואַכקייט, וועסטו מוזן זיין אַזוי גוט און אַריינגיין צו אַ ספּעציאַליסט אַ דאָקטאָר און ברייגנען אונז אַן איבערצייגונג, אַז דו ביזט ווירקלאַך „גייסטיק קראַנק“, דאַן וועלן מיר דיר גלויבן און פון דיר גאָר ניט פאַרלאַנגען און אַנטשולדיקן דיין ניט קלאָרע האַנדלונג“...

אַלבערט דיינקט איבער, ווישט אָפּ דעם שוויים פון פּנים, צופּט די קליינע וואָנסלאַך, טוט אָן זיין הוט, לאָזט איבער דעם טשעמאָדאַן און גייט אַוועק צו אַ ספּעציאַליסט אַרויסנעמען אַ באַשטעטיקונג, איבערצייגן דעם אָנקל זיין „קראַנקייט“, און האַלט פעסט די האַנט אין קעשענע, וואו ס׳ליגן זילבערנע און פּאַפּירענע דאָלאַרס...

דער דאָקטאָר, גאָלוב׳ס אַ גוטער פריינט, נעמט אויף אַלבערט׳ן זייער העפלאַך, בעט אים זיצן, און אויסהערנדיק זיין וואונש... אַנטזאָגט ער קאַטעגאָריש זיין ביטע...

— „מיין פליכט, יונגערמאַן, זאָגט דער דאָקטאָר, איז ווירקלאַך צו ברייגנען הילף און פאַרלייכטערונג פאַר דער מענטשהייט: ווען איר פאַרלאַנגט פון מיר אַ באַשטעטיקונג, אַז איר זיינט געזונט און נאָרמאַל, ווייל איר ווילט חתונה האָבן, וואָלט איך אייך זיכער דערקלערט פאַר משוגע — און אַזאַ באַשטעטיקונג אַרויסגעגעבן... אָבער פאַרשטייט אַליין, „אַ סערטיפיקייט“, אַ קעגנזאַץ פון ערשטן... דאַן זיינט איר פאָלקאָם געזונט מיט אַ קלאָרן, לאָגישן פאַרשטאַנד, און אַזאַ — טאָר איך ניט אָנשרייבן...

אַלבערט איז אַרויס פון דאָקטאָר׳ס הויז מיט האַסטיקע טריט, און צו זיך געמורמלט:

„כ׳בין מיאוס דורכגעפאַלן“!!

נאכן סעזאָן

דער סעזאָן איז נאָך געווען אין פולן „ברען״ : איינגעשנורע־ ווער באַנדלאָך פלעגן אריינגעפירט ווערן יעדן טאָג אין זימל׳ס שאַפּ.

איינינגע „פריווילעגירטע״ ארבעטער פלעגן מיטאָגס־שעה אונ־ טערהאַנדלען מיט׳ן שאַפּ טשערמאַן און אויסבאַדאַטייען צו אר־ בעטן אין אָוונט אַ פּאָר שעה שפּעטער, און אַנדערע, ניט אַזעלכע געהאַרכזאַמע מיטגלידער, פלעגן בגנבה זיך אריינכאַפּן שבת פרי אין שאַפּ און אומבאַמערקטערהייט אָפּארבעטן דעם האַלבן טאָג — דאָך האָבן שוין אַלע געפילט, ווי עפּעס אַ כמאַרע הייננגט איבער זייערע קעפּ אין דעם גרויען שאַפּ־חלל — דער בייזער אכזר־סלעק.

שייפער האָט עס בולט׳ער, ווי אַנדערע, אַנגעטאַפּט מיט זיין שטאַרקן חוש. ער איז שוין פיל מאָל, אין זיין קורצער צייט, וואָס ער איז אין ניו יאָרק, געקומען מיט׳ן סלעק פּנים אל פּנים אין זייער נאָענטע באַציאונגען... אַ טיפן ווייטאָק האָט ער געפילט, ווי אַט־אַט רוקט ער זיך אָן ; ער איז שוין דאָ — און ווי אַ בייזער רעוויזאָר רעווידירט ער אַלע חפצים פון שטוב און ווי מיט אַן אומ־ זיכטבאַרע האַנט שלעפּט ער אַלץ אַוועק אפילו די „דרשה געשאַנק״, וואָס ער האָט נאָך פון דער אַלטער היים — אַלץ ווערט פאַרטראָגן אין „לאָמבאַרד״...

זיין פרוי האָט זיך ביי אים אַ סך מאָל געבעטן, אַז ער זאָל זוכן אַן אַנדער באַשעפטיקונג — אַ שליידער טאָן אין ד׳ערד די אַרבעט — „דיין מלאכה״, פלעגט זי אַ צורייצטע אין אַ צוציינגענער אינ־ טאָנאַציע ארויסזשיפּען, ליגט טיף אין מאַרך פון מיינע ביינער ; דיין „גאָלדענע״ אַרבעט האָט שוין איינגעשניטן טיפע סליאַדן פון לעבער־שפּורן אין מיינע באַקן און מיינע האָר באַווייסט — דיין מלאכה איז גוט, פלעגט זי גאַליק, אַז אויפגעפלאַמטע ארויסקרעכצן

— פּאָר קעסט־קינדער, וועלכע האָבן רייכע שווער און שוויגער, אָבער דו האָסט זיך אויף קיינעם ניט צו פאַרלאָזן... דערפאַר ביי־שטענדיק איינגעטונקט אין חובות, אפילו די העמד פון לייב איז אויך ניט דיינע.

שייפער פלעגט זיין אויפגערעגטע בלאַס־איינגעדאַרטע ווייב קיין וואָרט ניט ענטפערן, און אין האַרצן מודה געווען איר גערעכטע טענה און שטשימענדיק די ציין, נידריקער אריינגראָבן דעם קאָפּ אין צייטונג, לייענען און לייענען און קיין וואָרט ניט פאַרשטיין...

דער סעזאָן איז פאַריבער.

דער קאָנטראַקטאָר־באָס האָט אַלעמען געלאָזט וויסן, אַז יעדער קען זיך זוכן אַ פּלאַץ, דער שאַפּ מוז פאַרקויפט ווערן, ווייל ער קען ניט נאָכקומען דעם קאָנקורענץ אין מאַרקעט...

שייפער האָט דערפילט ווי אין האַרצן ביי אים האָט זיך ווי עפּעס אָפּגעריסן. ער האָט מיט אַלע מעגלאַכקייטן געפּרובירט זיך קאָנטראָלירן און שווייגן. אַ פּאָר מינוט איז ער געשטאַנען אויף איין אָרט, געדרייט דעם קאָפּ אין אַלע זייטן: די עטלאַכע איבערגעבלי־בענע אַרבעטער זיינען געשטאַנען בלאַסע, דערשראָקענע מיט ברייט־צועפּנטע אויגן געקוקט אין באָס זייט, ווי מיט אַ פראגע־צייכן — וואָס? ווייטער שניידן שכירות? זיין געדולד האָט ענדלאַך גע־פּלאַצט און מיט וואוט, ווי אַ צורייצטע חיה ארויסגעברומט:

— מיר פאַרשטייען אַייער כונה: אונז איז שוין צופיל באַקאַנט אייערע מעטאָדן! מיר ווייסן וואו אייערע ווערטער צילן... אָבער ס׳וועט אייך גאָרניט געלינגען... ווי זאָגט דער אמעריקאַנער: „עווערי דאָג העז היז דיי״...

שייפער איז אַנטשווינגן געוואָרן, אָפּגעווישט דעם שוויים, עט־וואָס אַ באַרואיקטער פאַרלאָזן דעם שאַפּ.

2

דער דלות האָט אָנגעהויבן געוועלטיקן מיט אַ שטאַרקע האַנט באַ שייפער׳ן אין הויז.

ס'איז אַנטשטאַנען אַ ביטערער קאַמף פאַר'ן טאָג־טעגלאַכן עק־זיסטענץ. ציפּע, זיין פרוי, האָט איינגעזן, אַז באַלד וועט אויסקומען זיך ווענדן צו צדקה־אנשטאַלטן. דער געדאַנק האָט איר געמאַכט צו אויפשווידערן. זי איז געווען אַנטשלאָסן, אַז שייפער זאָל אכטונג געבן אויף די פּיצלאַך קינדער און אליין זוכן אין ערגעץ ארבעט.

עטלאַכע מאָל האָט זי זיך געווענדעט צו געוויסע אַגענטורן — אַ פּאָר מאָל אַנאָנסירט אין די אידישע צייטונגען, אַז זי זוכט אַ פּלאַץ אַלס קעכן אין אַ פאַרמעגלאַכע הויז, אָדער אַ ניאַנקע צו קינדער, אָבער דער געדאַנק: — איבערלאָזן מאַן און קינדער אויף הפקר האָט איר צוריקגעהאַלטן...

אויף יעדן באַגינען פון טאָג פלעגט שייפער אויפשטיין פרי, קויפן אַ צייטונג, זוכן צווישן די אַנאָנסן, אפשר זיינען דאָ באַ־שעפטיקונגען, וואָס מ'דאַרף ניט זיין „עקספּיריענסד"... אָבער אַלעמאָל איז זיין זוכן געווען אומזיסט. אַ פאַרצווייפלטער פלעגט ער זיך ארומדרייען איבער די גאַסן און קומען אַ הונגעריקער אַהיים.

אַ ווינטער פרימאָרגן איז עס געווען. אַ שטורם־ווינט באַגלייט מיט שניי פאַלט ווי געדיכטע פעדערן אין די גאַסן און בלענדעט די דורכגייער די אויגן.

שייפער שלייכט מיט וואַקלדיקע טריט אַן אַ צוועק. ער ווייס ניט וואוהין גיין, צו וועמען זיך ווענדן נאָך ארבעט. ער האָט עט־לאַכע מאָל זיך פאַרקירעוועט אין ארבעטס־ביוראָ פון זיין יוניאָן, אָבער ער האָט חרטה און קערט זיך אום צוריק.

— וואָס וועל איך דאָרט טאָן? רעדט שייפער צו זיך אין דער שטיל.

דאָרטן איז אויך אַזוי מורא'דיק־גרוי; אַלץ די זעלבע פאַרזאָרג־טע, בלאַסע פּנים'ער. אָפּגעריסענע, פאַרוואַקסענע ארבעטסלאָזע; מיר איז שוין באַלד מיאוס געוואָרן די מענטשן, דער פּלאַץ, דער גאַנצער דאָרטיקער אומגעבונג; אַלץ־אַלץ, אָבער דאָרטן וועל איך כאָטש קענען געפינען אַ פריינט אין ליידן, זען מיין אָפּשפּיגלונג — זיך אביסל אָפּריידן פון הארצן, באַלויכט אים אַ געדאַנק.

פלוצלונג האָט אים ווי שפּאָגל נייער פּלאַן אַ בליץ געטאָן אין מח: אפשר איז דאָס אַ דערלייזונגס־וועג?

ניט פאַרדינט קיין סענט פאַר די לעצטע פיר חדשים, שטעכט אים ווי מיט עגבערס אין קאָפּ; אין הויז ממש קיין ברויט ניטאָ, די קינדער הונגעריקע, נאַקעטע: משה'לע איז שוין עטלאַכע טעג אין שולע ניט געווען — די שיכלאַך אינגאַנצן צופאַלן, און עטע, אַ גאַנצע נאַכט געהוסט, ווי פון אַ פאַס, געוויינט, געקרכצט, אַביסל מילך געבעטן! און זי אַליין? מיין אָרימע ציפּע! הויט און ביינער. גאָרניט די אַמאָליקע פרייליכע ציפּע, מיט וועלכע דאָס שטעטל איז געווען פול. און די זאַכן אויף איר? גאָט! מ'קען שוין באַלד דעם קאָליר ניט דערקענען — און מיין שפּייזער, העריי. דאַרף יעדן פאַרטאָג טראָגן די אָרדערס פאַר'ן שפּייז־קרעמער פאַר דריי דאָלאַר אַ וואָך און דערנאָך אַ נאַקעטער, אַן אַ מאַנטל לויפן אין סקול. פע! ס'איז אַ הינטישער לעבן!

איך מוז עס טאָן.

נארישקייטן! מורמלט שייפער צו זיך מיט גאַל, רעכענען זיך וואָס באַקאַנטע וועלן זאָגן? רייכערע פאַר מיר, אפילו אַזעלכע וואָס פאַרמאָגן עפּעס טוען דאָס אויך. איז עס דען אַ חרפּה? שע־מען זיך די רייכע, ווען זיי עקספּלואַטירן, ראַבעווען (אין „געזעצ־לאַכע" ראַמען) מיליאָנען מענטשן? שעמען זיי זיך פאַר דער עפנטלאַכער מיינונג?

ווען דו הונגערסט, ווען דו זעסט טאָג־טעגלאַך פאַר דיינע אויגן דיין קראַנקע, אויסגעמאַטערטע ווייב, דיינע הונגעריקע קליינע קינדער, שטענדיק פאַרשמאַכטע, זשעדנע אַביסל מילך, אָפּגעריסע־נע— און אין הויז איז קאַלט, די ווענט פייכט פון סיראַסט — דאַן פאַלט אַוועק דאָס געפיל פון חרפּה, פון בושה.

אָבער הימל, ווי קען מען ביי זיך רעכט מאַכן, מורמלט שייפער און מאַכט זיך אַליין אַ פאָרוואורף פאַר אַזאַ לעבערלאַכן געדאַנק. ווי אַזוי וועל איך מיינע באַקאַנטע, מיין משפּחה, מיין ווייב און קינדער אין די אויגן קענען קוקן? סיידן איך וועל מיט מיינע

נעגל די אויגן זיך אויסדראפּען! צום טייוול! מ׳וועט דאָך מיר פאַר אַן אידיאָט, פאַר אַ פּוילנצער האַלטן, און מיין נאָמען? מיין רעפּוטאַציע?... אזוי נידריק זינקען! איך ווער משוגע! ווי אזוי קומען צו מיר אַזעלכע מיזעראַבעלע רעיונות? פּלוצלונג אין מיטן העלן טאָג אריינגיין אין אַ הויז, אָדער אין אַ קראָם, אויסציען די לאַדאָניע און זאָגן: „שיינקט עפּעס".

דערציילן זיי דעם אמת, עפענען פאַר זיי מיין האַרץ. ווער וועט עס גלויבן? אפילו די מיטלקלאַסיקע וועלן מיט שפּאָט און פאַר־אַכטונג מיך „צוואַווארפן": „שעמען מעגט איר זיך", ארבעטן גייט! „אַ יונגערמאַן, וועלן זיי מיך מוסר׳ן און אין די אויגן טאַדלען, גייט בעטן נדבות? ! ס׳פעלט ניט קיין ארבעט, ווען מ׳וויל נאָר זוכן? !"

און ווי קליינלאָך איך וועל אויף זיך אליין קוקן...

מענטשן ווילן ניט וויסן, ווילן זיך ניט אריינטראַכטן אין יע־נעמס טיפע וויען. מענטשן האָבן ליב שמייכלדיקע פּנימ׳ער, פריי־לאַכע בליקן!!

שאַ! איך האָב אַ טייערן פּלאַן, אויסגעצייכנט, האָט שייפער ווי מיט פרייד הויך אויסגערופן.

„גאָט שיקט די רפואה פאַר דער מכה!!"

3

דער שניי־שטורם ווערט שטאַרקער פון מינוט צו מינוט.

דער ווינט פייפט, ווי אַ גאַנצע באַנדע שכורים וואָלטן געטאַנצט אַ שדים־טאַנץ. ער שליידערט אַלץ אום, וואָס ער באַגעגנט אויפ׳ן וועג.

ערטערווייז ווייעט אָן דער שניי גאַנצע בערג און ערטערווייז זעט זיך דער נאַקעטער אספאַלט אַרוים.

די ראַשיקע גאַסן זיינען ווי תמיד שטאַרק באַלעבט און פאַר־בלאַקירט מיט מענטשן, אויטאָמאָבילן און טראַמוויים.

א גרויסע מחנה שניי־ראַמער פּילט אַז די הויפּט־גאַס. די מחנה איז צעוואָרפן אין צוויי גרופּעס, פון ביידע זייטן גאַס, שאַרנדיק דעם שניי דאָרט לעבן די טראָטואַרן און די הורבעס הויבן זיך ווי הויכע פּיראַמידן.

שייפער פון ווייטן זעט אוים ווי אַ צוזאַמענגעקוועטשטע, פאַר־גליווערטע שטיק וואַטע: ווייס באַזילבערט, אַנגעפּעלצט, איינגע־בויגן שאַרט ער דעם שניי צו דער גרויסער הורבע־פּיראַמידע, וואָס ליגט אויפ'ן ראַג פון דער צווייטער גאַס.

מיט די לעצטע כחות הויבט ער דעם שווערן, אייזערנעם ריגל און טראַפּנס שוויים רינען פון זיין שטערן, ווי אין אַ הייסן זומער־טאָג; ער פּילט עפּעס ווי זיין אָטעמען ווערט קירצער פון מינוט צו מינוט, אָבער ער איז איינגע'עקשנ'ט צו ענדיקן דעם טאָג „אַר־בעט" און זיך זען מיט „לעבעדיקע" געלט — דאָס מאַכט אים פאַר א ווײַלע פאַרגעסן די שווערקייט און מידקייט...

4

שייפער ליגט אין בעט מיט פאַרמאַכטע אויגן. דאָס פּנים בלאַס, אָפּגעצערט, די ליפּן צוזאַמענגעדריקט: פּויזעט אַלע מאָל מיט אַ האַנט באַם רעכטן זייט און קרעכצט איינגעהאַלטן, שטיל.

אין די צוויי צימערן ברענט דער גאַז־מענטל רויכעריק־טונקל. אין שטוב איז אומהיימלאַך ... אַ דורכגענומענע קעלט ווייעט ארום.

דער פאַרצניאַריקער „שפּייזער", הערי, האָט נאָר וואָס אַ זעקל קוילן געבראַכט אויף דעם קליינעם האַלב־צובראַכענעם דריי־רעדל־דיקן קערעדזש.

ארום דעם קיך־טישל זיצן די צוויי קליינע קינדער און שפּילן זיך שטיל, אָן ווערטער: די מאַמע האָט געהייסן שווייגן.

משה'לע אין צוריסענע זעקלאַך שאַרט זיך אויפ'ן דיל צו צום פענצטער, סטאַרעט זיך אַז אַ גערויש, אַז טומל מיט'ן שפּיץ מעסער אַפּסקראַבן די אָנגעפרוירענע אייז און שניי אויפ'ן שויב, שטרייגנט

זיך מיט איין אויג ארויסקוקן אין לאנגן, שמאָלן הויף, זען אַ פּאָר חברים.

ציפּע זיצט אויף אַ שטול לעבן מאַנ׳ס בעט ארונטערגעלאָזן דעם קאָפּ, קוקט אים אין פּנים אריין און ווישט די טרערן.

ווען ער איז נעכטן פאַרנאַכט פון דער „ארבעט“ געקומען, האָט ער, נאָך אין גאַס גייענדיק דערפילט שטאַרקע ווייטאָקן אין רעכטן זייט...

דער דאָקטאָר איז נאָר וואָס געווען, פאַרשריבן אַ רעצעפּט און געהייסן מ׳זאָל אים אָפּרופן מאָרגן פרי.

ער ווייס נאָך ניט גענוי פון וואָס דער קראַנקער ליידט, ער דאַרף נאָך זען די סימפּטאָמען.

אָבער ציפּע פילט ווי דורך אַ קאַשמאַר אַ שרעקלאַכן פאָר־גע־פיל. און טרערן זודיקע גיסן זיך אָן אָן אויפהער און פאַלן ווי טראָפּנס רעגן אויפ׳ן דיל...

ביינקשאַפֿט

1

אַז די ערשטע פֿרימאָרגן שטראַלן דרינגען אַריין דורך די שויבן, איז שוין קאַלאַדני אויפֿגעוואַכט.

ער ראַלט אויף העכער אַביסל די פֿענצטער־גאַרדינען, באַקוקט דעם צימער אין אַלע ווינקלען.

זיינע בליקן פֿאַרטשעפּען זיך אָן אַ שיינע ביוסט־בילד, וועלכע הייננט אויפֿ'ן וואַנט. אַ טיפֿער זיפֿץ רייסט זיך באַ אים אַרויס.

— „ווי שנעל דער טויט צורייסט לעבנס! קיין פֿולע דרייסיק יאָר ניט אַלט געווען!!" רעדט קאַלאַדני צו זיך מיט אַנגסט, קוקנדיק מיט שטאַרע אויגן אויפֿ'ן פּאָרטרעט. „מיר ביידע — יונג, געזונט, פֿול מיט לעבנס־ציטער און ליידנשאַפֿטלאַכע אומרו: צו־זאַמען שיינע פּלענער געוועבט, ערשט — צורונענע זייפֿנבלאָזן"...

מיין ערשטיקע לאַגע איז אַ פּראָדוקט פֿון מיין אייגענער פֿאַר־נאַכלעסיקייט: דאָס לעבן, מורמלען שטיל זיינע ליפּן, איז אַזוי שטורמדיק, אַזוי ברויזנדיק, אַז מ'מוז מיט אימפּעט, מיט רעש נאָכ־לויפֿן נאָכ'ן ריזיקן לעבנס־ראָד — בלייבסטו אַ ווײַלע שטיין און וואַרטסט אויף יושר — ווערסטו געשטויסען ווי פֿון אַ וויכער און אַ צודריקטער נידערגעשליידערט אין טיפֿן אָפּגרונט"...

פֿאַרזיכטיק גייט ער אַרונטער פֿון געלעגער, אַז די קינדער זאָלן פֿון שלאָף זיך ניט אויפֿוועקן, שאַרט זיך אַריין פּאַמעלאַך אין קיך.

ער קלייבט צוזאַמען די אָנגעוואָרפֿענע כלים פֿון נעכטיקן מאָל־צייט. די טעלער גליטשן זיך פֿון זיינע הענט און אַ פּאָר פֿאַלן אַראָפּ מיט אַ קראַך אויפֿ'ן דיל. פֿון בראַזג האָט זיך דאָס קלענערע קינד

צוטומלט, אויפגעבאפט. מיט ברייט צועפנטע, דערשראקענע אויג־לאך זיך ארומגעקוקט, אנגעשטעלט א פאר ליפלאך און זיך צוא־וויינט...

דאס הארץ פארקלעמט אים פון רחמנות און פאטער־ליבע.

— שלעכט! ס'איז זייער ניט גוט צו זיין עלנד, — מורמלט קאלאדני שטיל. — ס'פעלט א פריינדין אין מיין שטוב, א צערט־לאכקייט פון א פרוי, וואס זאל אריינטראגן א הארציקע געטריי־שאפט און ליבע פאר מיינע עלנטע קינדער און טאקע פאר מיר אויך!

ער קוקט אריין אין שאפקע, אין ברויט־קערבל, צו ס'פעלט עפעס ניט עסנווארג פאר'ן טאג, פארצייכנט אויף א פאפיר די נויטיקע זאכן און גייט ארונטער אין שפייז קראם.

ווען אלץ איז איינגעקויפט און איינגעארדענט, צוקושט זיך קאלאדני מיט די קינדער, וועלכע זיינען שוין וואכעדיק, בעט דער שכנה פון דער צווייטער טיר אכטונג געבען אויפ'ן הויז און אויף די קינדער און שלייכט לאנגזאם אוועק צום שאפ, וואו ער ארבעט.

קאלאדני איז פאר דער צייט אלט און פארקנייטשט געווארן פון שווערן לעבן...

פון דער נאטור איז ער א גוטער, א באשיידענער, א ירושה פון זיין פאטער, פון וועלכן ער האט אויך איינגעזאפט די אידישע אל־טע מידה: „גם זו לטובה"...

ער ווייס זיין שוואכקייט, פון וועלכער ס'איז זיך אים שווער צו באפרייען. ער קאן ניט פארטראגן דעם הו־הא, דעם טומל: אר־בעטן מיט א סך ארבעטער אין א גרויסן פאבריק; דערפאר האט קאלאדני געהאט די „חזקה" אין דעם קליין האלב־טונקעלן שאפ, וואו דער באלעבאס פלעגט פון צייט צו צייט אויסצאלן די „פיי" גראשנווייז.

און דארטן אין דעם „פאבריקל" מיט נאך אזעלכע געציילטע הארעפאשניקעס, האט קאלאדני געפראצעוועט א סך יארן, איבער־לאזנדיק זיין כח, זיין יוגנט, און פאר די באגאבטע נאטור־מתנות

באַקומען — אַ הונגער־לוין, איינגעשרומפּענע באַקן, און שטענדיקע חובות...

און אַזוי אומבאַוואוסטזיניק, אַפּאַטיש וואָלט קאַלאַדני אָפּגע־לעבט זיין קליין דלד־אַמות וועלטל, ווי טויזנטע אַנדערע אַרבעטער, שלעפּנדיק געדולדיק דעם עול פון שווערן לאַסט־וואָגן, ווען אַ שטויס וואָלט ניט זיין שוואַכן בנין אַ שטאַרקן טרייסל געטאָן און געלאָזן אַ טיפן צושטערנדן סליאַד: זיין הוסטיקע, די פריערדיקע געזונטע פרוי, איז מיט אַמאָל שלאַף געוואָרן; קיין געלט מיטלען, מיט וואָס איר קורירן איז ניט געווען, אַ קורצע צייט איז זי געלעגן, מאַטערנ־דיק זיך אין די שווערסטע יסורים, און איבערגעלאָזן איר מאַן און די צוויי יתומים־קינדער עלנטע, איינזאַמע...

קאַלאַדני האָט די ערשטע צייט זיך אין גאַנצן פאַרלאָרן. זיין לאַנגע האָט זיך טאָפּלט פאַרערגערט: ער האָט געטראָגן דעם לאַסט אי אין הויז, אי אין שאַפּ; ווען ניט דער געדאַנק פון זיינע צוויי יתומים, אַז ער פאַרטרעט ערשט אי פאָטער, אי מוטער, וואָלט ער פון זינען אַרונטער.

2

די לעצטע צייט האָט קאַלאַדני'ס איינטאָניקער, גרויער לעבן באַקומען אַ פאַרב קאַלירטן אויסזען:

ער איז געוואָרן עטוואָס אויפגעלעבט. ער האָט מער מוט באַ־קומען. זיינע פאַר'מרה־שחורה'טע אויגן האָבן בּיסלאַכוויַיז אָנגע־הויבן גלאַנצן... אויפכאַפּנדיק זיך פרי־מאָרגן פון שלאָף, איז ער גלייך צום פאַרשטויבטן, האַלב־אָפּגעריבענעם וואַנט־שפּיגל צוגע־גאַנגען, באַטראַכט דאָס פּנים און קאָפּ. עטלאַכע ניט געווינשטע, גרויע, לאַנגע האָרינעס, וועלכע האָבן זיך בולט'ער אַרויסגעשאַרט פון אויבן, זיינען מיט צוויי פינגער־נעגל אַרויסגעצויגן געוואָרן...

ער האָט פּרובירט איינגע'עקשנ'ט „צוטרייבן" די קנייטשן פון פּנים, צושאַרן די „בלויע רעדער" אונטער די אויגן, גלעטן דעם גע־פאַלדעוועטן שטערן, און ווען אַלע מיטלען פלעגן ניט געלינגען, פלעגט אַ פאַרדריסלאַכע מינע זיינע ליפּן קרימען...

ניט לאנג צוריק פלעגט קאלאדני זיצן בא דער ארבעט א מידער, א יאוש׳דיקער, אפילו ניט שיינקען קיין אויפמערקזאמקייט, ווי יענע פאר ארבעטער, אויפ׳ן וואנט־זייגער...

זיינע אפטע זיפצן פלעגן זיך באהעפטן מיט׳ן הורזשען פון „זיין" מאשין אין איין אקארד... און נאך דער ארבעט מעכאניש פארלאזן דעם שאפ און שליכן מיט א געבויגענער קאפ אהיים, מיט א טיפע פוסטקייט אין הארצן... ערשט, ווי נאר ער טרעט איבער דעם שאפ־שוועל, איז זיין איינציקער, טיפער באגער גיכער אנט־לויפן פון דעם איינגן שטח.

די שעה׳ן ציען זיך בא אים לאנגע אייביקייטן... און די נעכט — א גרויל, אן אפקומעניש... און אז דער וועק־זייגער קלינגט זעקס, ווערט ער אויפגעברויזט פון פרייד...

3

אין שפייז־קראם איז קאלאדני׳ן איינמאל אויסגעקומען ווארטן זיין ריי. ס׳איז שוין שפעט געווען. ער האט געאיילט צו דער אר־בעט, און מיט שטומע ווערטער־בליקן געקוקט אויפ׳ן קרעמער, דא אויף די קונאים, ווי בעטנדיק פון זיי א גרויסע טובה, אז אימיצער פון זיי זאל אים שיינקען „א נעקסט".

נאענט לעבן אים איז געשטאנען א סימפאטישע מיטל־יאריקע ווייבל, שפורן פון פארגאנגענער שיינקייט, און באמערקט זיין פאר־לעגנהייט.

מיט ווייכע הארציקע אויגן און א פריינטלאכן שמייכל האט זי א וואונק געטאן צום קרעמער און שטיל באמערקט: „אז זי האט געגוג צייט, זאל דער מאן קריגן מיין ריי".

קאלאדני׳ס בליקן האבן זיך לאנג אפגעשטעלט אויף דעם פריינטלאכן פרוי׳ס פנים, וועלכעס האט אפגעשפיגלט ווייטע שפורן צארטקייט אין זיין נשמה...

אינסטינקטיוו האט א פריידיקע ווארימקייט זיך צוגאסן איבער זיין לייב...

* * *

קאלאדני'ן שלאפט זיך ניט. ער קנוילט זיך אויפ'ן געלעגער, דרייט איבער די קישן פון זייט צו זייט, ווי ער וואלט דארטן דעם סוד געזוכט פון זיין שלאפלאזיגקייט...

ער קען זיך ניט דערוואַרטן אויפ'ן קלונג פון זייגער. מיט אַן אומבאַגרעניצטער פרייד שוועבט ער ארונטער, ווי אויף פליגלען געטראַגן, די עטלאַכע שטאָק, אין שפייז־קראַם, וואו דאָס ווייבל מיט די ווייכע גוטע מאַמע־אויגן, שטייט שוין באַם קאַנטער און וואַרט איר ריי.

זיי באַגריסן זיך מיט לייכטע, קוים באַמערקבאַרע קעפּ־שאָקלען. ווי אַלטע באַקאַנטע און מיט געפילפולע רחמנות־בליקן באַטראַכט זי קאַלאַדני'ן, ווי באַגערנדיק אַריינדרינגען אין די טיפענישן פון זיין צוואוויטאַקטע נשמה און זען דאָרט אין אַלע פאַלבן די סודות...

זיין פריידיקע האָפנונג איז נאָך מער פאַרגרעסערט געוואָרן, ווען דער שפייז־קרעמער האָט קאַלאַדני'ן איינמאָל אין אַ פרי־מאָרגן איינגערוימט אַ סוד, אַז די מיטליאָריקע ווייבל מיט די גוטע אויגן איז אַן אַלמנה...

* * *

צווישן דעם הורזשען און קלאַפּעריי פון די מאַשינען זיצט קאַ־לאַדני און אַרבעט אַ באַשטראַלטער פון האַרציקע ביינקשאַפט, וואַרטנדיק מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם אויף מאָרגן פרי...

זיין טעות

דוד איז געבליבן שטיין אין אַ ראַשיקער גאַס קעגנאיבער אַ צוויי שטאָקיקע באַנק־געביידע מיט אַ שיין געפֿאָרמטן ארכיטעקטור.

ער וויל די גאַס אריבערגיין, אָבער די אָטאָמאָבילן פֿאַרצאַמען אים דעם וועג.

אַ דראָבנער רעגן באַגלייט מיט אַ ווינט פֿאַטשט אים אין פּנים און רייסט די הוט פֿון קאָפּ.

אַ מענטשן־כוואַליע שטראָמט, איילט אין פֿאַרשידענע ריכטונגען.

דוד קוקט זיך ארום ווי פֿאַרוואונדערט: שוין לאַנג, אַז ער האָט דעם גוט־באַקאַנטן געגנד ניט געזען.

רעיונות גאַנצע קנוילן וויקלען זיך אין זיין מח.

ער שטרייַנגט אָן קאָנצענטרירן זיין געדאַנק, אָבער די רעיונות צוברעקלטע שטראָמען צוטיילטע קאַפּיטלען און זיי צוואַוואַקסן ער־געץ אין אַ ווינקל מוח אין גיגאַנטישע נעבלקייטן! ...

זיינע מידע בליקן קלעטערן ארום איבער דער געביידע און דרינ־גען אריין דורך די פֿאַרטראַפּנטע רעגן־שויבן אין אינווייניק. דאָרטן, אין די אָפּגעצאַמטע „דראָטן־קעמערלאַך", באַ די דיקע בי־כער, מיט די שטום־מאָנאָטאָנע קליינע ציפֿערן, וואו ער האָט זיינע אויגן געבלענדעט און איבערגעגעבן געדינט דער פֿאַוואַלטונג עטלאַכע יאָר און צוליב אַ קאַפּריז פֿון וויים־פּרעזידענט איז ער פֿון באַנק אַנטזאגט געוואָרן.

און דאָרטן אין לעצטן דראָט־קעמערל האָט דוד דעם ערשטן טאָג זיך באַקאַנט מיט דאָראַ'ן, וועלכע האָט מיט אירע שמייכלען אים קאָקעטיש אין די אויגן אריינגעקוקט.

איר פרייליך, קיילעכדיקס פנים און שיינע סאפראנא שטימע האט דוד'ן פארהיפנאטיזירט.

זייער פריינטשאפט איז פארוואנדלט געווארן אין א הייסע ליבע. און ביסלעכווייז האט ער זיין הארציקע טייבלען אינגאנצן פארגעסן.

טייבל איז געווען זיין גלויבן, זיין אידעאל. און זי האט צוליב אים מקריב געווען אירע אלטע טאטע־מאמע, איבערלאזנדיק זיי דארטן איבער'ן ים אין א פארווארפענעם דערפל עלנדע איינזאמע.

אירע עלטערן האבן פאר'משכנ'ט די הויז מיט'ן קליין ווינטמיל, וועלכער איז געשטאנען אויפ'ן בערגל, וואו טייבל, ווי א זארגלאזער וואלד פויגל, פלעגט זינגען, טאנצען, און איר צו דוד'ן אוועקגעשיקט, און ער האט זי דא באגעגנט מיט'ן טיפסטן ברען פון זיין יונגער נשמה.

— „איך וועל מיין טייבלען ניט פארבייטן אפילו פאר א פרינצעסין", פלעגט ער צו זיינע באקאנטע זאגן. און ס'איז שוין אלץ גרייט געווען צו דער חתונה, האט זיך ווי א בייזער שטן דארא אריינגעכאפט און צוטראטן ביידנ'ס ליבע.

אירע ראפינירטע, קאקעטישע מאנירן, איר קול האט אים ווי מיטגעריסן און ער האט אנגעהויבן אויסמיידן זיך זען מיט טייבלען. ביז ער האט איר אין גאנצן פארלאזן...

טייבל האט אים קיין באמערקונגען ניט געמאכט; שטיל געליטן, קיינעם קיין ווארט דערציילט, און איינזאם אין די שטילע פארנאכטן אין צימער בא זיך טרערן פארגאסן.

2

דוד האט דערפילט א פיבער־קעלט איבער'ן גאנצן קערפער. ער איז דורכגעווייקט געווארן פון רעגן ביז'ן לעצטן פאדים. דער קאפ איז אים אנגעלאדן געווען ווי מיט א בליי שווערקייט.

— „מער ווי קראנק ווערן פעלט מיר ניט! צו אלע מיינע גליקן

פאַלן אין גאַס. מען מוז זיך שטאַרקן! אָבער וואו גייט מען?" טראַכט דוד, און מיט אָנגעשטריינגטע כחות צוגעגאַנגען צום באַן, וואָס פירט צו אַ וויטן שטאָט־אָפּטיילונג, וואו זיינער אַ פריינט וואוינט.

— „די צייט שפּילט מיט מיר דאָ אין לאַנד טייוולשע קאָמע־דיעס!" מורמלט צו זיך דוד, זיצנדיק אָנגעשפּאַרט באַם פענצטער אין וואַגאָן.

גלייך נאָך מיין הייראַט מיט דאָראַ'ן, האָב איך באַלד דערזען מיין ביטערן דורכפאַל, מיין טעות. מיין געוויסן האָט מיך גע־פייניקט, מיך שרעקלאָך פאַרפאָלגט, אָבער ס'איז שוין געווען צו שפּעט.

דאָראַ פלעגט דוד'ן מאַטערן מיט שטענדיקע קאַפּריזן און זינ־לאָזע אייפערזוכט; פאַרדעכטיקן, אַז ער גייט אין געהיים צו טייבלען...

ער האָט קיין מאָל ניט געטאָרט קומען שפּעטער, ווי זי האָט באַשטימט, און ווען ניט, איז באַלד — היסטעריקע, געוויין טרערן!...

דוד האָט אַלע מיטלען אָנגעווענדעט, באַווייזנדיק, אַז טייבל האָט באַלד נאָך זייער הייראַט פאַרלאָזן די שטאָט, אין ערגעץ פאַר־שוואונדן.

ער האָט מיט אַלע מעגלאַכקייטן געוואָלט אויפהאַלטן דעם שלום בית; קיין זאַך איז פאַר אים ניט שווער געווען. אַפּגעמאַכט אין זיך: ליידן פאַר זיין איבערגעאיילטן שריט, טראָגן אין זיין צוא־ווייטאָקטע נשמה געהיימע זיסע דעראינערונגען. אָבער דאָס איז אים אויך אוממעגלאָך געווען:

די אייפערזוכט־פונקען באַ דאָראַ'ן האָבן זיך אין אַ פלאַם צו־שפּרייט און געשטיגן ביז דעם העכסטן גראַד, און ווען ער פלעגט אַמאָל מיט אַן ערנסט־שטילן טאָן איר דערקלערן, אַז זי אַליין פאַר־שאַרפט די ליידן, מאַכט חרוב איר היים און דער שולד ווערט פאַלן אויף איר, פלעגט זי אויפגעברויזט ווערן ביז פאַרלירן זיך.

איינמאָל, ווען דוד איז אַהיים געקומען, האָט ער געפונען ליי־דיקע ווענט:

דאָרט האָט אַלע צימערן אויסגערייניקט, — פאַרנומען אַלץ ביז׳ן לעצטן פאָדים און אוועק צו אירן אַן אַלט־באַקאַנטן פריינט אין אַ דערבייאיקער שטעטל און פון דאַן אַן הערט ער פון איר ניט...

אַ פאַרזאָרגטער זיצט דוד מיט׳ן פּנים אין גאַס אַרויס.

דער רעגן שמייסט אין די וואַגאָן־שויבן, שליידערנדיק גרויסע טראָפּנס וואַסער.

וואו ניט וואו זיצן רחבֿת׳דיק עטלאַכע פּאַסאַזשירן מיט טריבע בליקן, איינגעטוליעטע אין וואַרעמע מאַנטלען, האַלטנדיק לעבן זיך רעגן־שירמס, פון וועלכע עס רינען אין וואַגאָן ריטשקעס וואַסער.

עס קלעפּן זיך באַ אים די אויגן־דעקלאַך און דער קאָפּ זינקט פון רגע צו רגע אַרונטער טיפער און טיפער...

3

באַ טייבלען אין הויז, אַ גרויסער חדר מיט צוויי פענצטער אין גאָרטן אַרויס.

ניט ווייט פון שטוב שליינגלט זיך אַ טייכל, פון וועלכןביידע זייטן ברעגן זיינען באַוואַקסן מיט ווערבעס. און לינקס, אַביסל ווייטער אויפ׳ן בערגל, וואו די טשערעדעס פּאַשן זיך, שטייט דער ווינט־מיל.

אַן אַ זייט פון ברייטן זאַמדיקן שליאַך שפּרייט זיך דאָס קליין בערעזעווער וועלדל, וואו דוד מיט טייבלען פאַרברייינגען די זומער פאַרנאַכטן.

אַ לבֿנה, זויבערדיק ווי זילבער, קוקט אַרויס פון די ווייטע הויכ־קייטן, שנירלט סודות׳דיק דורך צווישן די צווייגן: ווינקט האַרציק צו די צוויי פאַרליבטע, און זיי ווי נאַכט סילועטן, זיצן ווי צוזאַמענ־געוואַקסן, שווייגנדיק און טרוימען פון ליבע און שיינע וועלטן.

קאניקול איז עס געווען.

דוד איז צום אלטן זיידן פאר די פאר זומער־חדשים צו גאסט געקומען.

זיין קוזינע, טייבלען, האט ער געטראפן אין איר פול, רייצנדע בליאונג.

פאר די עטלאכע יאר, וואס ער איז אין דער גרויסער שטאט געווען און דארט געלערנט, איז זי אויסגעוואקסן ווי א פרעכטיקע בלום.

גלייך באם באגעגענען זיך מיט איר, נאך די עטלאכע צושיידטע קינדער־יארן, האט דוד דערפילט, אז מער לערנען קאן ער ניט, — זיין סטודיום איז געענדיקט.

ער האט פאר זיך דערזען א שלאנק־רייצנדע מיידל אין א האלב־פרימיטיוון צושטאנד.

ער האט מיט איר גענומען שרייבן און לערנען די רוסישע שפראך און איינשטודירן די גראמאטיק.

די ערשטע צייט זיינען די „סקלאניעניעס" בא איר אויסגעקומען מאדנע פריקרע.

קינדיש האט זי געלאכט, ווען דוד פלעגט איר הייסן „בויגן" „נעבעסא, נעבעס, נעבעסאם, נעבעסא, נעבעסאמי, אנעבעסאך".

— ווי אזוי קאן עס זיין, פלעגט זי א פארפלאמטע נאאיוו א פרעג טאן: זיינען דען דא א סך הימלען? און א געלעכטער, ווי א מעטאלענער גלעקל פלעגט זיך צוטראגן ווייט און ברייט און אפ־הילכן ווי אן עכא...

4

ס'זיינען אנגעקומען גרויע אסיען־טעג מיט שטאק־פינצטערע נעכט.

אין דארף איז געווען לאנגווייליק און מאנאטאן.

אַ טיפע שטילקייט האָט געהערשט אין דער ברייטער גאַס.

זעלטן פלעגט אַ ציטערדיק פלעמל פון אַ פאַררייכערטן קעראָסין־לעמפל זיך ארויסשאַרן דורך די שמאָלע מיט ליים באַשמירטע פענצטערלאַך.

אַ ווינט פון די פרייע סטעפּעס פלעגט רחבה׳דיק אומגעשטערט זיך אַרומטראָגן איבער׳ן דאָרף, און דורך די קוימענס און פענצטער אַרײַנבלאָזן אין די הייזלאַך אַ וואָיען ווי פון בייזע הינט...

און וואָלקנס גרויע, שטיקער כמאַרעס יאָגן זיך אַרום מיט אימ־פּעט איבער׳ן הימל, רעגנס ממש גאַנצע עמערס גיסן און גיסן אַז אויפהער, ווי זיי וואָלטן וועלן פאַר׳מבול׳ען דעם גאַנצן געגנט אַרום.

דוד מיט טייבלען האָבן לייגגער ניט געוואָלט פאַרבלייבן אין דאָרף. ס׳האָט זייביידן גערופן, געמאַניעט צום לעבן ערגעץ ווייט אַוועק, אין דער גרויסער שטאָט, און זיי האָבן אָפּגעמאַכט צו פאַר־לאָזן דאָס קליין דערפל און זיך לאָזן אין דער ברייטער וועלט זוכ־ן דאָס גליק — און דער גורל איז געפאַלן אויף אַמעריקאַ...

* * *

דוד האָט זיך ראַפּטאַם אויפגעכאַפּט, און מיט ברייט צועפנטע אויגן זיך אַרומגעקוקט.

האַרט לעבן אים איז געשטאַנען דער קאָנדוקטאָר און מיט צו־ציינגענע ווערטער מעכאַניש אויסגערופן: „ל־עסט סט־אָפּ — אָל אַאוט!“

צושטערטע פלענער

רייזל האָט צוזאַמענגערופן ביידע עלטערע ברידער צו דוד'ן אין הויז, באַראַטן זיך, ווי אַזוי העלפן דעם טאַטן, וועלכער איז דאָרט, אין קליין שטעטל איבער'ן ים, אַן איינזאַמער, אַ פאַרגע־סענער פון דער גאַנצער פאַמיליע.

דער מוטער האָט מען אַהער אַראָפּגעבראַכט מיט אַ קורצער צייט צוריק.

ישראל, דער עלטסטער זון, האָט פריער געוואָלט אַראָפּברענגען דעם טאַטן — ער זאָל דאָ אַרבעטן, סאַרטירן שמאַטעס בײַ אים אין שאַפּ, און דאָס געלט בײַ אים קלייבן... אָבער דער פאָטער האָט ניט געוואָלט אויף די אַלטע יאָרן פאַרלאָזן זיין איינגעזעסענעם ווינקל — דאָס געבורט־שטעטל, וואו ער האָט דורכגעלעבט אַ סך זומערן און ווינטערן, דורכגעמאַכט גענוג צער און פרייד און עקשנות'דיג געראַנגלט זיך מיט'ן טאָג־טעגלאַכן צער־לחם און אַלץ מקבל באהבה געווען, אַבי ניט פאָרן אין אַ פרעמד, ווייט לאַנד.

„קינדערלאַך, פלעגט ער זיי אָפט בריוו שרייבן, בײַ מיינע ערש־טיקע אַלטע יאָרן קען איך צו אייך ניט פאָרן. איך קען דער מאַמע אַליין ניט איבערלאָזן. און כל־זמן די נשמות וועלן זיך אין אונז האַלטן, וועט גאָט אונז ניט פאַרלאָזן — און ווען אַנשטאָט מיך. פאַדערט איר צו זיך אייער מוטער, טאָר איך זי מיט גוואַלד ניט פאַרהאַלטן. איך דאַרף איר ערשט אפילו האָבן, נאָכמער ווי אין די יונגע יאָרן, ווייל איך פיל יעדן טאָג ווי מיינע כחות פאַרלאָזן מיך, אָבער ווען די מאַמע גערנט זען די קינדער, און איר פאַרלאַנגט עס פון מיר, זייט איר אודאי ביליבער, און איך האַלט זי ניט צוריק. אָבער, קינדער, זעט, אַכטונג געבן אויף איר, גיט אַפּ כבוד אַם. ווען זי וועט בשלום צו אייך קומען און פאַרלאָזט ניט אייער טאַטן. ווען ער וועט אַן עלנדער אַליין בלייבן....“

דער אינגסטער זון, דוד, נאָך ניט לאַנג פון דערהיים, האָט עט־לאָבע מאָל אַ פּאַרזוך געמאַכט צוזאַמענברענגען די ברידער, און באַראַטן זיך וואָס צו טאָן מיט'ן פאָטער, אפשר איז אַ פּלאַן אים אהער ברענגען? אָבער קיינמאָל איז אים ניט געלונגען: ווען ער האָט זיך אַריינגעצויגן אין דער נייער היים, אַ פּאָר וואָכן נאָך דער חתונה, און מיט רייזל'ס מיטווירקונג, איז זיי דעם מאָל גע־לונגען אַראָפּברענגען די ברידער צו אים.

לפּנים האָט עס געהייסן איינגעלאַדן זיי, זען זיין נייע היים און ווינשן אים מזל־טוב.

ווען די שטימונג איז געוואָרן אַ גוטמוטיקע, עטוואָס אַן איבער־געכאַפּטע פון אַן איבריקן „לחיים", האָט דוד, דורך אַ וואונק פון רייזל'ן, זיך באַנוצט מיט דער געלעגנהייט: לאַנגזאַם אַרויסגע־נומען אַ צוזאַמענגעלייגטן בריוו, אַנגעפּיקעוועט ווי מיט קליין רש"י כתב, פון בוזים קעשענע; געהאַלטן אַ ווײַלע אים אין האַנט, געקוקט אויף די ברידער, עטוואָס נאָכגעדיינקט, דורכגעלייענט אַ פּאָר מאָל פאַר זיך — און מיט אַ רחמנות־טאָן, ווי אַ געבעט, דער־קלערט די ברידער דעם אינהאַלט פון בריוו: „דער בריוו איז דער לעצטער, שרייבט דער טאַטע", האָט דוד מיט אַן ערנסט־פאַר־טראַכטן פּנים זיי געזאָגט. ער שטראָפט אונז, פאַרוואָס מיר האָבן אים פאַרגעסן, אַרויסגעריסן גאָט פון הארצן. ער דערמאָנט אונז, אַז אפילו וואָסיל דעם משומד'ס קינדער, שיקן אויך געלט זייער טאַטן צום לעבן... און באַטאָנט, אַז מיר וועלן אויך אַמאָל אַלט ווערן און גאָט גיט אָפּ „מידה כנגד מידה"... און פאַרענדיקט, אַז מיר זאָלן אים אהער נעמען, ווייל זיינע טעג זיינען שוין געציילטע און ער וועט אונז לאַנג ניט דאַקוטשען. ער בענקט זייער נאָך אַלעמען, דער מאַמע לאָזט ער פון די ליפּן ניט אַראָפּ — דאָס לעבן פון שטענדיק זיין אַליין מיט די פּוסטע, כמורנע ווענט מיט'ן שטענ־דיקן גרילצן פון די גרילן, האָבן אים באַלד פון זינען געבירט, און אויב מיר ווילן אים אהער ניט ברענגען, בעט ער רחמים, אַז מ'זאָל אים פון צייט צו צייט פּעקלאַך עסנוואַרג שיקן, זיין נשמה צו דער־האַלטן און אַ פּאָר העמדער פאַרלאַנגט ער, דאָס נאַקעטע לייב צו פאַרדעקן..."

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

דוד האָט אָפּגעווישט דעם דעם שוויים פון שטערן, אַוועקגע־שאַרט פון זיך דעם בריוו, אונטערגעשפּאַרט דעם קאָפּ און באַוועג־לאָז געקוקט אין אַן אומבאַשטימטער ריכטונג.

אין הויז האָט געהערשט אַ געדריקטע שטימונג מיט אַ טיף שווייגן.

די נאָר וואָס פאַררויטלטע, פרייליכע פּנים'ער פון די ברידער האָבן זיך ווי מיט אַ כמאַרע באַצויגן. איינער האָט געוואַרט אויפ'ן צווייטן, וואָס דער ערשטער וועט זאָגן.

הם, האָט ישׂראל אַ ברום געטאָן, פאַרבייסנדיק די ליפּן, און דער „הם" האָט זיך פאַרלאָרן, ווי אַ טויבער אָפּקלאַנג אין אַ פּוס־טער כּלי...

— אַ גאַנץ אינטערעסאַנטער בריוו, האָט ער מיט ניט קיין פעסטן טאָן צו אַלעמען שטיל געזאָגט און געריבן מיט דער האַנט דעם שטערן און די ברעמען.

— „איך וואָלט מיין מיינונג געזאָגט, האָט ישׂראל צוצויגן גע־רעדט, בלייבנדיק אין דער פּאָזע מיט'ן האַנט אויפ'ן שטערן אָנגע־שפּאַרט אין אַ ברעג טיש, אַז ערשט איז ניט קיין זין אַראָפּברייענגען אַהער דעם טאַטן. ערשטנס, וואָס וועט ער דאָ טאָן?... צווייטנס, ער וועט אויף אונז אַלעמען צו לאַסט פאַלן: ער איז אַלט, שוואַך! און לאָמיר זיך ניט נאַרן: ווער וועט עס קענען איבערטראָגן די קאַפּריזן פון אים? מיר שטייען שוין אויס גענוג פון דער מאַמע.

צו דער מאַמע אפילו דערלייגן מיר ניט פיל, האָט ער פאַרגע־זעצט: זי העלפט אונזערע ווייבער: נאַנטשעט באַ רייזל'ן די קינדער — פאַרשפּאָרן מיר עפּעס, איז דאָ אַ זין — אַן עניין — אָבער דער טאַטע?... מיט עטלאַכע יאָר צוריק איז יאָ געווען אַ פּלאַן: אַ געזונטער, אַ יונגער, אַ מוטיקער... אָבער ערשט — הם, דער טאַטע איז שוין גענוג אַלט, זיין וועלטל שוין כּמעט אָפּגעלעבט!!

— איך שטים איין מיט ישׂראל'ס מיינונג, בנוגע ברייענגען דעם טאַטן, האָט מאָרים ערנסט געזאָגט. איך קען נאָך ערגער ניט

העלפן אים: מיינע אויסגאבן זיינען פיל גרעסער ווי ישראל'ס; ער איז צווייען, אַן קינדער, ער קען גיכער העלפן ווי איך. בא אים לערנען ניט קיין קינדער אין קאלעדזש, ווי בא מיר: מיין הוצאה איז גוואלדיק גרויס!

— ווארפט זיך ניט מיט אייער פאטער! — איז די מאמע א פארפלאמטע ארויס פון געדולד. אזוי האנדלט מען ניט קעגן א טאטן, קינדער! גאט זאל אייך ניט שטראפן דערפאר, האט זי מיט טרערן געזאָגט. א סך בין איך אליין שולדיק: כ'האב ניט געטאָרט פארלאָזן אים אויף די אלטע יארן. אינאיינעם מיט אים באַדאַרפט ליידן הונגער און נויט; אינאיינעם מיט אים ביינקען און זאָרגן, אָבער צוליב אייך, קינדער, בין איך פאר אים א שלעכטע געוואָרן. מיינע אלטע אויגן האב איך אויסגעוויינט. מיין האַרץ, מיין נשמה האט אזוי און'רחמנות'דיק צו אייך געצויגן, געשלעפט ווי מיט צוואַנגען. נעכט נאך נעכט פלעג איך וואכן: טראַכטן, קלערן פון אייך, קינדער: כ'פלעג אייערע בילדער פון די ווענט אראָפּנעמען, מיט זודיקע קושן זיי באדעקן. אין אלע ווינקעלאך אייך ארומזוכן. מיינע שבתים, ימים־טובים זיינען בא מיר וואכע־דיק און פארשטערט געווארן. דער טאטע פלעגט שווייגן. יסורים־ווייען פלעגן זיך אָפּשפּיגלען אין זיינע אויגן — כ'האב אים ניט פארשטאנען...

„פאַר ניט, באשע, פלעגט ער צו מיר שטיל, ווי א תפילה שעפ־טשען, זיצנדיק באם סופר. פאַר ניט! דאַרטן, בא די קינדער, וועסטו א דינסט זיין, קיין מנוחה ניט האבן, אַז אַן אייגן ווילן, אַן איבריקע, און יעדן קינד צו לאַסט פאלן — דא, אין אונזער קליין שטיבל ביזטו א באלעבאסטע, אלע אין שטעטל קאנען דיך — פאַר ניט, פלעגט ער פארענדיקן און איינגראבן דעם קאפּ אין סופר און מיט התמדה זאָגן און זאָגן. — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

די מוטער האָט א טיפן, לאנגן זיפץ געטאָן, צוגעשארט צו זיך דעם בריוול, געדרייט אים אין אלע זייטן און צו אירע דאַרע ברוסט צוגעדריקט.

רייזל, די איינציקע טאָכטער, האָט די גאַנצע צייט געשוויגן. זי האָט אַ פּאָר מאָל געוואָלט עפּעס זאָגן, אָבער טרערן האָבן איר אין האַלז געשטיקט. זי האָט טיף אָפּגעצויגן דעם אָטעם, און שטיל, היסטעריש אָנגעהויבן רייד ן:

— „איך וואָלט קיינעם ניט וועלן ווי טאָן און מוסר זאָגן. איך בין ווייט צו זיין אַ מאָראַל־פּרײדיגערן, אָבער עס איז אַזוי גרויליק־ווי, אַז איך מוז זאָגן, וואָס איך פּיל, און געקוקט אין דער ריכטונג, וואו דער בריוול איז געלעגן אַ צוזאַמענגענייטשטער אויפ׳ן טיש... עס איז טאַקע אמת, האָט רייזל פּייעריק געזאָגט, אַז די נאָבלסטע מידה בּאַ מענטשן — איז טאָלעראַנץ, אָבער אין אַזאַ מאָמענט, ווען אייגענע קינדער פאַרלירן דעם חוש פון רחמנות, פאַרגעסן די אחריות, וועלכע מוזן ליגן אויף זיי, ווי אַ הייליקער חוב :— העלפן אַז אַלטן, היימלאָזן טאַטן, ־דאַן ווערט די שיינע מידה, ווי מיט צוואַנגען צוזאַמענגעפּרעסט — און איך זאָג : אַז בּאַ מיינע ברידער ישראל און מאָרים זיינען קיין הערצער איינגאַנצן ניט...

די ברידער האָבן אויף רייזל׳ן בייזע בליקן געוואָרפן.

רייזל איז אַ ווײַלע אַנטשוויגן געוואָרן, פאַרטראַכט ארויסגעקוקט דורך די פאַרהאַנגענע פענצטער־גאַרדינען איז גאַס ארויס און באַלד פאַרגעזעצט ריידן : די גלייכגיטיקייט פון די קינדער צום פאָטער, איז אַ גרויסער טייל שולד, דיין שולד, מאַמע : דו אַליין ניט ווויסנדיק, האָסטו פון פריסטן יוגנט געפּלאַנצט אין די קינדער אַ פאַרדרום צום טאַטן ; ער איז ניט געטריי, גינציג — פויל. — איך געדיינק עס נאָך פון דערהיים, איך מוז דיר דעם אמת זאָגן. מאַמע, כאָטש מיר איז אַזוי שווער ארויסריידן : טעג נאָך טעג פלעגסטו זיך ארומקריגן מיט׳ן טאַטן — פאַרלאַנגט פון אים איבער זיינע כחות. דער פאָטער איז אַלעמאָל געווען גוט און געטריי. פאַר אים איז קיין זאַך ניט שווער געווען, קיינמאָל זיך ניט באַקלאָגט ; אַלץ פאַר ליב אָנגענומען, „גם זו לטובה“ — איז זיין שטילער פּראָטעסט געווען. די דריי ווערטער האָבן זיך ווי בליציקע נאַכט־פייערלאַך אריינגעשניטן אין מיין זכרון. ער איז אַ

שווייגער געוועז. שעה׳ן לאנגע פלעגט ער אפזיצן בא זיינע ספרים און מורמלען עפעס אין דער שטיל, האבן מיר פאר א סימן אנגע־נומען — אז קיין זאך הארט אים ניט. דאך, ווי יונג כ׳בין דאן געווען, פלעג איך באמערקן, אז זיין הארץ בלוטיקט פאר אונז אלעמען. וואס קען א למדן, א יחוס־איד טאן אין דערהיים, אין א קליין שטעטל? — געווען א חזן, א שמש, א בעל־קריאה, ארומ־געטראגן ספרים, ציצית, מזוזות פארקויפן. גלייך נאך פורים זיך פאר א משגיח אין פאדריאד פארדונגען, אכטונג געבן, אז די מצות זאלן כשר געבאקט ווערן. קומען פלעגט ער שפעט באנאכט אהיים, אויסגעמוטשעט, בלאס, מיט געל איינגעפאלענע באקן.

איך דערמאן זיך, ווי נעכטן איז עס געווען: מארים איז נאך א קליין קינד געווען, ישראל מיט א פאר יאר עלטער. ביידע זיינען שלאף געווען. דער טאטע שלאפט ניט גאנצע נעכט: וואכט איבער זיי, זאגט תפילות, גייט אלע מינוט צו צו די בעטלאך, שטייט אפ לאנגע מינוטן שמונה־עשרה׳דיק, פארדרייסט די אויגן צום סטעליע און די בלאס־בלוטלאזע ליפן שעפטשען עפעס אין דער שטיל, און ווערט פארפאלן אויף א קורצע צייט — קומט באלד צוריק א מונטערער, מיט אן אויפגעטליעטן פלעמל אין זיינע יאוש׳־דיקע אויגן — ער ווערט פול מיט בטחון, אז די „שערי רחמים“ פון זיין מקום קדוש האבן זיין תפילה פארנומען און א רפואה שלמה וועט די קינדער געשיקט ווערן... און ווי גרויס איז דעם טאטנ׳ס פרייד, ווען איר ביידע זייט געזונט געווארן...

די גאנצע פאמיליע איז געזעסן שטיל מיט אראפגעבויגענע קעפ און מיט איינגעהאלטענע אטעמס, ניט וועלנדיק פארלירן א ווארט פון רייזל׳ס אמת׳דיקע רייד, פון יענעם הארציקן פארגאנגענעם אמאל, געקוקט אויף איר מיט פייכטע אויגן און אינסטינקטיוו גע־שאקלט מיט די קעפ.

איך געדיינק זייער גוט, האט רייזל׳ס שטימע שארף און הילכיק געקלונגען אין די דריי צימערן. איך בין די עלטסטע. איך וויים יעדער זאך קלאר: פאר׳ן פאטער איז ניט שווער געווען איינמאל אוועקלאזן זיך צו־פוס א דרייסיק וויארסט פון שטעטל, ערגעץ אין

א הויף, וואו א רייכער ארענדאר האט אים איינגעלאדן דאוונען א שבת. און ס'ארא פרייד ס'האט דעמאלט ארויסגעשטראלט פון זיינע אויגן, ווען, צוריקקומענדיק בשלום א פארשטויבטער, א פאר־חלש'טער פון דער ווייטער נסיעה, האט ער אונז אלעמען געזונט געטראפן, מיט פרייד איבערגעגעבן דער מאמע'ן פינף זילבערנע רובל און א פארבונדענעם זעקל עסנווארג. מיט וואס פאר א ליבע און צערטלאכקייט, ער האט זיך באם טיש געזעצט — דער מאמע'ן געהייסן פאנאנדערבינדן דאס פעקל און חיות'דיק צוגעקוקט, ווי אלע קינדער שלינגען שטיקער פרישע, שמעקנדיקע חלה — אין אונ־זער דלד־אמות שטיבל האט געהערשט אן אמת'ער שלום־בית. דער טאטע האט נחת'דיק געריבן א האנט אן א האנט און צופרידן א מורמל געטאן: „גם זו לטובה."

רייזל האט אפגעצויגן דעם אטעם, זיך אויפגעהויבן פון שטול און שטיל פארגעזעצט: שטעלט זיך אויף איין מינוט פאר, ווי דער טאטע זעט אויס דארטן אין זיין איינזאמער, קליין שטיבל: א הויפן ביינער אין אלטע שמאטעס איינגעהילט. מיט דערשראָ־קענע, ברייט־צועפנטע, מיט בלויע רעדער אונטער די האלב אויס־געלאשענע אויגן, קוקט ער זיך ארום אין דער שאטנדיקער טונקל־קייט, ווי ער וואלט אונז אלעמען געזוכט — און די בליקן בלאנ־דזשען לאנג, ביז זיי ווערן מיד און בייגט ארונטער דעם קאפ אין הייליקן ספר...

— דו, מאמע, האט רייזל גאליק באמערקט, האסט ניט געטארט פארלאזן אן אלטן חבר, מיט וועלכן דו האסט אינאיינעם אפגע־לעבט מער ווי פופציק יאר! צוזאמען מיט אים האסטו באדארפט שלעפן דעם לאסט פון זארג, פון בייגקשאפט. דו האסט געמוזט אונטערדריקן די ליבע צו דיינע קינדער! אבער ס'איז פארפאלן! ערשט מוז מען דעם טאטן אהער ברייגגען! האט רייזל פייערדיק אויסגערופן. איך מאך דעם אנפאנג. רייזל'ס הארץ האט האסטיקער געקלאפט פון אויפרעגנדע פרייד. זי האט אראפגענומען דאס לעצ־טע פינגערל, צוגעקייקלט צו ישראל'ן און געהייסן אים פאר־משכנ'ען...

דוד האָט דערפֿילט אַ זודיקן ברעז פֿון אויפֿגעוואַכטע רחמנות־פֿילונגען אין האַרצן.

ער האָט אַרומגעקוקט זיין נייע היים, מיט די נאָר וואָס אַראָפּ־געפֿירטע גלאַנציקע מאַסיווע שטיקער מעבל, פֿאַר׳גנב׳עט אַ פּאָר ליבע בליקן אויף זיין פֿרוי׳ס צאַרט־יונגן פּנים, וועלכע איז געזעסן קעגנאיבער רייזל׳ן די גאַנצע צייט מיט פֿייכטע אויגן, אַ טראַכט געטאָן, אַריינגעשאַרט די האַנט אין הויזן־קעשענע, אַרויסגעצויגן צוריק אַ ליידיקע, געריבן די קני, אַריינגעטאָן אַ צווייטן מאָל די האַנט, געטאַפּט מיט די פֿינגער עטוואָס אַ ווייכס, זיך גע׳ישוב׳ט אַ פּאָר מינוט — געשעמט, אום קיין חרטה ניט האָבן, שנעל אַרויס־געצויגן אַ האַלב־פֿאַרמאַכטן פּויסט, מיט אַ קליין פּאַרזיכטיק צו־נויפֿגעלייגטן פּעקעלע פּאַפּיר־געלט, וואָס ער האָט געהאַלטן צוגע־גרייט פֿאַר דירה־געלט, און אַרויפֿגעלייגט אויף׳ן טאַטנ׳ס ברוויל.

— „דאָס איז די צווייטע ביישטייערונג פֿאַר׳ן טאַטנ׳ס רייזע!“ — האָט דוד געריירט מיט טרערן געזאָגט.

ישראל מיט מאַרים׳ן האָבן זיך איבערגעקוקט, פֿאַרשעמט די אויגן אַרונטערגעלאָזן און לאַנג די קעפּ ניט געקענט אויפֿהויבן...

— „מיר וועלן אונזערס אויך ביישטייערן, האָבןביידע גלייך, ווי צוזאַמענגערעדט, פֿאַרשולדיקטע, שטיל אַרויסגעזאָגט.

— „אָבער, ווער וועט האַלטן דעם טאַטן בײַ זיך?“ — האָט רייזל דרייסט די ברידער אַ פֿרעג געטאָן און זיי שאַרף אַריינגעקוקט אין די אויגן.

— „זאָל דער טאַטע נאָר אַהער קומען“, — האָט ישראל ניט גערן געענטפֿערט.

—בײַ אונז, אין די דריי חדרים, וועט ער זיין!—האָט דוד פֿעסט און אַנטשלאָסן כמעט הויך אויסגערופֿן. — איך וועל אים כבוד־אב אָפּגעבן, באַלוינען אים פֿאַר אַלע עולות, וואָס מיר זיינען אַלע קעגן אים באַגאַנגען. און דו, מיין ליבע אסתר, — האָט ער צו זיין יונג, שיין ווייבל זיך געווענדט, — וועסטו צופֿרידן זיין האַלטן בײַ אונז מיין פֿאָטער?

— דיין פראגע באַליידיקט מיך, דוד, — האָט אסתר שטיל, תמימות'דיק געענטפערט. איך וועל אים אַ געטרייע טאָכטער זיין. ביידן וועלן מיר אַהיים געבן — אינאיינעם מיט אונז וועלן דיינע עלטערן זיין, — האָט זי מיט באַגייסטערונג געזאָגט און אירע יונגע, פרישע באַקן האָבן זיך פאַרביק געררויטלט.

— „עלטערן דאַרפן זיין בא אַ טאָכטער! — האָט רייזל מיט אַ טאָן פון אווטאָריטעט באַשטעטיקט. — און מיין לואי וויים ווי אָפּשעצן מיין טאַטנ'ס תורה!" —

עס האָט זיך פּלוצלונג דערהערט אַ הילכיק-שאַרפער קלונג אין טיר.

רייזל איז אריין אין קאָרידאָר, איבערגענומען פון בריוו־טרעגער אַ פאַרזיגלטן בריוו און איבערגעגעבן דוד'ן. אויפרייסנדיק דעם קאָנווערט האָט דוד אויגנבליקלאַך דורכגעלאָפן די פּאָר שורות און איז בלאַס געוואָרן.

זיינע ליפּן האָבן קאָנוואולסיוו געציטערט און קוים הערבאַר דורכגעלייענט פּאָר אַלעמען ווי פאָלגט:

„אייער מאַן און פאָטער ר' מנחם האָט מער ניט געקענט איבער־לעבן די הונגער, קעלט און בײנקשאַפט!!

זאָגט „ק—ד—י—ש!! — — —"

באצאלט דעם חוב

די ווירטן פון הויז, וואו ביילין און פיאלקאוו זיינען אויף קוואר־טיר געשטאנען, פלעגט פון פיאלקאוו׳ן שפאסן און גלייכצייטיק, ווי מוטערלאך, ברוגז׳דיק אים שטראפן:

— „א מענטשן זאל ניט שווער זיין ארבעטן א לאנגן טאג בא פראסטע ארבעט און פון די קלעגלאכע פארדינסטן זיך טיילן מיט אים מיט׳ן לעצטן ביסן. ריכטיק ווי ער וואלט אייער קינד געוועזן“.

ס׳איז טאקע אמת, פלעגט די ווירטן מיט א רחמנות פנים צו־געבן, אז א מענטשן קען מען ניט ארויסטרייבן פון הויז, ווען ער איז אין נויט, אבער אזוי לאנג זיך ארומדרייען און ניט וועלן אר־בעטן, איז פשוט ווי ווארפן געלט פאר׳ן טייוול. און פאר וואס זאל ער טאקע זוכן ארבעט? — פלעגט זי נאכדעם מיט אן ערנסטן טאן ארויסזאגן און קוקן פיאלקאוו׳ן גלייך אין די אויגן, אז ער וויים, אז איר וועט אים מיט אלץ באזארגן. איז כאטש טאן טובות א דאנקבארן מענטשן, אבער איר קענט דאך ביילינ׳ען בעסער ווי איך — איר ווייסט דאך ווער ער איז: זייער א סך קענט איר פון אים דערוווארטן. „באצאלן“ וועט ער ווי יענע פריינט, וועלכע האבן אים אויך לאנגע חדשים מיט אלץ אויסגעהאלטן. אפילו זיין אייגע־נע שוועסטער איז אים א בלוטיקער שונא. אבער מיין דאגה, טומ ווי איר פארשטייט. — און ביי די לעצטע ווערטער פלעגט זי פאר־דעקן דאס מויל מיט דריי פינגער, און מיט א מינע ווי א צנועה, שטום מורמלען: — „כ׳האב פיינט לשון הרע“.

פיאלקאוו פלעגט ניט קענען פארטראגן דער ווירטינ׳ס רייד אויפ׳ן חבר. ער פלעגט ביילינ׳ען הארציק פארטיידיקן, באווייזנ־דיק, אז פאר אים איז פיזיש אוממעגלאך טאן אזא שווערע ארבעט, ווי זיינע. ער זוכט א גרינגע און שיינע באשעפטיקונג, אבער אזוי שנעל ווי ער וועט קריגן א פאסנדע מלאכה, וועט ער באלד אפ־צאלן אלע חובות.

— אָבער פֿאַרלויפֿיק איז מײַן פֿליכט און חוב אים העלפֿן ווי ווײַט מעגלאַך, — פֿלעגט ער אַנטשלאָסן אַרויסזאָגן.

ס׳איז אַ קאַלטער הערבסט טאָג.

אַ ווינט פֿײַפֿט און רײַסט די לאָדנס פֿון די הײַזער. ס׳קריכן און הוידען זיך די שילדן פֿון די געשעפֿטן, ווי זיי וואָלטן קרעכצן פֿון ווייטאָג. מענטשן אין די גאַסן ווערן פֿון ווינט געטריבן ווי פֿון בייזע רוחות און דער רעגן שמײַסט אום׳רחמנות׳דיק אַלץ וואָס ער באַגעגנט אין וועג און ווייקט דורך די דורכגייער ביז׳ן לעצטן פֿאָדים.

ביילין איז אין יענעם טאָג פֿון ווינט און רעגן פֿאַרבלענדעט געוואָרן און אויגנבליקלאַך פֿון אַ פֿאַרבײַלויפֿנדן אויטאָמאָביל געשליידערט געוואָרן און איז געבליבן ליגן אין אַ באַוואוסטלאָזן צושטאַנד אויף דער בלאָטיקער גאַס: ווען מ׳האָט אים אַהיים געבראַכט, האָט דער דאָקטאָר דערקלערט, אַז זײַן פֿוס איז צובראָכן און ער מוז ליגן אַ היבשע צײַט אין בעט.

פּיאַלקאָוו האָט נאָך שווערער געאַרבעט, איבער די כחות זיך אָנגעשטרענגט, געצאָלט פֿאַר׳ן דאָקטאָר׳ס וויזיטן, פֿאַר די מעדיקאַמענטן. ער פֿלעגט אָפֿזיצן אויף זײַן בעטל שעה׳ן־לאַנג אַרײַנברענגען אים אין אַ פֿריילאַכע שטימונג, און ווען ער פֿלעגט אַ שמייכלדיקע מינע באַוויזן, פֿלעגט פּיאַלקאָוו׳ס פּנים באַשײַנט ווערן מיט אַ האַרציקער פֿרייד . . .

און ווען ביילין איז געזונט געוואָרן, האָט ער אים פֿאַר אַלץ מיט דאַנק „אָפּגעצאָלט“ . . .

איינמאָל האָט זיך פּיאַלקאָוו בײַ דער אַרבעט שטאַרק פֿאַרקילט און האָט די בעט ניט געקאָנט פֿאַרלאָזן.

זײַן ברודער איז גלײַך געקומען פֿון דער דערבײַיאיקער שטעטל אַ דערשראָקענער, און באַלד געבראַכט דעם דאָקטאָר, וועלכער האָט געהייסן קיין צײַט ניט פֿאַרלירן און אים אָפּפֿירן אין שפּיטאָל.

די ערשטע פאַר טעג האָט פיאַלקאָוו'ן דער שפּיטאָל נאָך שטאַר־קער פאַרשאַפט זיין קראַנקהייט.

ער האָט ניט געקענט פאַרטראָגן די אַטמאָספערע, די מעכאַנישע באַוועגונגען פון די שפּיטאָל באַדינטע און די גאַנצע סביבה אַרום.

מיט טיף דערשראָקענע ברייט־צועפנטע אויגן פלעגט ער אַלע ווײַלע זיך אַרומקוקן אויף די שניי־ווייסע בעטלאַך מיט די קראַנקע האַלב־שטאַרבנדע פאַציענטן. די חולאים האָבן אַ שוידער און אַ טויט־שרעק אויף אים אָנגעוואָרפן.

גלייך פון באַגינען אויף טאָג פלעגן ליכטיקע שטראַלן אַריינגיסן זיך דורך די ברייט־הויכע פענצטער פון שפּיטאָל און אָפּשפּיגלען זיך אויף די זויבערע ווענט און אויף די פרעס־קלאָרע ציכלאַך פון די ווייס־אייזערנע אין שורות צושטעלטע בעטלאַך.

די גאַסן, פאַרשטעלטע פון די הויכע שפּיטאָל־ווענט, האָבן פאַר־לוירן זייער אינטערעס און צוציאונגס מאַגנעט פאַר די קראַנקע.

דאָרט איבער די ווענט האָט אַ וועלט געלעבט אין געדראַנג און טומל פון מענטשלאַכע קליינלאַכקייטן — און די בראַזגערייִ און דאָס רוישן פון די טראַמווייען און אויטאָמאָבילן און דער געפּילדער פון די טייוול־לויפנדיקע פייער מאַשינען האָבן ווייניק געשטערט די איינטאָניקייט און רו פון שפּיטאָל.

פיאַלקאָוו איז אין זיין שניי־ווייס בעטל געלעגן, שוועבנדיק צווישן לעבן און טויט.

אַנדערע פאַציענטן, עטוואָס שוין דערהאָלטע, איינגעהילטע אין טונקל־גרויע כאַלאַטן, האָבן מעכאַניש ווי סילועטן, קוים באַוועגנ־דיק מיט וואַקלענדיקע, לאַנגזאַמע, שמאָלע טריט, פויל געשאַרט זיך אויף דעם גלאַטן דיל.

דאָ האָבן מענטשן געקרעכצט, געקרעכצט, געוויינט, מיט שטילע, הייסע תפילות־טרערן גערופן צו איבערנאַטירלאַכע כחות און מיט אויסגעקרימטע, פון די לעצטע אַנאַניעס־ווייען פּנים'ער, אויסגעהויכט דעם אָטעם.

ניין אזייגער אונט פלעגן די עלעקטרישע לעמפלאך באצויגן ווערן מיט בלויע מאטאווע מאטעריע און ס׳האט זיך אנגעהויבן די לאנגע איינטאניקע נאכט.

אין קארידאר פלעגן דורכשלייכן נאכט־באדינער, פירן צווישן זיך אויפגעכאפטע, אפגעריסענע שמועסן און אביסל שפעטער פלעגן אפשטארבן די לעצטע אפקלאנגען פון פאר־בייגייענדיקן טאג. פון צייט צו צייט, ווי א קלונג אין א צובראָ־כענער כלי, פלעגן ארומשווימען פון פאלאטע צו פאלאטע די שלע־פערדיקע אטעמען פון די דערהאלטע חולאים און די הוסטן און שווערע קרכצן פון די שטארבנדע. —

געזונט ווערנדיק איז פיאלקאוו געקומען צו זיך אויפ׳ן קווארטיר, אבער ער האט דארטן געטראפן נייע, אומבאקאנטע מענטשן. די ווירטין פון הויז האט זיך אין ערגעץ ארויסגעצויגן, ניט איבערגע־לאזט קיין שום אדרעס.

ער איז געווען ביטער דערשלאגן: אן א סענט אין קעשענע און אן א דאך איבער׳ן קאפ.

צום ברודער האט ער ניט געוואלט פארן, ניט געקענט בא זיך פועל׳ן צו לאסט פאלן אויף אים, און ארבעטן האט אים דער דאק־טאר שטרייננג פארבאטן צוליב זיין שוואכן געזונט.

ער איז ארומגעגאנגען א יאוש׳דיקער, ניט געוואוסט בא וועמען צו זוכן הילף. צופעליקער־ווייזע האט ער זיך דערוואוסט, אז זיין חבר ביילין, מיט וועלכן ער האט זיך זיין לעצטן ביסן געטיילט, און צוליב וועמען ער האט זיין געזונט פארלוירן, האט באקומען פון אויטאמאביל אייגנטימער, צוגע׳פסק׳ענט פון געריכט, א היבשע סו־מע געלט, אבער וואו זוכט מען אים? ער איז פארשוואונדן, ווי אין וואסער אריין.

— וואו געפינט מען ביילינ׳ען? — פלעגט אים טאג איין טאג אוים עגבערן א געדאנק. דער בעסטער אויסוועג פאר מיר,

ווען איך טרעף מיין פריינט. ער וועט מיר מיט אַלץ שוין באַזאָרגן. פּלענט פּיאַלקאָוו, מיט שטראַלנדיקע אויגן ריידן צו זיך.

א פאַרצווייפלטער האָט ער איינמאָל אַ פאַרנאַכט געשלייכט אין די איינג־באַוואָוינטע גאַסן פון אידישן קוואַרטאַל און ווי דורך אַ וואונדער זיך אָנגעשטויסן אויף ביילנ׳ען, שפּאַצירנדיק מיט נאָך אַ מאַן און אַ יונגע דאַמע אין מיטן...

— גאָר ניט צו דערקענען אים, טראַכט פּיאַלקאָוו: גלאַט ראַזירט, אַזוי שיין געקליידעט, מיט אַ ליכטיקער ווייכער הוט אין האַנט, פאַרריסן דעם קאָפּ מיט אַ וואַזשנע שטאָלצע מינע.

אומבאַמערקטערהייט האָט ביילין געוואָלט פאַרבייגיין, אָבער פּיאַלקאָוו האָט אים אָן צערעמאָניעס, ווי אַן אַלטן גוטן חבר, אָפּגע־שטעלט און פאַר פרייד האָט ביי אים דאָס האַרץ אַזוי האַסטיק געקלאַפּט, אַז ער האָט קוים אַרויסגערעדט: — אָה! אַזוי אומגע־ריכט! וואָס מאַכסטו, טייערער ביילין?

ווער זענט איר? — האָט ביילין זיך ניט געלאָזט דערקענען.

— ביילין, מיין חבר! דו דערקענסט מיך ניט? דערקענסט ניט דיין פּיאַלקאָוו׳ן? גאָט! אַזוי האָב איך זיך געענדערט? האָט פּיאַלקאָוו אין איין אָטעם זיך געשטאַרקט אין אַ רואיקן טאָן אים דערקלערן, ווי לאַנג איז עס אינגאַנצן? נאָך קיין פולער יאָר ניט, און שוין אַזוי גיך פאַרגעסן? ניין, דו שפּאַסט! — האָט ער אים אַ פאַרוואורף געמאַכט. — ווי גליקלאַך איך בין איצט! — האָט פּיאַלקאָוו פריידיק אויסגעשריען.

ביילין איז אַ ווײַלע געשטאַנען אין אַ פאַרלעגנהייט, ווי דער געוויסן וואָלט אים געפּלאָגט, און ניט געוואוסט וואָס צו טאָן.

— אָה, כ׳ווייס שוין, כ׳האָב זיך דערמאָנט, אַנטשולדיקט! — האָט ער זיך ווי פאַרענטפערט, שוין דאַכט זיך זייער לאַנג זיך ניט געזען... אָבער, פאַרשטייט, אין מיטן גאַס, איר זעט דאָך, פריינט. מענטשן קוקן אונז אָן — ס׳איז עפּעס ניט עסטעטיש... — האָט ביילין אים פּרובירט באַווייזן.

— נאָט אײַך מײַן וויזיט־קאַרד, — האָט ביילין אײַלנדיק קורץ אָפּגעהאַקט, און מיט אַן אויגן־קוועטש, וואויל־יונגעריש, עטוואָס אַ דרייי געטאָן דעם קאָפּ צו די באַגלייטער, וועלכע האָבן פאַרשטאַנען דעם וואונק און גענומען מאַכן שנעלע טריט...

ביילין האָט פון דער ווייטן פּיאַלקאָוו׳ן נאָכגעשריען, וועלכער איז געשטאַנען אַ צוטומלטער.

— קומט צו מיר אַהיים, אויב איר קענט נאָך הײַנט! איך וועל אַלץ גוטמאַכן!

ביילין איז אויגנבליקלאַך מיט זײַן דאַמע און באַגלייטער פאַרשוואונדן.

מיט גרויס שוועריקייט און לאַנגע נאָכפרעגענישן, נאָך אַ רייזע פון עטלאַכע שעה, איז פּיאַלקאָוו געקומען אין דער אָנגעגעבענער גאַס.

ס׳איז שוין געווען שפּעט בײַנאַכט.

ער האָט זי געפונען אין אַ פאַרוואָרפענעם געגנט ווייט פון שטאָט, צווישן שיטערע, וואו ניט וואו קליינע הײַזלאַך, באַצוימטע מיט הויכע ביימער. קענטיק, אַז דער געגנט איז ניט לאַנג צוריק אַ פאַרלאָזענער וואַלד געווען און מיט דעם אויפלעבן פון „ריעל עסטייט בום" איז אין גאַסן געשניטן געוואָרן און איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ נאָך ווייניק באַוואוינטן ישוב.

ניט ווייט אַן אַ זייט אויף אַ באַרג האָבן ווי טונקעלע סילועטן געוויסט מאַרמאָרנע הויכע מצבֿות־מאָנומענטן און אַש־גרויע „פּאַמיליען־שטיבלאַך" פון אַ קריסטלאַכן בית־עלמין, וועלכער האָט מיט שאַרפע שטילקייט און רוישן פון די האַלב־נאַקעטע פרילינגס־ביימער אָנגעוואָרפן אַ פּחד...

מיט אָנגעשטריינגטע כּחות האָט פּיאַלקאָוו זיך געשלעפּט אויפ׳ן זאַמדיקן פייכטן באָדן פון הייזל צו הייזל, זוכנדיק מיט אָנגעצונ־

דענע שוועבעלאך דעם נומער פון אדרעס — און געפינענדיק, האט ער אנגעקלאפט אין טיר.

א געזונטער הויכער מאן מיט בייזע בליקן מיט צושויבערטע האר אויפ'ן קאפ, האט אים די טיר געעפנט און איז לעבן אים גע־בליבן שטיין אזוי נאענט, אז פיאלקאוו האט דערפילט א הייסן אטע־מען, אויסגעמישט מיט א גערוך פון בראנפן, און אים א פרעג גע־טאן, — וואס ער דארף דא ביי אים אזוי שפעט ביינאכט?

פיאלקאוו האט אין דעם הויכן מאן גלייך דערקענט דעם באַ־גלייטער פון ביילינ'ען און אין א שלעכטן ענגליש געפרובירט אים אין קורצן דערקלערן, וואס ער וויל און צוליב וואס ער איז געקומען — אבער יענער האט זיך קאטעגאריש אנטזאגט אים אויסצוהערן און א פאראכטנדן בליק אויף אים געווארפן.

דער מאן האט פלוצלונג א הילכיקן פייף געטאן און א גרויסער קודלעוואטער הונט איז מיט א ווילדן געלאף, אזוי ווי פון א קייט זיך אפגעריסן, א ווארף געטאן אויף פיאלקאוו'ן און אים צו ד'ערד א שליידער געטאן.

דער הונט האט אויף אים די זאכן צוריסן, געביסן, וואו נאר ער האט געקענט אנכאפן מיט זיינע געזונטע, הינטישע, צורייצטע ציין...

אויף פיאלקאוו'ס גוואלדן האט זיך קיין לעבעדיקער מענטש נית באוויזן. אין גאס איז געוועזן טויט־שטיל: פון צייט צו צייט האבן זיך ווידערהאלט דאס אפגעהאקטע ברומען פון דעם בייזן, קוד־לעוואטן הונט, וועלכן דער הויכער מאן האט דורך א וואונק פון אימיצן, וואס האט געשטאנטביים טיר־שויב און באאבאכטעט דעם ספעקטאקל, אים אפגערופן, באלד נאכדעם האט אפגעהילכט א שטארקער אייזן־קלאפ פון א פארריגלטער טיר...

* * *

פיאלקאוו האט זיך ווי פון א קאשמאר אויפגעכאפט ערשט אויפ'ן צווייטן טאג און מיט דערשראקענע אויגן זיך ארומגעקוקט.

לעבן אים איז געזעסן זיין ברודער און פּאַרזיכטיק אים איבער־געבונדן די באַנדאַזשן.

דער גאַנצער קערפּער און פּנים זיינען ביי אים געווען צוביסן און פאַרבאַנדאַזשירט.

זיין ברודער האָט אים דערציילט ווי אַ פּאַליסמאַן האָט אים אהער אין אַן אויטאָמאָביל געבראַכט אין אַ באַוואוסטלאָזן צושטאַנד און ס׳האָט לאַנג גענומען ביז מ׳האָט אים צו זיך געבראַכט.

פיאַלקאָוו האָט פון גרויס פּאַרדרוס און ווייטאַק ניט געקענט פיל דערציילן דעם ברודער; קרעכצנדיק פון שמערצן האָט ער פאַר־ביטערט צווישן די ציין געמורמלט:

— מיט „פּראָצענט“ האָט ער מיר באַצאָלט מיין חוב...

פאַרשפּעטיקט

דער זייגער איז געווען צען, ווען באָריס האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף צוליב עפּעס אַ טומל, ווען צוויי פרויען האָבן זיך גע־קריגט. אים האָט שטאַרק פאַרדראָסן, וואָס אפילו אין דעם איין רו־טאָג לאָזט מען אים זיך אויך ניט אויסשלאָפן.

ער איז צוגעגאַנגען צום וואַנט־שפּיגל באַטראַכטן זיין פּנים. עפּעס אַ פּאָר קנייטשן געפעלן אים ניט אונטער די אויגן. ער פּרובירט מיט דער האַנט אויסגלייכן זיי, אָבער אָן ערפאָלג. ער וויל היינט אויסזען שענער, מילדער. ער מאַכט פאַרשידענע גרימאַסן, פּאָזעס, אויסצוגעפינען וועלכע וועט זיך בעסער פּאַסן צום געזיכט. זאָל רבקה, זיין כלה, אַנקוועלן פון אים.

ער באַטראַכט דעם דימענטענעם רינג נאָכאַמאָל. ער באַקוקט אים פון אַלע זייטן ווי אַ גוטער מבין, וואָס וויל אָפּשאַצן צי האָט זיין לאַנדסמאַן, דער פּעדלער, ביי אים ניט איבערגענומען. היינט אין אָוונט דאַרף ער זיין ביי רבקה׳ן און איבערגעבן איר דעם פּרע־זענט. אָבער ווי לאַנגווייליג עס ציט זיך די צייט. דער קעשענע זייגערל האָט שוין געוויזן צוועלף. אין הויז האָט גענומען קאָכן און זידן דאָס לעבן.

אין קאָרידאָר פון טענעמענט הויז האָבן זיך געלאָזט הערן גע־שרייען פון קינדער, הויכע רייד פון דערוואַקסענע אויף באַזונדערע טענער: פּרייליכע, בייזע האָבן זיך אויסגעמישט אין אַ גרויסן מיש־מאַש.

באָריס איז שוין געווען פאַרטיג מיט זיין טואַלעט און האָט נעהאַט צייט זיך איינצוהערן צו דעם ים פון קלאַנגען.

אַמאָל פלעגט דער טומל אים רייצן זיינע נערוון, אָבער היינט האָט עס ביי אים ארויסגערופן אַ טיפן אינטערעס: עפּעס האָט ער

דערפילט אַ האַרמאָניע אין דעם געמיש פון קולות. אַלע שטימען, אַלע מאָטיוון גיסן זיך צוזאַמען אין איין גרויסער סימפאָניע, וואָס הייסט לעבן. און מיט אַ גליקלאַכן שמייכל, האָט באָריס אַ טראַכט געטאָן, אַז אין גיכן וועט זיין שטימע מיט רבקה׳ס זיך אויך אָנ־שליסן אין דיזער מעכטיקער, ים־ברוויזנדער סימפאָניע:

באָריס איז ווי פאַר׳חלומ׳ט געבליבן האַלב ליגן אין בעטל.

דאָס געלעגער האָט אַ סקריפּע געטאָן. אַמאָל פלעגט דער מאָנאָ־טאָנער קרעכץ ארויסרופן אין אים מרה־שחורה׳דיקע געדאַנקען, און אַמאָל אויך אַ שרעק. איצט אָבער האָט ער נאָך געשמייכלט, און צו זיך שטיל געמרמלט: גוד־ביי בעטל... גוד־ביי! מיר וועלן זיך שוין שיידן... אָבער גאָר גיך... כ׳וועל ניט בייענקען נאָך דיר... גענוג איבערגעלעבט שלאָפלאָזע נעכט... גענוג געוועזן איינזאַם... ערשט פאַנגט זיך אָן אַ נייע עפּאָכע אין מיין לעבן. שיינע ליכטיקע, קאָמפאָרטאַבעלע צימערן. זונען־שטראַלן וועלן אריינדרינגען אין מיינע פענצטער און באַלייכטן יעדן ווינקל פון מיין נייער היים...

אַ שטאַרקער הילכיקער בראַזג אין פענצטער, צוזאַמען מיט אַ קאַלטן שטראָם פון רעגן און ווינט האָט באָריס׳ן אויפגעריסן פון זיסן חלום. דערשראָקן און מיט שטאַרע אויגן האָט ער זיך ארומ־געקוקט: אין זיין צימער איז געווען שטאָק פינצטער. ער איז צו־געגאַנגען צום פענצטער, ארויסגעקוקט אין גאַס: אַ שטאַרקער שטורם־ווינט האָט געריסן און געטרייסלט די פאַר בוימלאַך, וואָס זיינען געשטאַנען לעבן הויז און אַ רעגן האָט געגאָסן ווי מיט עמערס און פון צייט צו צייט האָט דער קראַכן פון די דונערס אָפּגעהילכט אין דער פינצטערניש פון נאַכט. באָריס האָט מיט ציטערדיקע פינ־גער אָנגעצונדן אַ שוועבעלע און אַ קוק געטאָן אויפ׳ן זייגער:

— צום טייוול! — די ווייזערס האָבן געוויזן נאָך האַלבע נאַכט.

ער איז ארומגעלאָפן ווי אַ ווילדער איבער זיין צימער, געריבן דעם שטערן, געבראָכן די פינגער, געביסן ביז צום ווייטאָק די ליפּן, געבליפּעט פון פאַרדרוס און אין אַ נערוועזן צושטאַנד געמורמלט:

„פּאַרשפּעטיקט, פּאַרשפּעטיקט!“

סערענאדע

גלייך ווי אַלע וואָכעדיקע אַרבעטס־טעג איז אַלפּאָנזאָ אויפ־געשטאַנען אין אַ פּרימאָרגן מיט אַ צופרידענעם שמייכל אויף זיין שיינעם, עטוואָס פון זון אָפּגעברענטן פּנים, ליבלאַך צוקושט מיט זיין שיינער, יונגער ערמינאַ'ן און פול מיט לעבנס־אומרו אַוועק צו דער אַרבעט.

ער שטייט אויף אַ צוגעבויגענעם „סקעפאָלד" פון אַ נייער גע־ביידע, מאָלט מיט אַ פּענזל פאַרשיידענע אוזאָרן אויפ'ן קאַרניז און ברומט צו שטילע, ווייכע טענער פון איטאַליע'ס זוניקע פאָלקס־לידער און קוקט אַלעמאָל אויפ'ן „האַנט־זייגער", ווינשנדיק, אַז דער טאָג זאָל שוין גיכער פאַרגיין און דער אָוונט זאָל אים ווידער אַהיים ברענגען צו זיין טייערע ערמינאַ'ן.

די לופט איז אָנגעזאָפּט מיט פרילינגס ריחות. אַלץ אַרום בליט, גרינט, וואַקסט און רופט צום לעבן. די ווייטע, בלויע האָריזאָנטן זיינען ווי אויסגעוואַשן — קיין סימן פון וואָלקנס. אַ לויטערע פרילינגס־זון אין מיטן הימל וואַרימט מוטערלאַך־געטריי אַלץ, וואָס זי באַגעגנט אין וועג, און די מילדע שטראַלן צושיטן זיך אין אַלע זייטן און בלענדן די אויגן.

אַלפּאָנזאָ פילט אַזוי פריילאַך, אַזוי מחיה'דיק אין דעם פרישן אַראָמאַט פון פרילינגס־לופט. און זיין קרעפטיקער קערפּער באַוועגט זיך ריטמיש נאָכ'ן טאַקט פון זיין אַרבעט מיט'ן פּענזל.

איבער זיין קאָפּ שוועבט טומלדיק פאַרביי מיט אַ טעמפּן הור־ושען אַן עראָפּלאַן. ער פאַררייסט דעם קאָפּ, וואַרפט מונטערע בליקן, פאַרלירט דערביי זיין גלייכגעוויכט און — בלייבט ליגן באַוועגלאָז, אַ צושמעטערטער אויף דער שטיינערנער גאַס אויסגע־מישט מיט רויטע שטיקער בלוט און בלאָטיקע ליים... — — —

עטלאַכע טעג איז ערמינאַ אין איר בעט געלעגן איינגעגורעט דעם קאָפּ און היסטעריש געבליפּעט, קאַנוואַלסיוו צוקנדיק מיט׳ן גאַנצן קערפּער. עס האָבן ניט געהאָלפן די רחמנות־געבעטן און טיפע זיפצן פון טאַטן, אַז זי זאָל דאָס בעט פאַרלאָזן, אויפשטיין און באַרואיקן זיך אַביסל.

ערמינאַ האָט יאוש׳דיק דעם קאָפּ געשאָקלט, עטוואָס אויפגע־הויבן זיך פון דער באַפלעקטער פון טרערן קישן און ווידער ווי אַ שווער שטיק בליי מאַכטלאָז ליגן געבליבן.

פּעטראַ, איר האַלב־בלינדער פאָטער, מיט גרויע, אונטערגע־שאָרענע דיקע וואָנצעס און מיט טיפע קנייטשן, ווי פאַראַקערטע קאַרבן, אויף זיין צורונצלטן ברוינעם פּנים, האָט מיט טרערן־שלוכצן הייזעריק געמורמלט: „הייליקע מאַריאַ! דיין שטראָף איז צו ראַפּטאָם: — דאָרט אין בעט ליגט זי, מיין אַלטע, צאַנקט ווי אַ האַלב־ליכטל — האָלט באַם אויסגיין: איך אַליין שוואַך, פויזע ווי אַ וואָרים, זע ניט גוט די שיין, האָב אויף מיין וועלטל געגונג צרות געהאַט, אָבער זייער ווייניק פרייד און נחת געגאָסן. אָבער מיין טאָכטער ערמינאַ? זי האָט נאָך פון לעבן גאָרניט פאַרזוכט! נאָך אַזוי יונג, אַזוי אומשולדיק! באַשיץ איר, הייליקע מאַריאַ. מיין איין אויג אין קאָפּ, מיין יונג צווייגעלע! העלף איר טרייסטן... העלף אויך אים, אַלפאַנזאָ׳ן, אַז דיינע גוטע מלאכים זאָלן אים אויף זייערע פליגלען אין די הייליקע הימלען טראָגן!! און זיינע אויסגעטריקנטע, אָדערדיקע הענט אויפ׳ן האַרצן צלמ׳דיק געלייגט. און געבליבן זיצן ווי פאַרטעמפּט אויף אַ ראַנד פון איר בעט און לאַנג, ווי דורך אַ נעפּל, מיט אויסגעלאָשענע צעריקע אויגן געקוקט אויף אירע נאַכט־שוואַרצע צופּאַטלטע האָר...״

אַז די נאַכט פאַלט צו און אַלץ אַרום ווערט איינגעהילט און איינגעשטומט, פאַרלאָזט ערמינאַ דאָס בעט, פאַר׳גנב׳עט זיך אין קליין זאַל, וואו אין אַ ווינקל אויפ׳ן דיל שטייט אַלפאַנזאָ׳ס גרויסע ביוסט־בילד.

מיט פאַרטרערנטע אויגן קוקט זי פאַרטראַכט אויפ׳ן בילד, עפּנט דעם גראַמאַפאָן, זוכט אויס אַלפאַנזאָ׳ס אַן אייגן־געשאַפענע

קאמפאזיציע — א סערענאדע, און שפּילט אזוי לאנג, ביז דער אלטער טאטע שארט זיך פאמעלאך אריין אין זאל, ניט וועלנדיק שטערן די הייליקע טענער פון די נאכט מוזיק פארטייעט ער זיך שטיל אין א ווינקל, בויגט איין די גרויע קאפ, קוקט שווייגנדיק פון דארטן ארויס, ווי א צוזאמענגעוואקסענער אין איין קנויל.

ערמינא גייט צו צום פענצטער און קוקט אין דער טיפער נאכט ארויס, ווי זוכנדיק אלפאנזא׳ן אין אלע ריכטונגען... זי אטעמט טיף און שווער — איר הארץ בייַנקט, נאגט. בא יעדן שארך אין הויז און פון די אפגעהאקטע, גרילצנדיקע הוסטן פון דער מוטער׳ס שוואכע לונגען, ציטערט זי פיבעריש אויף, און איר קערפער ווערט ווי מיט מוראשקעס באדעקט...

עפּעס הערן זיך מעלאדיען פון ווייטן — שטריינט אן שארף דעם געהער איינהאלטנדיק דעם אטעם.

קעגנאיבער דער צווייטער זייט גאס, אין א קליין טונקל־באַלויכטענער הייזל זינגט אנדזשעלא „אלפאנזא׳ס סערענאדע“.

לאנג האט זי זיין „שטימע“ געהערט, ווי א קול פון ווייטע, פרעמדע וועלטן: „קום! קום צו מיר, טייערע, מיר׳ן ביידע זינגען ביידע זיך ליבן און ביידע צוריק אין אונזער זוניקער איטאליע פארן!“

ווי א מאניע פלעגט ערמינא׳ן באנאכט צום פענצטער ציען „אלפאנזא׳ס שטימע“ הערן. הארציקע טענער, ליאסטשענדיקע אקארדן פלעגן זיך צושיטן ווי גליענדע פונקען פון איר האלז, באַהעפטן זיך מיט די ווייטע עכאס פון דער נאכטישער סערענאדע און פלעגן אוועקשווימען אין די הויכע אומבאקאנטע וועלטן, אין די בלויע ווייטע האריזאנטן, וואו אלץ איז זויבער אומבאפלעקט פון מענטשלאכער פיין און בלוט...

בערטא

„צוויי יאָר בין איך אים געהאָרכזאַם ווי אַ שקלאַפין געוועזן: ניט געלאָזן קיין שטויבעלע אויף אים פאַלן, און די גאַנצע צייט געגאַרט נאָך אַ צערטלאַכן בליק, נאָך אַ ליאַסטשענדן שמייכל. אָבער מיינע פאַרלאַנגען זיינען פון אים מיט ציניש באַמערקונגען צוריקגעשליידערט געוואָרן, ביז מיין אייזערנער געדולד און איינגעבוירענער פרויען־שטאָלץ האָבן רעוואָלטירט און באַפוילעריש דיקטירט: „גענוג! גיי אוועק פון אים איידער דו ביזט נאָך אינגאַנצן ניט צוזאַמענגעבראָכן, פאַרלאָז דיין, מיט גיפט פאַר׳סמ׳טע היים און ווער זעלבסטשטענדיק!“

ארויסזאָגנדיק די ווערטער, איז זי אַנטשוויגן געוואָרן, אָפּגעווישט דעם שווייס פון פּנים, אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ איןביידע הענט און היסטעריש געכליפּעט.

די מומע, אַ מיטל־יאָריקע, שיינע פרוי, צו וועלכער בערטע איז צוגאַסט געקומען, איז געזעסן אַ פאַרביטערטע מיט טרערן אין די אויגן פון בערטע׳ס רייד.

זי איז פון ביינקל אויפגעשטאַנען, צוגעגאַנגען צו איר, געגלעט אירע האָר, און מיט צערטלאַכע ווערטער איר געטרייסט: זאָרג ניט, קינד, מיר וועלן דיר געבן אַ גוטע היים; מיר׳ן זאָרגן פאַר דיר, דאָ וועסטו דיינע ליידן פאַרגעסן.

„איר קענט גאָר ניט באַגרייפן, מומע, האָט בערטע מיט פאַרשטיקטע שלוכצן פאַרגעזעצט ריידן, וויפיל ער האָט מיך געמוטשעט, וויפיל צרות, שרעק און בושה כ׳בין פון אים אויסגעשטאַנען. און אויך זיינע פריינט, וועלכע פלעגן מיין הויז באַזוכן, האָבן מיטגעהאָלפן גייסטיקע ווייען מיר פאַרשאַפן... ווען איר זאָלט אַלץ ווייסן, מומע! ס׳איז אָבער מיר שווער, זייער ניט אָנגענעם

אייך פון אַלץ דערציילן... כ'פיל ווי מיין קערפּער שווידערט מיר פון אויפרעגונג..."

בערטע האָט אַ טיפן זיפץ געטאָן און אויפגעהערט ריידן. אימיצער איז צוגעפאָרן צום הויז און אָנגעקלונגען. די מומע איז אַריין אין קאָרידאָר, געעפנט די טיר און פריידיק אויסגערופן: אַ, אַ גאַסט, אַ גאַסט!

— סעם, סעם! האָט זי אַ פּאָר מאָל הויך איר מאַן גערופן. וועלכער איז געשטאַנען ניט ווייט אויפ'ן פעלד פאַרנומען מיט אַרבעט. מיר האָבן אַ גאַסט!

סעם ליפּמאַן, אַ הויכער קרעפטיקער מאַן מיט אַ סימפּאַטישן פּנים, אָנגעטאָן אין פאַרמערשע קליידער, מיט אַ הויכע שטרוי הוט אויפ'ן קאָפּ, איז צוגעקומען, זיך געגריסט מיט'ן גאַסט, אַ ווײַלע אים באַטראַכט, נאָכגעדיינקט, אַ הום געטאָן און אַ ברייטן „שלום" אים אָפּגעגעבן.

— כ'האָב דיך גלייך דערקענט, איסאַק, אפילו אָביסל זיך געענדערט, אָבער דער טייוול כאַפּט דיך ניט! האָט סעם שפּאַסיק, ווי צו אַן אַלטן גוטן פריינט האַרציק באַמערקט. וואָס מאַכסטו פריינט? נו, נאָך אַלץ אַ בחור? נאָך אַלץ ניט אויסגעקליבן קיין באַשערטע? אַן עקשן ווי דיין זיידע, ער האָט אויך קיין „באַשערטע" ניט געהאַט, האָט סעם וויציק געלאַכט. אָבער וואָס שטייען מיר דאָ אונטער דער ברענענדיקער זון און אין זאַמד? פיר אַריין דיין אויטאָמאָביל אַט דאָ אין שטאַל, נעם דעם משע־מאַדאַן און קום מיט מיר.

סעם מיט אסיאַק'ן זיינען אַריין אין קאָרידאָר. אים אַרויפגעפירט דורך שמאָלע טרעפּלאַך אויפ'ן ערשטן שטאָק און אָנגעוויזן אַ צימער.

די מומע איז נאָכדעם אַריין צו בערטע'ן.

די גאַנצע צייט וואָס זיי האָבן אין גאַס פאַרבראַכט מיט'ן גאַסט, איז בערטע געזעסן באַוועגלאָז און אַרויסגעקוקט דורכ'ן פענצטער.

ניט ווייט פון דער מומע׳ס פאַרם האָט אַ וואַלד מיט הויך־פאַרצווייגטע אַלטע ביימער זיך געשפּרייט אין דער טונקעלער בלויקייט, באַהעפטנדיק זיך מיט אַ ראַנד אָראַנזשענידערטן האָריזאָנט. פון ווייטן האָט עס אויסגעזען ווי אַ שטיק טונקל־בלויע קאַנווע, באַמאָלט פון אַ טאַלאַנטפולער מאַלערס־פּענזל מיט בלויע און גרינגע וואָלקן פלעקן.

אָפּגעהאַקטע צווישטשערייען פון וואַלד־פויגלאַך האָבן זיך געטראָגן אין דער לופט און אַריינגעשוואומען דורכ׳ן פענצטער אין בערטע׳ס צימער.

2

מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק איז בערטע צו דער מומע, דעם טאַטנ׳ס שוועסטער, צוגאַסט געקומען פון דער גרויסער שטאָדט. זי האָט אַלע זאַכן איבערגעלאָזן אויף גאָט׳ס באַראָט און אַליין פון איר מאַן, ווי פון אַ פייער אַנטלאָפן.

מיט אים האָט זי זיך אויפ׳ן שיף באַקאַנט, צוזאַמען פאָרנדיק קיין אַמעריקע. ער האָט זיך פאָרגעשטעלט פאַר אַ רייכן, איר צוטרוילאַך באַוויזן אַ פּאָר „פעטע“ באַנק־ביכלאַך. ער האָט איר דערציילט, אַז ער פאָרט פון אייראָפּאַ, וואו זיין פירמע האָט אים געשיקט נאָך סחורה, און פאָרט צוריק אַהיים קיין פילאַדעלפיע, וואו ער האָט אַ גוטע שטעלע אַלס פאַרוואַלטער אין אַ גרויס טאַבאַק פאַבריק. די איינציקע זאַך, וואָס שטערט אים זיין צופרידן איז, וואָס ער איז אַן עלנדער, אַן איינזאַמער... ער האָט די אויגן צו די אונענדלאַכע ים־כוואַליעס געווענדט און פאַרטראַכט אין דער שטיל געמורמלט: „ווען אַזאַ מיידל ווי איר, בערטע, שטימט איין חתונה צו האָבן מיט מיר, וואָלט איך — יע, גליקלאַך וואָלט איך געווען, און דאָס מיידל וואָלט זיך אויך געשעצט גליקלאַך, ווייל כ׳בין רייך; כ׳וואָלט איר אַלע פאַרגעניגנס פאַרשאַפט. און מיין גאַנץ לעבן וואָלט איך־געטריי און אמת איר געליבט...“

בערטע איז פון זיינע פאַטעטישע רייד און כלומר׳שט איידל־געמאַכטע באַנעמונגען ניט געוואָרן איבערראַשט: די ראַפינירטע

מאנירן זיינע האבן חשד׳דיק איר אפגעשטויסן פון אים און צוריק־געהאלטן פון איינשטימען אויף יא.

ער איז א סך עלטער געווען פון איר. גרויע שטרייפן האר האבן שוין וואו ניט וואו אנגעהויבן באזילבערן זיין קאפ, און ביטרע ליידנשאפטלאכע בליקן זיינע געלעגן ווי בולט׳ע עדות באהאלטן אויף זיין פנים און פול־רויטע ליפן...

זיינע רייד זיינען איר געווען ווי דערווידער, ניט ווייסנדיק אליין פארוואס. אינסטינקטיוו האט זי צו אים קיין סימפאטיע ניט געפילט. אבער זי האט זיך געסטארעט אלץ געדולדיק אויס־הערן.

— ס׳איז דאס ערשטע מאל, וואס א מאן רעדט צו מיר אזעלכע ליבע ווערטער, האט בערטע אין דער נאכטיקער שטילקייט, ווען אלע פאסאזשירן זיינען שוין געשלאפן, אויף איר בעטל געטראכט. און אפשר האב איך אזא טבע, פלעגט זי זיך אליין א פארוואורף מאכן, וואס די ערשטע צייט איז מיר שווער זיך צופאסן צו אן אומבאקאנטן יונגנמאן? אנדערע אויף מיין ארט, ווען עס מאכט זיך זיי אזא גליק, וואלטן קיין מינוט ניט איבערגעקלערט און גלייך איינגעשטימט.

ס׳קען זיין אז א גליק שטייט מיר פאר, האט בערטע פארגע־זעצט טראכטן, מיינע עלטערן זיינען ארים, מיין פאטער איז אלט, שוואך, קוים וואס ער פארדינט אויפ׳ן שטיקל ברויט. און וואס פאר א תכלית קען איך דערווארטן אין ניו יארק, אדער איז אן אנדער שטאדט נאך פילע יארן שווערע ארבעט אין די פאבריקן? כ׳וועל אפשפארן: א בלאסן פנים, האלב אויסגעלאשענע אויגן. מוטלאזיגקייט! דאן וועל איך בעסערע גליקן האבן?!

אזעלכע פארפלאנטערטע געדאנקען האבן איר אויף דעם גאנצן וועג געעגבערט אין מח און אויף א מינוט איר קיין רו ניט געלאזן.

ווען דער שיף האט באדארפט שוין לאנדן אין דעם ניו יארקער האפן, האט בערטע באשלאסן מיט פישער׳ן חתונה צו האבן...

8

שוין די ערשטע צייט נאָך דער חתונה האָט זי דערפילט אַ מרה־שחורה לויערן אין איר הארצן. אַ טיפע נשמה־ווייעניש האָט איר גענאָגט: ער האָט איר ליגן געזאָגט, אינגאנצן גענארט...

נאאיוו, אומדערפארן, האָט זי אים אַלץ געגלויבט. אַ גרויע ווירקלאַכע נאַקעטקייט פון שווינדל, פארדארבנקייט, האָט זי דערפילט ארום זיך...

אירע טרערן־געבעט און צערטלאַכע רייד, אַז אַזאַ לעבן פירט צום אָפּגרונט, האָבן ניט געווירקט אויף אים. ער פלעגט איר באהאנדלען גראָב און געמיין: פארפאלן ווערן אויף עטלאַכע נעכט און ארייפאלן אַ שכור'ער — אַ וואָרף טאָן זיך אין די זאכן אין בעט און אָפּליגן אין אַ קאשמארן צושטאנד ביז שפּעט אין האלבן טאָג. זיינע פּאָר פריינט, וועלכע ער פלעגט מיט זיך פון צייט צו צייט אין הויז ברענגען, האָבן בערטע'ן שאנדע און בזיונות פאר־שאפט. זיי פלעגן אויף איר ליידנשאפטלאַכע בליקן ווארפן און ארייגדרינגען ווי שפּיזיקע פיילן אונטער די פארבארגענע־פאר־דעקטקייט פון די געפאָרמטע ליניעס פון איר רייצנדן יונגן קערפער. און מיט די אויגן איר נאַקעטקייט געפרעסן...

פישער האָט פארגעזעצט זיין געמבלעריי און שכרות און מיאוס'ע אויפפירונגען מיט גאסן־פרויען. ער איז אַ פּאָר מאָל אין שפּיטאָל געלעגן אויף ווענערישע קראנקייטן און איז אָפּערירט געוואָרן. זיין פּנים, פון ניט נארמאַלן לעבן, איז דאַר און בלאַס געוואָרן און מיט וואונדן זיך באדעקט — ווי אַ זקן האָט ער אויס־געזען..

בערטע האָט עטלאַכע מאָל באשלאָסן אוועק פון דערהיים. גיין וואו די אויגן וועלן טראָגן. דאָס לעבן איז איר צו לאסט געפאַלן. אָבער וואו גייט מען? וואו זוכט מען אַ ווינקל אָפּ? צו דער מומע אויפ'ן פארם, האָט זי איינמאָל באשלאָסן, און אהין האָט איר געצויגן. פאר דער מומע קען מען אַלע פארבארגענע ווייען דערציילן. זי איז נאָך אַ מיטל־יאָריקע פרוי, זי וועט מיטפילן

און פאַרשטיין און אפשר אויך אַן עצה געבן ? ! זי האָט אָבער ניט געוואָלט איר שמערצן פאַרשאַפן, און אגב, די משפּחה זאָל ניט וויסן פון איר ביטערן לעבן, כדי די עלטערן דאָרטן, אין דער־היים, זאָלן ניט געוואָר ווערן — אַ צו שווערער קלאַפּ וואָלט עס זיין פאַר זיי. זי האָט אירע נשמה־יסורים ווייט אין די סליאַדן פון האַרצן פאַרבאָרגן . . .

אָבער די לעצטע צייט, ווען פישער איז דאָס דריטע מאָל אַרויס פון שפּיטאָל אין אַ זייער נערוויִיאישן צושטאַנד און יעדער ריר פלעגט אים אויפרעגן ביז׳ן פאַרלירן זיך . . . דאַן האָט זי זיך געמוזט באַשליסן אויפ׳ן לעצטן אַקט — און ס׳וואָלט אפשר זיך אָפּגעצויגן נאָך אַביסל צייט אין אַזאַ וואַקלאַנאַלישן פאַמיליען־לעבן, ווען עס וואָלט ניט פּאַסירט דער טראַגישער צופאַל :

איינמאָל שפּעט באַנאַכט איז איר מאַן אַריינגעפאַלן אין הויז טויט שכור מיט זיינעם אַ פריינט, אַ בויאַן, אויך אַ שכור, אַ גוט־באַקאַנטער אין דער אונטערוועלט, און יענער איז איר באַפאַלן. געגומען רייסן די בלוזקע פון איר. זי האָט זיך געווערט, געראַנגלט, איר מאַן צו הילף גערופן, ער איז אָבער טויט־שכור געווען און ניט געוואוסט, וואָס אַרום אים קומט פאָר, דאַן האָט זי אַ ביינקל אויף אים געוואָרפן — און אין די מאָמענטן, ווען דער בויאַן איז אַ ווײַלע באַוואוסטלאָז געבליבן, האָט זי זיך באַנוצט מיט דער גע־לעגנהייט — אַרויסגעלאָפן האַלב נאַקעט אין גאַס מיט אַ גוואַלד צו הילף גערופן.

פּאָליציי זיינען באַלד אַריינגעלאָפן אין הויז אוןביידן אַרעס־טירט.

זי אַ צעטומלטע, אַ דערשראָקענע, האַלב אַ פּאַר׳חלש׳טע איז אַריין צוריק אין איר וואוינונג.

אין אַ פּאָר טעג שפּעטער, ווען זי האָט זיך עטוואָס באַרואיקט פון דער איבערגעלעבטער שרעק, איז זי כמעט אַז זאַכן אוועקגע־פאָרן צו דער מומע אויפ׳ן פאַרם.

ווי א ניי־געבוירענע האט זיך בערטע דארטן געפילט, זי האט אלע זארגן, אלע שרעק־איבערלעבונגען, וועלכע האבן זיך בא איר אנגעקליבן פון די פאר פיינלאכע יאר, צוזאמענזייענדיק מיט איר שכור'ן מאן אונטער איין דאך, ווי מיט געוואלד פון זיך פארטריבן. די ליבע צערטלאכע באנעמונגען פון דער מומע און די קלוגע טרייסט־ווערטער פון פעטער, האבן אויף איר גוט געווירקט.

בערטע האט צוריק אנגעהויבן אויפלעבן און בליען. די נאך איבערגעבליבענע שפורן־שרעק האבן ווי פארנעפלטע וואלקנס ביסלאכווייז צושוואומען און א מונטערע פרייקייט האט אנגעהויבן שיינען אין די אויגן. א שמייכל האט ארומגעשוואומען אויף אירע שיין־פארמירטע, רויטע ליפן.

די מומע האט אנגעקוואלן פון איר, און יעדן טאג האט זי איר נייע פארגעניגנס פארשאפט. יעדן פארנאכט פלעגן זיי אלע צוזאמען מיט איסאק'ן ארומפארן אין אויטאמאביל צו דער באן־סטאנציע און צו נאנטע פארמער־שכנים ארום.

איסאק, סעמ'ס פריינט, א יונגערמאן פון עטלאכע און דרייסיק יאר, האט נאך אויסגעזען פריש, שיין און פריילאך.

די ערשטע פאר טעג האט ער אויסגעמיטן זיך באקענען מיט בערטע'ן.

א פיינלאכן האס, א בייזן פאראורטייל האט ער ארומגעטראגן טיף אין זיין הארצן צו אלע פרויען.

ער איז איינמאל אין זיין לעבן, נאך גאר א יונגערמאן געווען, פון א מיידל מיאוס אפגענארט געווארן.

ער האט זיך באקאנט מיט יענער מיידל אין קיעוו, וואו ער האט דארט אין א פאליטעכניקום געלערנט. ער האט זיך פארליבט אין איר שיינקייט און געגלויבט אויפריכטיק אין איר ערלאכקייט. זי מיט קאקעטישע שמייכלען האט זיין הארץ געפאנגען און זיין געלט, וואס ער האט פון שפארזאמען לעבן געקליבן. בא

אים אויסגענאַרט. און ווען ער האָט ניט געקענט מער איר צו־פֿרידנשטעלן, האָט זי פֿון אים זיך אויסגעלאַכט, מיטרייסנדיק מיט זיך זיין ערלאַכע האַרץ, און זי האָט זיך אין אַן אַנדערן „פֿאַר־ליבט“...

לאַנג האָט ער נאַטאַשע'ן ניט געקענט פֿאַרגעסן. זיין האַס צו איר האָט זיך צוואַוואַקסן אין אַ וואולקאַנישן אויפֿברויז — און אַזוי האָט זיך איינגעבריגערט אין זיין האַרצן אַ שנאה צו אַלע פֿרויען...

גלייך נאָכדעם האָט ער פֿאַרלאָזן קיעוו מיט זיין שטודיום און אַוועק קיין אַמעריקע.

דאָ אין לאַנד האָט ער זיך איינגעשלאָסן אין זיין דלד־אמות־ווינקל — געלעבט אַן איינזאַמען, אָפּגעזונדערטן לעבן. זעלטן ווען ער פֿלעגט באַזוכן די ליפּמאַנס, וועלכע ער האָט נאָך גוט געקענט פֿון דערהיים, און ווען אין יאָרן שפּעטער, אַז ער האָט זיך דער־וואוסט, אַז זיי האָבן אַ פֿאַרם געקויפֿט, האָט ער אין זיין בוך־געשעפֿט איבערגעלאָזט אַן אָנגעשטעלטן און איז אַוועק צו די פֿריינט אויפֿ'ן פֿאַרם, זיך אָפּרוען אויפֿ'ן שויס פֿון נאַטור...

איינמאָל האָט ליפּמאַן, זיצענדיק מיט איסאַק'ן אויפֿ'ן ווע־ראַנדע, דערציילט אים די טראַגישע לעבנס־דראַמע פֿון זיין פּלומע־ניצע.

ער האָט אים פֿאַרביק־בולט געשילדערט איר צובראָכן פֿאַמיליען לעבן, איר שכור'ן מאַן און די גאַנצע סביבה, אין וועלכער זי האָט זיך געפֿונען. בײַ איסאַק'ן האָט עס טרערן אַרויסגערופֿן. ער איז פֿאַראינטערעסירט געוואָרן זיך נעענטער באַקענען מיט בערטע'ן.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

— „איך וועל אַלץ טאָן, וואָס אין מיין מאַכט! איך וועל אָנ־ווענדן מיין איינפֿלוס, מיין געלט, מיין ענערגיע אייך צו באַפֿרייען פֿון אַזאַ אוממענטשן, ווי אייער מאַן!“ — האָט איסאַק פֿייערדיק פֿאַרזיכערט בערטע'ן, זיצנדיק מיט איר פֿאַרנאַכט אין וואַלד ניט ווייט פֿון פֿאַרם.

בערטע האָט אויף איסאַק׳ן אַ צוטרוילאַכן דאַנקבאַרן בליק געוואָרפן און אירע באַקן האָבן זיך גערויטלט.

— „דורך אדוואָקאַטן, דורכ׳ן געזעץ, קען מען בטל מאַכן אייער הייראַט, האָט ער פאָרגעזעצט, אָבער איך גלויב, אַז עס וועט שוין אינגאַנצן ניט נויטיק זיין, ווייל ווי אייער אָנקל האָט מיר נעכטן דערציילט, געפינט זיך דער חברה׳מאַן אין אַ שפּיטאָל אַ פּאַראַלי־זירטער אין אַ באַוואסטלאָזן צושטאַנד...“

בערטע האָט איסאַק׳ן איר האַנט געררייכט און דעם קאָפּ אַרונ־טערגעלאָזט. אַ טיפע דאַנקבאַרקייט איז אין אירע שיינע אויגן געלעגן צו דעם ערלאַכן, בראַוון מענטשן...

* * *

ווען די נאַכט איז צוגעפאַלן זיינען זיי ביידע שווייגנדיק אַרויס פון וואַלד מיט פרישע קוואַלן האָפנונגען...

אַ גאַנצע נאַכט האָט איסאַק ניט געקענט איינשלאָפן, געדרייט דאָס קישן אין אַלע זייטן, ווי ער וואָלט דאָרטן דעם אייביקן־גע־היימן סוד געזוכט פון דעם ניי־פריידיקן אומרו פון זיין האַרצן...

— ווי נאַאיוו איך בין אַמאָל געווען, האָט ער צו זיך שטיל געמורמלט: צוליב איין לייכטזיניקער מיידל האָב איך יאָרנלאַנג אַ פאַרביטערטע שנאה און אַ פאָראורטייל אין האַרצן אויף אַלע פרויען געטראָגן, דערקענענדיק אָבער בערטע׳ן פיל איך ווי מיין האַס און חשד ווערן ווי רויך צושוואומען...

ווען נעכט פאלען צו

באלאדן מיט שפיציגע הארבעס אויפ׳ן הארצן און פלייצע, ווי ביי א קעמעל, קליין און מאגער ווי א ניט גוט אנטוויקלט צען־יאריק קינד און איינגעהילט אין א ספארט מאנטל, האט זיך ארויסגע־שארט א פרוי פון איר וואוינונג, אנהאלטנדיק זיך אן די פארענ־טשעס פון די טרעפ און פאוואליע פון גאניק ארוים אין גאס.

די לופט איז געווען אנגעזאפט מיט ריחות פון די ביימער און גראזן פון גאנצן גרויסן שטאט־גארטן.

מחנות איינגלאך פארשוויצטע, סאפנדיקע, מיט פלאם־פייער־דיקע פון היץ בעקלאך, יאגן זיך ארום ראשיק אויף די טראטוארן און אין מיטן גאס, שפילנדיק זיך אין „איוון נאמבערס" און אין „רעד באלם."

— ס׳א מחיה אין דרויסן איז, ס׳ארא פרייל‎אכע, גליקלאכע גאס מיט די מענטשן ארום, האבן אירע ליפן געמורמלט. ווי מקנא איך בין יעדן איינעם, סיי גרויס און סיי קליין, וועלכער ווערט ניט פארפאלגט מיט איראנישע בליקן פון די פארבייגייער גאנצע טעג, האט זי צו זיך שטיל גערעדט, ביז איך איינגעשפארט אין מיין וואוינונג, ווי אין תפיסה, באטש רייד צו די טעפלאך. און מיט׳ן אוונט אנקום, ווען מענטשן ווערן ווייניקער אין די גאסן — פארשווינדן ווי פליגן, דאן קען איך ערשט פארלאזן די הויז. זייער מיאוס האט גאט מיר בא׳עולה׳ט!

„הום, האט די פרוי סארקאסטיש א שמייכל געטאן — און איך צייל זיך נאך אין דער קאטעגאריע פון שיינעם געשלעכט? אזא לעבן! אז מ׳דארף זיך שעמען ווייזן אין גאס באטאג, און באהאלטן זיך ווי א מויז אין דער נארע, ביז די נאכט פאלט צו... ווען ער, א ליכטיקן גן־עדן זאל ער האבן, האט נאך גע־

לעבט, האָב איך געפילט אַ געוויסן שטאָלץ און זיך געהאַלטן פאַר אַ מענטשן מיט אַלעמען גלייך, און אָפט אַליין צו מיט אים זיך געוויזן אין מיטן העלן טאָג אין גאַס. געהאַט מיט ווימען אַ וואָרט זיך איבערוואַרפן. ער האָט נאָך מיך געקענט, ווען איך בין געווען שיין ווי אַלע יונגע מיידלאָך. ער האָט געוואוסט און געדיינקט דאָס אומגליק וואָס מיט מיר האָט געטראָפן, פון וועלכן איך בין אַ קרבן ביז היינטיקן טאָג, און קענענדיק גוט מיינע רייכע עלטערן, וועלכע האָבן מיר אַ גוטע ערציאונג געגעבן, און הגם אַ היבשן נדן אים צוגעגעבן, האָט ער מיט מיר חתונה געהאַט. זינט אָבער ער איז געשטאָרבן און מיך געלאָזן אויף הפקר, איז מיר דאָס לעבן פינצטער און לאַנגווייליק...

די פרוי איז געבליבן שטיין לעבן אַ הויט-געשעפט אין דער הויפט גאַס, נים ווייט פון איר וואוינונג. דורכגעמאַרשירט עט־לאַכע מאָל פאַרביי די שוי-פענצטער, געוואָלט אריינגיין אין קראָם זען די טאָכטער, דאָס איינציקע קינד, וואָס זי האָט פאַרמאָגט. דערזעענדיק אָבער אַ פּאָר קונים, האָט זי זיך אָוועקגעדרייט אַז אַ זייט. ווידער ארומגעשפּאַצירט הין און צוריק, געוואַרט פאַר אַ געלעגנהייט, ביז אין קראָם וועט קיינער נים זיין.

די האַרבאַטע האָט לאַנגזאַם געשפּאַנט מיט די דאַרע קינדישע פיס, אָפּגעשטעלט זיך מיט אַמאָל, אריינגעקוקט דורך דער צו־עפּנטער טיר און נים געוואַגט אריין. געשטאַנען אַ פּאָר מינוט, אָנגענומען זיך מיט מוט און מיט אַ קלאַפּנדיקער האַרץ, נים מיט זיכערע טריט אריין אין „סטאָר".

אַ יונגע, שיין-סימפּאַטישע מיידל, מיט אַ בלאַס פאַרזאָרגטן פאַר דער צייט פאַרעלטערטן פּנים, האָט צו איר אַ גלייכגילטיקן. עטוואָס אַ פאַרדריסנדיקן בליק געוואָרפן. און ווייסנדיק נאָך וואָס זי איז געקומען, ווי זי קומט אַלע אָוונט, האָט זי פון „רעדזשיסטער" ארויסגענומען געלט און מיט אַ נערוועזן טאָן געזאָגט: „נאַ, דו קענסט גיין, מאַ, ווען אַלבערט וועט קומען און דיך דאָ טרעפן. וועט זייער נים אָנגענעם זיין"...

„כ'האָב אים געפּרובירט אָנגעבן פאַרשיידענע תירוצים, האָט

די טאָכטער ווי צורייצט געזאָגט, אַז ער זאָל צו אונז אַהיים ניט קומען, ווייל... דו פאַרשטייסט אַליין, מאַ, — ס׳איז טאַקע גאָרניט, ניט דיין שולד... אָבער יונגע לייט „יו נאָו" ווילן, אַז זייערע „פריינדינס" מאַמעס זאָלן זיין העלדיש, שיין, חנ׳עוודיק — מיט אַלע מעלות... גיי זאָג אים, אַלבערט׳ן, אַז די נאַטור. גאָט — וועל, איך באַשולדיק דיך ניט! אָבער וואָס זאָל איך ערשט טאָן? ווי זאָל איך האַנדלען? ער האָט זיך איינגע׳עקשנ׳ט. אַז איך זאָל אים ווייזן מיין היים, פאַרשטעלן מיין מוטער, זיך באַקענען, ער וויל דיין ברכה בעטן. אַלבערט איז זייער אַ ליבער מענטש, אָבער אַן איינגעשפּאַרטער. שוין עטלאַכע חדשים, ווי מיר גייען אַרום. אַלערליי תירוצים אים געזאָגט: דערציילט, אַז דו ביזט צו אַ טאַנטע אָפּגעפאָרן אין דער וועסט. דאָ איז דער קלימאַט פאַר דיר ניט גוט. נו, ווי לאַנג איז דער שיעור אים צו נאַרן? און וואָס וועט שפּעטער זיין? איך קען זיך קיין עצה ניט געבן! די טאָכטער האָט אַ קוק געטאָן אויפ׳ן וואַנט זייגער. איינגאַנצן עטלאַכע מינוט. ער קומט שוין באַלד. גיי, מאַ, האָט זי שטיל, כמעט ווי מיט אַ געבעט, געזאָגט און באַלד צוריק מיט רחמנות־בליקן באַטראַכט דער מוטער.

איר פּנים איז נאָך מער בלאַס געוואָרן, באַמערקנדיק ווי גרויסע טרערן קייקלען זיך אַראָפּ פון דער מאַמעס צואַקערטע, איינגע־דאַרטע באַקן. די מאַמע האָט אַ טיפן זיפץ געטאָן און מיט אַנגסט זיך צוגעשאַרט צום אַרויסגאַנג און געוואָלט פאַרלאָזן דעם געשעפט.

— זאָג אים, טאָכטער, דיין אַלבערט׳ן, האָט די מאַמע פּיש־טשענדיק מיט אַ טרערן־קול געזאָגט: זאָג אים, אַז דיין מאַמע איז שוין טויט, דאָרטן ביי דער טאַנטע געשטאָרבן. אַ מאַמע וויל ניט שטערן דאָס גליק פון אַ קינד! אַ מאַמע לאָזט זיך גלידער שניידן, אַ מאַמע איז זיך מקריב פאַר׳ן קינד... נאָך דיין חתונה. אין אַ צייט שפּעטער, מיט דיין הסכּמה, וועל איך אין דיין נייער היים קומען — פאַר גאָר אַ ווייטע קרובה זיך פאַרשטעלן און כ׳וועל דיר העלפן ראַמען, וואַשן, רייניקן — אַ דינסט און אַ קעכין זיין. און אַז דו וועסט מיט מזל אַ קינד געבוירן, וועל איך דיין הייבאַם, דיין אַקושער, דיין וואַרטס־פרוי זיין און איבער דיר מיט

דיין קינד וואכן טאָג און נאכט, כדי דיין פּנים זען. אַ מאמען איז אַלעם ליב און הייליק. איך וועל לאַנג־לאַנג זיין מיט דיר. אפשר קענען דיין און אַלבערט'ס ווילן, און ווען אים וועט מיאוס ווערן מיין פּנים זען און מיך פון הויז פאַריאָגן, דאַן וועל איך אַ נייעם ווינקל זוכן, וואו מיין אַלט־גרויע קאָפּ אָנשפּאַרן און איבער גוואַלד פון וויטן דיך זען... אָבער טאָכטער, דו זאָגסט דאָך, אַז דיין אַלבערט איז אַ ליבער מענטש!״

די מאַמע איז אַנטשוויגן געוואָרן און מיט איין טריט געוואָלט איבערשפּרייזן דעם שוועל.

— וואַרט, מאַמע, איין מינוט! גיי ניט! — האָט די טאָכטער פאַרשולדיגט געזאָגט. — דיינע ווערטער האָבן צוריסן מיין האַרץ און נשמה.

נאָך היינט וועל איך אַלבערט'ן אהיים ברענגען. פאַר דיר פאַר־שטעלן. דו ביזט ניט שולדיק! אויב ער ליבט מיך אמת און ערלאַך, דאַן וועט ער דיך אויך אַכטן און שעצן. איך מאַך דעם ערשטן פּרוּוו. וועט עס מיר געלינגען, דאַן זיינען מיר אַלע גליקלאַך. און די מאַמע איז אַ שיינענדיקע, מיט אַ פריידן געמיט, פול מיט נייע האָפנונגען אוועק אהיים.

ציינווייטאג

א גאנצן טאג גייט ארום דאבקין מיט שרעקלאכע ציין שמערצן. ביים ארימען דאבקינ׳ען שפאלט זיך דער קאפ פון ווייטאג. מיט ביידע הענט האלט ער זיך פאר דער רעכטער באק, לויפט ווי א פאר׳סמ׳טער פון ווינקל צו ווינקל און קרעכצט מיט באנומענע קולות: איך וועל זיך שיסן! איך וועל זיך הייגנען! דער טייוול זאל אייך נעמען! און קלאפט נערוועז מיט די פיס.

זיינער א פריינט עצה׳ט אים אויסצושווייקען די ציין מיט אלקאהאל. זיין קוזינע — צולייגן צום מויל צעריבענע כריין מיט קעראסין; די שוועסטער רעקאמענדירט: אויפמישן אדעקאלאן מיט טינט; די מומע — אויסשמירן די יאסליעס מיט קנאבל...

ענדלאך געפינט זיך א פראקטישער מאן, וואס הייסט אים אריבערגיין אין דער צענטער גאס, וואו עס וואוינט א גוטער דענטיסט העלפמאן, וועלכער איז א ספעציאליסט אויף רייסן ציינער. דאבקין כאפט זיך אן דער לעצטער פראבע און לויפט צום אנגעגעבענעם אדרעס.

ווען דאבקין איז מיט פארשטשומעטע ציינער, א פארסאפעטער, אריין אין ווארטונגס־צימער, איז אים באפאלן א שרעק: דער אויפנאמס־צימער איז איבערפילט מיט באזוכער. דאבקין וויל ארייינלויפן צום דאקטאר אין קאבינעט. אבער אייניגע באזוכער פארהאלטן אים און הייסן אים געדולדיק ווארטן אויף זיין „נעקסט".

— איך לייד זייער ביטער, מורמלט ער צו זיך מיט טרערן. דער טייוול זאל דאס נעמען! איך טראג איבער א ים מיט יסורים. און פון שמערצן פארמירט זיך ביי אים צוויי צונויפגעדרייטע פויסטן.

„איר זענט, יונגערמאן, אומקאנטראלירבאר, — באמערקן אים

אַ פּאָר פּאַציענטן גלייכגילטיג, — אונז איז אויך ניט אַזוי פרייליך...

דאָבקין פּאַלט צום ווענטל פון שטול. כאַפּט זיך פאַר׳ן קאָפּ. פּאַר ביידע באַקן און מיט אַ פיבערהאַפטער אָנשטריינגונג וואַרט ער אויף זיין ריי. זיין פּנים איז אַזוי ווי אויסגעוואַשן מיט אַ פעטקייט און אין די אויגן טרערן...

— אָרימער יונגערמאַן, — באַדויערט אים אַן אַלטע פרוי, וואָס זיצט לעבן אים און העלפט אים קרעכצן. — איך ליידן אַליין אויך ניט ווייניגער פון אייך: מיר האָבן מיינע אייגענע קינדער פון מיין הויז אַרויסגעטריבן...

עס זיינען פאַריבער אַ פּאָר שטונדן. דער אָרימער דאָבקין זיצט נאָך אַלץ און קרעכצט. די שמערצן פון צאָן ווערן מיט יעדער מינוט ערגער און ערגער. ענדלאַך איז זיין ריי געקומען.

ער שפּרינגט אויף פון אָרט ווי אַן אונטערגעשאָסענער און לויפט אריין אין קאַבינעט מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם.

— העלפט! העלפט! קרעכצט ער, פאַלנדיק אויף אַ ווייכן דיוואַן און עפנט ברייט זיין מויל. איך בעט אייך...

— וואָס פאַרלאַנגט איר? וואָס איז מיט אייך, יונגערמאַן?
— פרעגט אים אַ יונג־האָריגער בלאָנדין מיט ברילן.

— רייסט, רייסט! טוט וואָס איר ווילט, — זיפצט ער.

— וואָס זאָל איך רייסן? וועמען רייסן?

— אָ, דעם פאַרשאָלטענעם צאָן, דעם טייוול! רייסט און פרעגט ניט קיין קשיות.

אַ קריינק, אַ וואונדערלאַכער סוביעקט, הויבט מיט די אַקסלען פאַרוואונדערט דער בלאָנדין מיט די ברילן.

— איך האָב ניט קיין צייט שפּאַסן און וויצלען זיך מיט אייך. זאָגט ערנסט וואָס איר פאַרלאַנגט?

דאָבקין עפנט ברייט זיין מויל און קרעכצט אַרויס:

— רייסט, רייסט! ווער עס איז געבענטשט מיט אזעלכע שמערצלאכע אנאניעס יענער שפאסט נים. רייסט, ווי גאט איז אייך ליב!

— הום! ערשט פארשטיי איך. איר ליידט צאן שמערצן? פארוואס האט איר דאס גלייך נים געזאגט? איך וואלט שוין לאנג אייך געקענט העלפן, ארונטערשיקנדיק אייך מיט איין שטאק נידריגער, טאקע אין דעם זעלבן הויז, צום דענטיסט העלפמאן.

דאבקין האט זיך מיט אימפעט, ווי פון אגיפטיקן בים, אויפגעהויבן פון דיוואן, אויסגעשטעלט א פאר קעלבערנע אויגן און מיט אומבאהאלפענער פארצווייפלונג געקוקט אויפ׳ן בלאנדין.

— יע, מיין פריינד, האט פארגעזעצט דער בלאנדין מיט די ברילן, איר האט געמאכט א טעות. איך העלף אויך — „קליענטן“ אבער נים קיין ציין...

ווי פון א בליץ געטראפן, איז דאבקין אומבאוועגלאך געבליבן שטיין און קוים הערבאר ארויסגעמורמלט:

דער טייוול זאל מיך נעמען: אזא וואקכאנאליע... אזא אידיאטיש פארקריכן... אה, מיינע ציין! מיינע ציין!

ער זוכט גערעכטיקייט

— „זעצט זיך אַט דאָ, נעענטער צו מיר, ברודער פישל! זייט ווי בא זיך אין דערהיים; דערקלערט מיר קורץ ווי מעגלאך די אורזאַכע פאַרוואָס מען האָט אייך אַוועקגעשיקט פון שאַפּ? כ'גלויב, אַז איר ווייסט אַז אַ באַאַמטער פון דער יוניאָן האָט גענוג „מאַכט" אייך צוריק אַנצושטעלן"!

פישל, אַ מיטל יאָריקער מאַן, אַ טיפּישער אַרבעטער, בא וועלכן די שער און נאָדל האָבן אָפּגעסטעמפּלט אַ טיפּן סליאַד אויף זיין פּנים און גאַנצן קערפּער, איז געזעסן אַ דערשלאָגענער, אַ פאַר־צווייפלטער, מיט אַ פּנים, וואָס איז פאַר דער צייט געוועז אויפגע־אַקערט מיט קנייטשן, און מיט הכנעה'דיקער אויפמערקזאַמקייט, אויסגעהערט יעדעם וואָרט פון דעם „מענעדזשער" פון זיין יוניאָן.

צום אָנהויב האָט זיך פישל פאַרלאָרן. ס'איז איים באַפאַלן אַ האַרצקלאַפּונג מיט אַ מידקייט; ס'ערשטע מאָל ריידן מיט אַ העכערן באַאַמטן פון זיין אָרגאַניזאַציע פּנים אל פּנים! ס'איז אים שווער געווען קאָנצענטרירן זיין געדאַנק, זיין ווילנס פאַרלאַנג, דערציילן פון „א" ביז „ת". נאָר הערנדיק דעם פריינטלאַכן טאָן, דעם צירלאך־מאַנירלאך וואָרט „ברודער" אין דעם גוטמוטיק־גע־מאַכטן פריינטלאַכן פּנים, האָט פישל אויפגעשטראַלט, מוט באַקו־מען, אָנגענומען זיך מיט קוראַזש, און מיט גיכע אָפּגעהאַקטע ווערטער אָנגעהויבן דערציילן מיט אַ רחמנות פּנים ווי אַ פאַרשול־דיקטער:

— „זעכצן יאָר געניים בא אים דאָרטן אין שאַפּ. זעכצן יאָר געדינט דעם באָס ווי אַן „עבד כנעני", געטריי געוועז ווי אַן אייזל, בלינד נאָכגעפאָלגט יעדן קאַפּריז זיינעם... און ווי אַ פּיאַווקע, מיין בלוט געזויגן, געצאַפּט אַזוי לאַנג ביז ער האָט זיינס דערגרייכט... און ווען ער האָט פון מיר אַלץ אויסגענוצט—און ס'איז גאָר ניט פאַר־

בליבן, איז ווי א נוצלאזן צוריסענעם „קאפטאן“ מיך פון שאפ ארויסגעווארפן.

כ׳בין קראנק געווארן און אין עטלאכע וואכן שפעטער, אז איך בין אין שאפ צוריקגעקומען, פארלאנגנדיק מיין „דזשאב“, האט מיר דער באס געהייסן גיין אהיים זיך אויסרוען, באמערקנדיק מיט א שמייכעלע: „גענוג שוין געארבעט, שוין גענוג איך יארן לאנג „געשפייזט“, איצט גייט ערגעץ אנדערש אויף „קעסט“...

פישל איז אנטשוויגן געווארן — זיך אויסגעהוסט, אפגעווישט דעם שווייס און פארגעזעצט:

„ס׳האט ניט געהאלפן מיין טענה׳ן, מיין ריידן. כ׳בין נאך גע־נוג געזונט; כ׳קען נאך הארעווען — כ׳בין נאך ניט אזוי אלט“...

פרובירט באם באס דערוועקן א פונק רחמנות, אים געוויזן „רעסיטס“ פון מיינע פארזעצטע משכנות — אומעטום א בעל־חוב — סהאט ניט געהאלפן — כ׳האב געמוזט פארלאזן דעם שאפ.

און איבער מיין ווילן — האט פישל ניט דרייסט באמערקט, בין איך געקומען צו אייך מיסטער מענעדזשער, איר זאלט פאר מיר עפעס טאן, איך בעט פון אייך גערעכטיקייט!!

— כ׳וועל אלץ טאן וואס אין מיין מאכט, האט דער פארשטייער „גערירט“ געזאגט, אויסהערנדיק די קלאגע פון דעם מיטגליד.

ס׳האט געהערשט א שטיל שווייגן.

פישל, נידערשלאגן, מיט מרה־שחורה׳דיקע געדאנקען, איז גע־זעסן אויף א ברעג שטול און געקוקט דעם באאמטן גלייך אין פנים.

— כ׳האב א וואוילן פלאן פאר אייך, אויסגעצייכנט, ברודער פישל! — האט דער פארשטייער דער ערשטער אנגעהויבן ריידן און א קלאפ געטאן פישל׳ען איבערן אקסל. — כ׳שיק אייך מיט א „ווארקינג קארד“ ארבעטן אויף א גוטן פלאץ. א בעסערן ווי איר האט געהאט; איך פארזיכער אייך, אז איר וועט שוין זיין פאר־זארגט מיט ברויט און פוטער. פארגעסט נאר ניט אריינקומען צו מיר אין א פאר טעג.

פישל האט אויפגעשטראלט פון פרייד און האפנונג.

דער „מענעדזשער“ פון דער יוניאָן האָט זיך געפילט אזוי ווי נײַ געבוירן, פרײַ אָפּגעאָטעמט, ווי שווערע שטיינער פון זיך אראָפּ־געוואָרפן . . .

אביסל שפּעטער איז אין אָפּיס פון מענעדזשער אריין א יונגער מאַן.

איינער דעם צווייטן האָבן זיך פריינטלאַך די הענט געדריקט... דער יונגער מאַן האָט עפּעס שטיל אים א פּאָר ווערטער געזאָגט, פון וועלכע דער באַאמטער האָט א פּאָר מינוט געשוויגן, נאָכגע־דיינקט, עפּעס צו געקווייטשלט, אויפגעהויבן די ברעמען, פאַרביסן די ליפּן, אויטאָמאַטיש צוריבן צווישן די ציין „צום טייוול“ און געהייסן דעם פריינט אריינקומען מאָרגן פרי . . .

צו דער באַשטימטער צייט איז פישל געקומען אין „אָפּיס“ פול מיט פרייד און מוט . . .

דער באַאמטער האָט ניט א קוק געטאָן אין זיין זייט, געדרייט זיך, געקוקט אין פענצטער. ס'האָט זיך אים געוואָלט אנטשולדיקן פאַר פישל'ען, דערציילן אים דעם גאַנצן אמת . . . אָבער דער צונג האָט זיך פאַרטשעפּעט ווי בא א שכור, געפילט זיך קליינלאַך, וואָס דאַרף שפּילן אזא נישטיקע ראָליע . . .

מיט אמאָל איז ער אָפּגעטראָטן פון פענצטער, אויסגעגלייכט זיין פעסט־געבויטן קערפּער, א קלאַפּ געטאָן מיט'ן האַנט איבערן טיש און אויסגעשריען הויך מעשה דיקטאַטאָריש: „לאָזט מיך אליין! איך בין ערשט ביזי, כ'האָב ניט קיין דזשאָב פאַר אייך. פאַרלאָזט מיין אָפּיס! כ'מוז גיין נאָכ'ן נעקסט! . . .

פישל, צוזאַמענגעבראָכן, מיט טרערן אין די אויגן, איז ארויס אין גאַס, פול מיט פאַרדרוס און האַס, וואַקלענדיק אויף די פיס. ווי אַן אָפּגעזאָגטער פון לעבן, געקוקט אויף אַלע זייטן, געזוכט מיט די אויגן וואו צו גיין און צו וועמען זיך ווענדן נאָך גערעכטיקייט...

געענדערט איר מיינונג

אין אַמעריקע איז זי איינגאַנצן אַ קורצע צייט, אָבער זי איז פולשטענדיק אַמעריקאַניזירט. אירע שיינע שטריכן מיט די ליבע חן־גריבלאַך אין די רונדע באַקן ציען אַלעמענס בליקן. מיט ווירדע און שטאָלץ שפּאַצירט זי איבער די גאַסן און „באַמערקט" ניט די פאַרבייגייענדיקע מענער, וועלכע „פּיילן אויף איר ליידנשאַפטלאַכע אויגן; גלייכגילטיק מיט ריטמישע טריט שפּאַנט זי און אַ קאָקעטישער שמייכל איז אויסגעגאָסן אויף אירע געפאַרמטע פול־בלוטיקע ליפּן.

די שיינע דרום שטעטל אין רוסלאַנד, וואו זי איז אויפגעוואַקסן און פאַרבראַכט איר קינדהייט און יוגנט, האָט אויף איר אָפּגעשטעמפּלט מלא חן.

איר גראַציעזע פיגור האָט אַן אַרטיסטיש־עלאַסטישע שלאַנקייט, וועלכע דערמאָנט אָן די הויכע טאָפּאָלן פון וועלדל, וואָס וואַקסן לעבן טייכל. זי פאַרמאָגט אויך וווייכע שוואַרצע האָר און האַרציקע אויגן, וועלכע גלעטן און פאַרוויגן... מ'זעט דורך זיי ווי אין אַ שפּיגל איר אומרואיקע סענטימענטאַלע נשמה.

שטיל און איינאַרטיק פליסט דער שטראָם פון ליליעס לעבן. זי אַרבעט אין אַ דאַמענהוט געשעפט צוזאַמען מיט אַ פריינדין, מיט וועלכער זי איז געקומען אויף איין שיף; זי פאַרטרויט איר אַלע סודות, פון אירע מיסטעראַישע איבערלעבונגען, פון וועלכע זייערע אויגן באַקומען אַ כשוף־גלאַנץ און די באַקן רויטלען זיך...

ס'איז אַ פּראַכטפולער טאָג אין חודש אָקטאָבער, פון די וואונדערשיינע געציילטע טעג, וואָס די נאַטור „שיינקט" די מענטשן־קינדער. ליליע שפּאַצירט מיט רייזלען ווייט היגטערן שטאָט. זיי שטיפן, וויצלען זיך, זיי שפּרינגען, און אַ הילכיקער געלעכטער קלינגט אָפּ ווי אַן עכאָ אין דער שטילער ווייטקייט...

ליליע פֿאַרטראַכט זיך, ווערט פֿלוצלונג ערנסט. איר פֿאַרזשאַ־ריעטער פּנים פֿאַרוואָלקנט זיך.

זיי זיצןביידע שטיל און טרוימען פֿון אייביקן גענוס.

אָבער באַלד ווערט זי אויפֿגעלעבט, נעמט אַן רייזלען פֿאַר׳ן האַנט און פֿאַנגט אָן ריידן:

— „רייזל! כ׳ווייס, אַז דו וועסט מיך האַלטן פֿאַר אַ פֿאַנטאַ־זיאָרקע, אפשר גאָר פֿאַר אַ קאַריערּיסטן, וואָס זוכט אַ גאָלדענע צוקונפֿט, אַ וועג וואָס זאָל זיין באַשפּרייט מיט ראָזן, אָבער כ׳קען זיך ניט העלפֿן, אַזוי איז שוין מיין שטורמישע נאַטור...“

דער יונגערמאַן, סאַשאַ, וואָס באַזוכט אונזער הויז, פֿאַרגעטערט מיך. ווען איך שטים נאָר איין מיט אים ארומגיין, וואָלט ער אַלץ פֿאַר מיר מקריב געווען, איז אָבער דאָ זייער אַ גרויסער קאָנטראַסט צווישן מיר מיט אים: ערשטנס — האָט איך זיין ארבעט און זיין אָרימקייט, און צווייטנס — האָב איך ביי זיך אָפּגעמאַכט ניט חתונה האָבן מיט קיין אַרבעטער, אפילו איך זאָל וויסן אָפּזיצן מיינע גאַנצע יאָרן אַליין. און ווידער וואָס האָב איך קיין צייט ניט? האָט ליליע אַ שיינענדיקע פֿאַרגע־זעצט: יונג און שיין בין איך? מוט און שטאָלץ באַזיץ איך? כ׳וועל שוין אָפּזוכן אַ רייכן יונגנמאַן, וואָס וועט באַזאָרגן פֿאַר מיר אַ רייכע קאָמפֿאָרטאַבעלע היים און ברענגען גליק און לוקסוס אין מיין לעבן...

ס׳קאָן זיין, רייזל, אַז איך וועל אפשר טייער באַצאָלן פֿאַר מיין „פּראָבנעם אוראַק“, האָט פֿאָרגעזעצט ליליע שטיל, אָבער אַזוי מוז עס זיין. כ׳ווייס, אַז מיין אָרימער גוטער פֿאָטער ליידט פֿון מיר שרעקלאַך, כ׳זע אין יעדן שטריך פֿון זיין פּנים די אָפּשפּיגלונג פֿון צער און ווייטאָקן; כ׳פֿאַרשטיי די יסורים פֿון זיין נשמה!! און מיין אָרימע מאַמע?“

אָבער כ׳קאָן זיך ניט אָפּפֿערן צוליב נאַרישע פֿאַרלאַנגען, אויסגעפּלאַנטע קאַפּריזן, ווייל ס׳איז שוין צייט, ווי זיי זאָגן, באַ־מערקט ליליע שפּאַסיק, פֿון מיר נחת האָבן...

ס׳קומען משפחה אין אונזער הויז באאיינפלוסן מיך, רעדט ליליע פארדראסיק, זיי טענה׳ן: כ׳בלאנדזשע, כ׳קריך אין א תהום... אבער ס׳וועט גאר ניט העלפן. ניט מיר קאן מען איבער־צייגן!...

אין קורצע ווערטער, רייזל: „קריג איך א רייכן יונגנמאן, הייראט איך; ווען ניט — פארמאג איך צען געזונטע פינגער...“

רייזל האט א פאר מינוט געשוויגן, נאכגעדיינקט און געענט־פערט:

— ליליע! דיינע אומפראקטישע אבער הארציקע רייד האבן אין מיין נשמה א סטרונע צוריסן און טיף אנגערירט די פארגאנגענע ווייען פון מיין לעבן. דו זעסט, ווי דו האסט בא מיר טרערן ארויס־גערופן? — האט רייזל גערירט געענטפערט. כ׳וויל אבער, אז דו זאלסט מיך גוט אויסהערן, ליליע. מיין ליבשאפט צו דיר איז כמעט ווי א מוטערס, און איך האב אויך גענוג פראקטיק געהאט און עטוואס דערפון געלערנט. כ׳גלויב, אז דו וועסט מיך פארשטיין. אויב דו וועסט וועלן. אן איינפאכע ארימע מיידל דארף ניט קריכן אין „הויכע ספערן“. צווישן דעם ארבעטער קלאס איז דא א גרויסער פראצענט אינטעליגענטע, בראווע יונגעלייט. מיט וועלכע מ׳קען גליקלאך, חבר׳ש האנט בא האנט דורכגיין דעם לעבנס בריק. אז ארימע מיידל, רעדט רייזל ענטוזיאס־טיש, מיט א רייכן בורזשוי, זיינען צוויי פארשיידענע שטרעמונגען. צוויי קאנטראסטן, וואס זיינען האמעטנא־שווער צו צופאסן זיך אין דעם לעבנס באגריף פון צוויי געגנזייטיקע ניט גלייכע וועלט אנשויאונגען — און פון אזעלכע הייראטס וואקסן אוים „דראמא־טישע טראגעדיעס“...

איך עצה דיר, ליליע, ווי אן אמת׳ע פריינדין, ווארף אוועק דיין קינדישע איינבילדונג. סאשא איז פאר דיר א גליק: אומעטום איז ער געאכטעט פאר זיין פינקטלאכקייט און אינטע־ליגענץ. ארבעט? כא־כא! איז א שטאלץ! ארימקייט איז אין מאנכע אינזיכטן א רפואה, וואס דו וועסט זיך פילן „גלייכבארעכ־טיקט“ מיט אים... סאשא פארמאגט אזעלכע גוטע אייגנשאפטן,

וואָס אַ בורזשוי קען עס ניט באַזיצן... דו דאַרפסט עס האַלטן פאַר אַ גוטן צופאַל, ליליע, ווייל ניט אַלע מאָל טרעפן זיך אַזעלכע גליקן."

דיין אַמביציע וועט זיין פאַרפאַלקאַמט, ווען דו וועסט האָבן אַ פרידלאַכע, רואיקע היים, וואו אַ מלאך פון שלום וועט אַריינ־דרינגען אין אַלע פאַלדן פון דיין נשמה — און דאָס איז סאַשאַ, וועלכער וועט זיין פאַר דיר אַ צערטלאַכער חבר, אַ באַשיצער פון פיל שטעכיקע דערנער, וואָס קלייבן זיך אָן אין דעם לאַנגן מגושמ'־דיקן לעבנס וועג... פון דיינע זינלאָזע אילוזיעס, וואָס דו חלומ'סט, ליליע, פון רייכטום און לוקסוס איז מער ניט ווי אַ שיינער „מיר־ראַזש"...

רייזל איז אַנטשוויגן געוואָרן און מיט רחמנות אויגן פול מיט טרערן געקוקט אויף איר פריינדין.

ס'ציען זיך שווער און מאָנאָטאָן באַ ליליע'ן די מאָנאַטן, וועלכע פלעכטן זיך צוזאַמען אין יאָרן... זי איז איינגע'עקשנ'ט. עס העלפן ניט די שטריינגע און ווייכע גוטע רייד פון פאָטער און די טרערן פון דער מוטער. ווייסע פעדים פאַנגען אָן ערטער־ווייז באַ־זילבערן איר שיינע קאָפּ... דער פּנים ווערט בלאַסער און איינ־געפאַלענער פון מאָנאַט צו מאָנאַט, אונטער די אויגן ווייזן זיך סמנים פון בלויע רינגען. די ווייכע שוואַרצע האָר פאַרלירן דעם גלאַנץ און קאָליר... דער פאָטער קוקט אויף דער טאָכטער מיט בעטנ־דיקע, פייכטע אויגן, שאָקלט זיין גרויע קאָפּ און אַ יאוש גנב'עט זיך אַריין אין הארצן און עגבערט מיט שאַרפע ווייטאָקן זיין מח... ער שלאָפט ניט קיין נעכט, דער אַלטער טאַטע, זוכט פּלענער, מיט־לען, עצות, ווי אַריינברענגען זיין טאָכטער מיט לייטן גלייך... דעם גאַנצן לאַסט פון זאָרג טראָגט דער טאַטע אויף זיינע מידע פּלייצעס; זיין ווייב, שיינדל, איז פון שרעק אַמאָל, ווען ליליע איז אַלס קינד שלאָף געווען, שטום געוואָרן. באַ די גרעסטע דאָק־טוירים געווען מיט דער ווייב — און ס'האָט גאָר ניט געהאָלפן. די ווייב איז שטום ווי די נאַכט, אָבער זי פאַרשטייט אַלץ; דער מאַמעס האַרץ פילט, וואָס ס'קומט פאָר. אין שטום לשון רעדט זי

צו דער טאָכטער, זי „דערקלערט" איר דורך פינגער סמנים, אַז אַ נאַרישן געדאַנק האָט זי אין קאָפּ ארייננגענומען — און משונה'דיקע זיפצן רייסן זיך ארויס פון דער מאַמעס ברוסט... — — — — —

ס'איז טיף אין אָסיען. אַ נאַסער שניי פאַלט. פּאַרשפּעקטיקטע פאַרבייגייער לויפן, ווי פון בייזע גייסטער געיאָגט אַהיים זיך דער־ווארימען.

אַ ווינט קלאַפּט אין די שויבן מיט אַ פייפעריי, ווי ער וואָלט וועלן מיט גוואַלד זיך אריינרייסן אין הויז, אום צו האָבן „אַ מקום מנוחה."

ליליע זיצט אין פאָדערשטן צימער, האַלט אַ צייטונג אויף די קני, און אירע מעלאַנכאָלישע אויגן קוקן ארויס אין גאַס אין דער ווייטער ווייטקייט, ווי זי וואָלט זוכען אין דעם טיפן אונענדלאַכן רוים עפּעס אַ געהיימניספולן אנטשיידענעם נס, ווי באַפרייען זיך פון איר שטענדיקער איינזאַמקייט. פאַר אירע אויגן ווי דורך אַן אילוזיאָן לויפן פאַרביי ווייט פאַרגאַנגענע לעבעדיקע בילדער. זי זעט סאַשאַ'ן, ווי דורך אַ נעפּל ווייט, זייער ווייט שפּאַצירנדיק אונ־טערן אָרים מיט אַ יונג־מילדע פרוי אַזוי אויפגעלעבט: פול מיט ליבע, שמייכלט זי אריין אין זיינע אויגן — און צוויי בלאָנדע שיינע קינדערלאַך גייען האַרט לעבן זיי און פאַרהילכן די גאַס מיט זייער קלינגענדיקן געלעכטער... און אַ פיבער־ציטער טרייסלט אויף איר קערפּער.

ווי קינדיש און אומפּראַקטיש!... איך האָב דאָן געהאַנדלט — מורמלען אירע ליפּן. אירע געדאַנקען זיינען מיטאַמאָל איבערגע־ריסן געוואָרן... אַז אויטאָמאָביל איז צוגעפאָרן צום הויז. — און אַ פּאָר מינוט שפּעטער ווערט די טיר אויפגעפּראַלט: איר מומע פון קאַונטרי מיט אַן אַלטן בוכיקן אידן שאַרן זיך אריין אין קיך.

דער פאָטער, אויף פינגער סמנים, גיט איבער זיין ווייב שיינד־לען די באַדייטונג פון באַנאַכטיקן באַזוך פון דער מומע מיט'ן „גאַסט"... און איז אריין צו ליליע'ן אין פאָדערצימער דערקלערן, ווער איז דער אַלטער רייכער מאַן און צוליב וואָס די מומע האָט אים געבראַכט...

ליליע האָט גלייכגילטיק אויסגעהערט דעם טאַטן, פאַרמאַכט די אויגן און געשאָקלט מיט׳ן קאָפּ... טיפע פאַרשטיקטע ווייען, ווי די יסורים פון אַ געווינערין האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט אויף אירע פאַרפלאַמטע, פון אויפרעגונג, באַקן — און ווי אַ בייזע, צורייצטע חיה האָט זיך ארומגעשפּאַצירט הין און צוריק, אין גיכע אָפּגע־האַקטע ווערטער גערעדט צום פאָטער:

— טאַטע! כ׳וועל בעסער אָפּפינצטערן מיין לעבן אין אַ נאַסן קעלער־שטיבל איינזאַם, איידער פאַרבינדן זיך מיט אַ רייכן אַלטן אידן... — צו שפּעט, טאַטע, ריידן וועגן מיין צוקונפט, „מיין ליד איז שוין אָפּגעזונגען"!

אה, סאשא, ווען ס׳וואָלט געווען אַזאַ קראַפט, אַזאַ מעגלאַכ־קייט כאַפּן צוריק יענע פאַרגאַנגענע יונגע יאָרן! ווי פיבעריש גערן איך וואָלט עס געטאָן. ווי נאַאיוו, ווי נאַריש כ׳האָב גע־גלויבט אין פוסטע אילוזיעס...

דו ביזט ערשט ווייט־ווייט פון דאַנען, — האָט ליליע פאַרגע־זעצט ריידן מיט טרערן. — דאָרט אין רוסלאַנד, וואו דו האָסט אַלע מאָל געטרוימט פאַרווירקלאַכן דיין אידעאַל, האָסטו דערגרייכט: אַן אָנגעזעענער פירער, פול מיט קאַמפּסלוסט, אינטעליגענץ און טאַקט, וואו אַלע אַנערקענען דיין גרויסע, נוצלאַכע ארבעט... איך — האָב אַלץ פאַרלאָרן!!"

ליליע איז געבליבן שטיין נאָענט לעבן פאָטער, זיך צוגעטוליעט צו אים און שטיל געשעפּטשעט: „פּאַפּאַ, שיק רופן מיין אַמאָליקע פריינדין רייזלען, צו וועלכער איך בין געווען טויב און איינגע־שפּאַרט, ווען זי האָט צו מיר דאַן גערעדט אַזעלכע לאָגישע, פּראַק־טיישע רייד, און איך... אָבער ערשט אין איר געגנוואַרט וועל איך זיך מודה זיין: צו שפּעט געענדערט האָב איך מיין מיינונג, וועגן יענעם, פאַר מיר קיינמאָל ניט פאַרגעסענעם סאשאַ׳ן. מיין יוגנט איז געווען ווי אַ פאַנטאַסטישער מיראַזש..."

זיך איינגעבעטן

טעג און וואָכן איז ער אָפּגעשטאַנען אין „לייבאָר ביוראָ“, זוכנ־דיק אַרבעט. ער האָט אַלע חפצים פון זיין הויז פאַר׳משכנ׳ט, ביז דאָס לעצטע קישן פון צוקאָפּנס...

באַגינען אויף טאָג פלעגט ער אויפשטיין, אַריינקוועטשן זיך אין שוין אַזוי אויך איינג־אָנגעפילטן וואַגאָן, מיט האַלב פאַרשלאָפענע פאַסאַזשירן, און שאָקלען זיך ווי אַ שכור אויפ׳ן הייַנגנדיקן רימען, און נאָכדעם קוים אַ לעבעדיקער, אַ פאַרטשאַדעטער זיך אַרויסרייסן פון דעם לעבעדיקן קנויל־מענטשן און מיט וואַקלדיקע זיג־זאַג טריט שלייכן צום לייבאָר ביוראָ, פאַרכאַפּן דעם ערשטן ריי באַם קליין גראַטע־פענצטערל, וואו דער קלוירק, אַן אויסגעכאָליעטער, מיט אַ ריין גלאַט אויסגעפּרעסטן אָנצוג, שטייט ביי אַ דעסק און שרייבט עפּעס, און אַוועקשטעלן זיך הכנעה׳דיק קעגן אים מיט אַ רחמנות פּנים און אים קוקן גלייך אין די אויגן, נאָכשמייכלען און אָפּט אַ היסטערישן לאַך טאָן...

דער אָנגעשטעלטער דרייט אָפּ דעם קאָפּ, קוקט געדולדיק אַרויס דורך די ברייט־אָפענע פענצטער אין גאָס, רויכערט הרחבה׳דיק אַ פּאַפּיראָס, און ווען די קלונגען פון טעלעפאָן ווערן פול אין זיין אָפּיס, דאַן גייט ער לאַנגזאַם צו און ענטפערט אויפ׳ן רוף, פאַר־צייכנט דעם אַדרעס אויפ׳ן פּאַפּיר, און גייט מיט געציילטע וואַקנע טריט אריין אין גרויסן האַלב־טונקעלן זאַל פון די אַרבעטסלאָזע מיטגלידער, וואו דער טומל און געדראַנג און רויך פון די אָנגע־רויכערטע סיגאַרן און ליולקעס פאַרטשאַדן און פאַרטויבן דאָס גאַנ־צע לופט אַרום; זוכט מיט אַ געניטן בליק אין אַלע זייטן ביז ער געפינט אַן אייגענעם מענטשן...

און ווידער נאָר אַ בליאַסק אויף טאָג, קומט ער אין לייבאָר ביוראָ וואַרטנדיק זיין ריי...

טעג מיט וואָכן איז זיין מאַלצייט באַשטאַנען פון אַ געזאַלצע־נעם בויגל און עטלאַכע שלונג קאַלטע וואַסער פון קראַן — און די אָרמוט אין זיין היים האָט דערגרייכט צו אַזאַ מדרגה, אַז זיין פרוי פלעגט מיט אַ צובראָכן האַרץ שיקן אַ קינד נאָך אַ פּעקל עסנוואַרג, צו אַ געוויסע „צדקה־פאַראיין“.

אין אַ טאָג פון לאַנגע חדשים אַרבעטסלאָזיקייט און הונגער, האָט זיין ווייב דורך עטלאַכע פּריוואַט־שתדלנים קוים גע׳פּועל׳ט ביי אירן אַ לאַנדסמאַן, אַ פּאַרמאַן פון אַ גרויסע, רייכע קליידער פאַב־ריק, ער זאָל רחמנות האָבן און איר „אַ טובה“ טאָן, אַריינגעמען איר מאַן אין שאָפּ.

מיט אַ קלאַפּעדיקע האַרץ און אָנגעשטריינגטע נערוון האָט ער זיך באַם מאַשין געזעצט. איינגעפּעדימט, אַ דריק געטאָן מיט׳ן פוס דעם טרעטער — און די עלעקטריק־מאַשין, ווי עלאַסטיש נאָכגיביק אין טאַקט, האָט ספּעציפיש־הייזעריק געזיפּצט: זש־זש־זש, זשש!

לעבן אים ליגט אַרבעט אָנגעלייגט הויך ווי „אַ קאַסטיאַר“ און אינסטינקטיוו ווילט זיך ווייזן בריה׳שאַפט: מ׳איז נאָך גענוג שנעל און פּייאיק דעם „פּראָדוקציאָן“ נאָכצוקומען . . .

די ניי־מאַשין לויפט אימפּעטיק, און ער דריקט דעם טרעטער פעסטער און פעסטער — דער זש־זש־זש פאַרדרייפאַכט זיך שטאַר־קער און האַסטיקער.

דער פּאַרמאַן פאַרגעסט די לאַנדסמאַנשאַפט, פּאַלגט נאָך פון ווייטן זיין יעדן ריר, יעדן קנייטש, יעדן שטעפּ — קוקט אויפמערק־זאַם אויפ׳ן „פרישן“ אַרבעטער, ציילט די מינוטן, וויים „אַ חשבון“ פיל מ׳דאַרף אויפמאַכן אין אַ שעה . . .

באַם נייעם אַרבעטער רינען טראָפּנס שוויים פון שטערן, פון פּנים, קיין צייט ניטאָ אָפּווישן — מ׳מוז געבן צום האַנט די צוויי־טע מאַשין; ער אַרבעט אימפּעטיק, ניט האָבנדיק קיין מעגלאַכ־קייט אפילו די געדאַנקען קאָנצענטרירן אין איין גאַנצעם . . .

אין שאָפּ איז טומלדיק, רעשיק, ווי אַ גאַנצער באַטאַליאָן טיי־

וואַלים וואַלטן אין אַ קאַראַהאַד געפירט אַן אָרגיע פון אַ שדים־טאַנץ...

דער „סיקען" פון די פּאַרע מאַשינען און זשוזשען פון די נייַ־מאַשינען מיט'ן קלאַפּן פון די פּרעס־אייזנס גיסן זיך צוזאַמען אין אַ קאָמבינאַציע פון אַ גרילצנדן דיסאָנאַנס, וועלכער האַמערט און דרעליוועט אַלע מענטשלאַכע חושים. און די היץ ארום די פּרעס־אייזנס דערגרייכט ווי אין אַן אויסגעהייצטע היימישע ערב־שבת באָד.

דער נייער אַרבעטער פילט ניט און זעט ניט קיין זאַך ארום זיך. אַ שדים־געיעג האַלט אים געקליאַמערט, און דער פאָרמאַן שטעכט אים מיט זיינע צוויי וואַסערדיקע אויגן ווי צוויי אָנגעשאַרפטע שפּיזן...

זיין מאַשין האָט זיך מיט אַמאַל אָפּגעשטעלט: — דער רימען ארום ראָד האָט פּלוצלונג געפּלאַצט.

די צייט איז קורץ: אָט־אָט שטעלט זיך אָפּ אַ צווייטע, אַ דריטע, אַ פערטע מאַשין און אַלע, אַלע שטעלן זיך אָפּ! מ'מוז פלינק דעם רימען אָנטאָן!

ער בויגט זיך איין, שטעלט זיך אויף די קני, גרייט ארויפלייגן דעם רימען אויפ'ן גרויסן וואַל.

— אַן אוממענטשלאַכער, היסטערישער וויי־געשריי הילכט אָפּ איבער'ן גאַנצן שאַפּ־חלל...

דער ריזיק־עלעקטרישער מאָטאָר איז פאַרשטומט געוואָרן. אַן אָנגעצויגענע מינוטיקע טויט־שטילקייט נעמט אַלץ ארום...

מ'האָט אים פון דיל אויפגעהויבן דאָס פּנים געל־בלאַס. ציטער־דיקע מוסקלען, מיט שרעקלאַכע אַנאַניע יסורים אין די אויגן.

אַ פינגער, אַ גאַנצער פינגער איז אָפּגעריסן! האָבן זיך דער־טראָגן געשרייען אין אַלע זייטן.

בלוטיקע אָדערן, ווי פייערדיקע בייטשן, האָבן זיך געצויגן און געצויגן פון פינגער — ביז אַן אַמבולאַנס האָט די גאַס־לופט געשניטן און אים אַ האַלב־טויטן אין שפּיטאַל געפירט.

זיין וואקיישאן

ער וואַרט פאַר'ן חודש יולי מיט געשפּאַנטקייט. אין דעם חודש ווערט ער אויפגעלעבט.

ער פילט עפּעס אַ זאַרגלאַזיקייט און אַ פרייקייט פון אַ וואַלד־פויגעלע: אַליין מיט זיך, קיין טומל, קיין געשרייען פון קינדער, קיין שטערונגען, קיין טענות. ער קען קומען שפּעט, אויפשטיין פרי — קיינער וועט אים ניט אריינשושקען אין די אויערן: וואָס ליגסטו? שוין צייט, ס'איז שוין שפּעט, פויל זיך ניט!

אויפגעלייגט, מיט אַ מינע פון אַ טשעמפּיאָן־זיגער, קומט ער אין הויז אַ צופרידענער, מיט אַ סיגאַרל אין מויל, גיט אַ שליידער די „קעפּ" אויפ'ן טיש און זאָגט צו זיין ווייב: „שׂרה! היינט פאַרסטו אויפ'ן פאַרם!"...

זיין שוואָגער, אַ קאָנטראַקטאָר פון מענער־קליידער, וואו בענצע אַרבעט, טוט אים אַ „טובה": אין „אַקציע" באָרגט ער אוים פאַר אים געלט, אָבער מיט'ן תנאי, אַז בענצע זאָל דערפאַר, ס'הייסט פאַר'ן פּראָצענט פון דעם געלט, אָפּאַרבעטן דעם גאַנצן סעזאָן „אָווערטיים"...

בענצע ספּעציאַליזירט זיך אויף אָנצינדן אַלע „סטים" מאַשינען און פּרעס־אייזנס און אַרבעט ווי אַן אָקס.

ער האָט אַ פאַרזאָג פון זיין שוויגער (דעם באַס' מאַמע), אַז ער זאָל ניט אָפּנאַרן דעם שוואָגער און אַרבעטן געטריי — ניט קוקן אויף יענע פרעמדע אַרבעטער, וועלכע ווילן, אַז די שעה'ן זאָלן זיך גיך אָוועקרוקן...

בענצע איז בלאַס, ווי די אָפּגעקאַלכטע שאַפּ־ווענט, איינגעדאַרט, מיט אַ שמאָלן ברוסט־קאַסטן און אַ כראָנישן קאַטאַר אין

נאָז מיט שטענדיק רויט־טרערנדיקע אויגן. דאָך שטערט עס אים ניט צו שלעפּן דעם יאָך, ווי אַ נאָכגעביקער פערד.

נאָך אַ שווערן לאַנגן טאָג פון פּראַצעווען, נעמט ער אָפּאַרבעטן די „אוּוערטיים" ביז שפּעט אין אָוונט, ווערט פאַר׳חלש׳ט, בלייבט ליגן אַן אויסגעצויגענער אויף די אָנגעוואָרפענע רעק אין מיטן שאָפּ, שלאָפט אָפּ ביז שפּעט, ווען ער כאַפּט זיך אויף, איז שוין פאַרטאָג, רייבט אויס מיט די פאַרמאָזאָליעטע פינגער די רויטע האַלב־פאַר־שלאָפענע אויגן און שלייכט אַ מידער, אַ צובראָכענער אַהיים צו די ליידיקע ווענט...

די אַרבעטער פון שאָפּ לאַכן, שפּאַסן, וויצלען זיך אויף זיין אַדרעס: „אָקס" רופן זיי אים. „עולם הבא וועסטו פון דיין אײ־דענע האָבן? אַ מצבה מיט אויסגעקריצטע גאָלדענע ווערטער: „דאָ ליגט אַ געהאָרכזאַמער אידיאָט", וועט זי אויף דיין קבר שטעלן? און דיין שוואָגער־באָס וועט דיך פאַר דיין שווערע פּראַ־צע מיט אַ שטאַרקן האַנט־קלאַפּ אויף דיינע אויסגעדאַרטע שפּיציקע אַקסלען מיט אַ „גוט באָי" באַלוינען? כאַ־כאַ! „דו, טענה׳ן זיי צו אים, מענסט אויך אַמאָל אַ וואַקיישאַן נעמען! נעווער מיינד. דיין ווייב, זי איז געזינטער פאַר דיר! און דיין שוויגער דאַרפ־סטו אויך אין קאַונטרי שיקן?"

בענצע מיט זיינע תמ׳עוואַטע, וואַסערדיקע, רויטע אויגן שטייט און שמייכלט אידיאָטיש:

— וואָס רעדט איר? — ענטפערט ער זיי מיט אַ הייזעריקן קול, — דאָ אין לאַנד זיינען „ליידים פויסט"... ווען איך וועל אַ ליידי ווערן, וועט מיין ווייב מיך אין קאַונטרי שיקן. — און הירזשעט פון זיין אָריגינעלן וויץ.

און די פּרעסערס לאַכן, שפּאַסן, און בענצע־הערט זיך וויניק צו — פּרעסט, שוויצט, קוועטשט מיט׳ן פּרעס־אייזן ביז שפּעט אין אָוונט...

מיטאָג־צייט. אַ פייף שניידט דורך די שאָפּ־לופט. דער שאָפּ־טומל ווערט אָפּגעשטעלט.

בענצע איז אין מיטן פּרעסן אַ פּאַל געטאָן ווי אַ שטיק בליי אויף די הורבעס אָנגעוואָרפענע אַרבעט.

דער ארויסגאַנג ווערט פאַרבלאָקירט.

אַלע אַרבעטער שטייען דערשראָקענע מיט אָפענע מײַלער און ברייט־צועפנטע אויגן.

בענצע ליגט און קנוילט זיך פון ווייטאָק.

„אַ דאָקטאָר!“ שרייען די אַרבעטער.

* * *

קלינג־קלאַנג אין גאַס.

אַן אמבולאַנס לויפט און שניידט דורך די לופט.

בענצע איז אין האָספּיטאַל. דאָרט איז זיין וואַקיישאָן!...

כי־כי־כי! — הירזשעט דער שוואָגער־באָס.

— עך־עך! — באַדויערן די אַרבעטער און שאָקלען די קעפּ.

דער „אָקס איז געפאַלן! זאָל ער אַ מענטש זיין!...

באנאכטיקע טרערן

ווילי, דער אפעריימאר, איז געווען א גוטער ארבעטער, א „עקספערט", ווי דער באס פלעגט זאגן. ער האט געקענט מאכן א לעבן מיט אלע ארבעטער גלייך, ווען ניט זיין ליידנשאפט און לייכטזיניגקייט צו קארטן.

אין הויז פלעגן טאג־טעגלאך פארקומען מיאוס'ע סקאנדאלן, ווארום שרה, זיין ווייב, האט ניט געקענט ביי זיך „רעכט מאכן". אז ער זאל פארשפילן דאס גאנצע „פיי" און אליין מיט צוויי קינדער הונגערן . . .

דער טראגישסטער טאג פון וואך ביי שרה'ן איז זיין „פיי דיי". אין דעם טאג פלעגט ווילי זיך אפשטעלן אין שאפ מיט א קאמפאניע „גוטע פריינט" און שפילן אזוי לאנג ביז ער פלעגט גיין אהיים מיט ליידיקע קעשענעס. דעם גאנצן כעס פלעגט ער אויסלאזן צו זיין ווייב און פלעגט איר גראב און געמיין באליידיקן פאר דער „חוצפה" וואס זי פארלאנגט אויף דער הוצאה.

ווילי קומט טעגלאך שפעט ביי נאכט שלאפן. ער מיידט אוים צו זען דער פרוי'ס פנים. ער קאן ניט דולדן אירע בלאסע, האלב־געלע איינגעפאלענע באקן און אירע שטענדיק פארוויינטע רויטע אויגן.

ווען ער האט מיט איר חתונה געהאט איז זי געווען פול מיט לעבן, און איצט איז זי מעלאנכאליש, אפאטיש צו יעדער זאך.

זיינע „גוטע פריינט" מאכן פון אים חוזק, רופן אים טרוס, לעמעשקע, פארוואס ער איז מיט אזא „פארזעעניש" אונטער איין דאך . . . זיי האבן אים אזוי לאנג איינגערעדט ביז ער האט בא־שלאסן פארלאזן די היים און אוועק ווייט־ווייט, וואו די אטמאס־

פערע וועט זיין אַ פרייליכע, וואו ער וועט ניט הערן קיין זיפצן, קיין שלוכצן און וועט ניט זען קיין טרערן...

שפּעט ביי נאַכט איז ער פון זיין „קרייז“ אַהיים געקומען, פאַר־מעלאַך גענומען איינפּאַקן זיינע זאַכן, אַנטשלאָסן צו אַנטלויפן אין אַן אַנדער שטאָט, וואו ער וועט קענען לעבן פריי, אומגעשטערט, זאָרגלאָז...

זיין פרוי און די צוויי קליינע קינדער זיינען געשלאָפן אין איין בעט. דאָס קלענערע, צוויי־יאָריקע קינד, איז געלעגן אינמיטן, צוגעטוליעט צו דער מוטער, די הענטלאַך ארומגענומען איר האַלז און אַ זיסער קינדיש שמייכעלע האָט געשוועבט אויף די קליינע אומשולדיקע ראָזע ליפּעלאַך.

ווילי איז געבליבן שטיין ווי אַ סטאַטוע, מיט פאַרנעבלטע אויגן. געפילן פון רחמנות און חרטה האָבן אָנגעהויבן עגבערן זיין האַרץ און מח. דער געדאַנק: „וואָס וועלן מיינע פריינט זאָגן?“ האָט עס אָבער גובר געווען און לאַנגזאַם, מיט שטילע טריט, איז ער אריין אין קאָרידאָר.

מיטאַמאָל האָט אים ווי אַן אומזיכטבאַרע האַנט אַ צי געטאָן נאָכאַמאָל אריינצוגיין — צום לעצטן מאָל, אַ קוק טאָן אויף זיין ווייב און קינדער.

אַ טיפער זיפץ האָט זיך ארויסגעריסן פון שרה׳ס ברוסט און ווי דורכ׳ן שלאָף עפּעס געמורמלט אומפאַרשטענדלאַכע ווערטער.

ווילי איז באַוועגלאָז געבליבן שטיין אויף זיין אָרט. ער האָט באַטראַכט ביים ליכט פון קליינעם גאַז פייערל זיין אויסגעמאַטער־טע, בלאַסע, פאַר דער צייט פאַרעלטערטער פרוי. ער האָט פלוצלונג דערפילט, אַז עס איז זיין שולד, וואָס זי האָט אזוי שנעל פאַרלאָרן איר יוגנט.

ווילי האָט זיך צוגעבויגן צום בעט, אָפּגעפרעסט אַ קוש אויף זיין פרוי׳ס בלאַסע ליפּן.

שרה האָט זיך דערשראָקן אויפגעכאַפּט פון שלאָף. מיט גרויס איבעררײשונג האָט זי אָנגעקוקט איר מאַן.

— איך ווייס, שרה, איך בין קעגן דיר שולדיק, — האָט ווילי אַרויסגערעדט; — איך ווייס ווי גרויזאַם איך האָב קעגן דיר געהאַנדלט... כ׳האָב זיך אָבער באַפרייט פון דעם כשוף... אַ נייע ליבטיקע עפּאָכע וועט זיך איצט אָנהויבן אין אונזער לעבן...

מער האָט ער ניט געקאָנט ריידן. טרערן פון חרטה האָבן זיך געגאָסן פון זיינע אויגן און זיך פאַרמישט מיט די טרערן פון האָפענונג פון זיין פרוי, אין וועמעס אויערן די ווערטער „אַ נייע ליכטיקע עפּאָכע" האָבן געקלונגען ווי די שענסטע מוזיק.

ער ווארט אויף א ירושה

זילבערט איז אַן אַלטער בחור. זיינע אַלע חברים און באַקאַנטע האָבן שוין באַלד אַליין קינדער חתונה צו מאַכן. אַ גאַנצער „עס־קאַדראָן" ווייבלאַך, צו וועלכע ער האָט זיך אַמאָל גע'שדכנ'ט, גע־דיינקען נאָך זייער גוט זילבערט'ס עגזאַיזם, און ווען עמיצער פון זיי באַגעגענען אים אַמאָל, גריסט מען אים אויס העפליכקייט, און מען צווינגט זיך צו אַן איראָנישן שמייכל.

פון דער נאַטור איז ער אַ גרויסער עקשן און אַ באַרימער. ער איז „פּייאַיק" אָפּגעדען אַ מענטשן ביז חלשות און דער „קרבן" וועט פּאַרזאָגן זיינע בעסטע און ליבסטע מיט זילבערט'ן זיך קיינמאָל מער ניט צו באַגעגענען.

אַלע זיינע באַקאַנטע ווייסן און געדיינקען קלאָר זיין לעבנס־געשיכטע, הערנדיק פון אים צענדליקע מאָל דערציילן, אַז אַמאָל אין די יונגע יאָרן, אין רוסלאַנד, איז ער געווען אַ „בונדיסט" און דער־פאַר אין „טורמע" געזעסן.

לאַנדסלייט דערציילן בסוד, אַז אין טורמע איז ער געזעסן ניט אַלס „פּאָליטישער", נאָר פאַר עפּעס אַנדערש...

זילבערט איז אַזוי קאַרג, אַז ער פאַרגינט זיך ניט ממש דעם עסן, און דערפאַר זוכט ער ביליגע רעסטאָראַנען, וואו מ'קריגט אַ מאָלצייט פאַר אַ שפּאָט ביליגן פּרייז. ער „פאַרמאָגט" אַ מיאוס'ן חסרון: שמאַלצירט מיט זיינע דינע, לאַנגע פיס, און האָט שטענדיק פאַרדרוס און טענות צו זיינע באַקאַנטע, פאַרוואָס זיי פאַרשטייען ניט זיין „פּאָעטישע נשמה".

— איך בין זייער עמפּינדלאַך, — טענה'ט ער מיט אויפרעגונג צו זיי, — דערפאַר איז מיין עסטעטישער געשמאַק אייך ניט פאַר־שטענדלאַך.

באזוכט זילבערט א באקאנטנ'ס היים, איז מען גערן פון אים פטור צו ווערן: ער אליין דערוויילט זיך פאר'ן „ראש המדבר" און לאזט קיינעם ניט א װארט אויסריידן: ס'באפאלט אן איבל דעם באקאנטן און ער פארשעלט זיך די מינוט, וואס זיין גורל האט זיי צוזאמענגעבראכט...

געלט, שאצט מען, האט ער א סך, און ווען א גאנטער פריינט רעדט מיט אים וועגן א תכלית, קוקט ער יענעם אן ווי א משוגע'נעם און שטעלט אוים א פאר נאאיווע אויגן — א תכלית? איך פאר־שטיי וואס איר מיינט צו זאגן: חתונה האבן? אזא נאטור האב איך ניט! ערשטנס איז צ:ו פרי; צווייטנס, מיין רייכע קרובה לעבט נאך!

פון צייט צו צייט גיט ער מיט טיפן זיפץ צו „פארדינען" די דאקטוירים עטלאכע דאלאר, פאר די רעצעפטן, וואס זיי גיבן אים צו זיין מאגן־קאטאר, א ירושה פון די רעסטאראנען. און די מעדי־צינען העלפן אים ריכטיק, ווי א קאנוועגשאן די „ברידער" אר־בעטער...

די לעצטע צייט גייט זילבערט ארום צוטראגן, ווי אין מרה־שחורה. זיינע פריינט האבן אויסגעטייטשט, אפשר א „האפנונגס־לאזע" ליבע? אבער ווי מ'האט זיך דערנאך דערוואוסט, איז עס געווען, ווייל ער האט א קאנטראקטאר באם געליען א היבשע סומע געלט און דער באם האט געמאכט א ויברח...

זילבערט'ס גאוה איז ארונטער, אין זיין מח פלאנטערן זיך פלענער: אפשר איצט חתונה האבן? די פראקטישע פראבלעם וואלט אפשר געלייזט דעם קריטישן מצב פון זיין לאגע, אבער אין אמעריקע זיינען די מיידלאך שטאלצער און פיל קליגער ווי יענע אין דער היים...

זילבערט'ן בלייבט איבער איין זאך: ווארטן געדולדיק ביז די רייכע קרובה וועט זיך איבערפעקלען אין „גן־עדן", און דאן וועט ער אויף אן אמת אנהויבן טראכטן וועגן א שידוך...

געהאנדלט א מציאה

כ'בין געזעסן פארטיפט אין א פארפלאנטערטן ענין; כ'האב ניט געקענט זיך פאנאנדערקלייבן אין דעם וואקכאנאלישן וועלט־פראבלעם... טראכטנדיק אזוי, קלאפט יעמאנד אן אין מיין צימער און נאך ניט אוספייענדיק צו זאגן „קאם אין", ווערט די טרי ברייט אויפגעפראלט און עס קומט אריין א קליין געוויקסיקע פרוי מיט א „באפוכטן" פנים, מיט קליינע פארזשמורעטע אויגלאך און פרעגט מיך אן הקדמות צו איך בין א שרייבער? און אויב יע — צי איך וואלט געקענט אנשרייבן פאר איר א בריוו? ס'הייסט פאר איר טאכטער, אין א צייטונג, וואו ס'איז אנאנסירט, אז א אידישער יונגערמאן זוכט א כלה, וואס מעג האבן א פאר „גלאטע" חסרונות, דערצו אבער עפעס „מזומנים", וואס זאלן קענען פארדעקן עס. און זי האט די ריכטיקע „סחורה" מיט די פאר „מעלות".

איך באטראכט שארף די מוטער מיט א פאר פארשנדע בליקן.

— „אויב די טאכטער איז אזא „קראסאוויצע", ווי די מאמע, קלער איך בא זיך, וועט עס זיין פאר'ן יונגנמאן א מתנה פון ליבן גאטעו. און איך האב שוין רחמנות און באדויער דעם „אדווערטייזער", צו וועלכן ס'וועט אריינפאלן אזא „בת מלכה".

פארדינען „א מצוה" בין איך שטענדיק א בעלן. גענומען די פעדער און אנגעשריבן א בריוול בזה הלשון:

„יונגערמאן, אייער אנאנסמענט — דאס איר פארלאנגט קאנטשאפט מיט א פריילין, וואס מעג האבן א פאר חסרונות, האב איך געלייענט. כ'האב ריכטיק נאך אייער געשמאק אזא בתולה, קומט איבערצייגט זיך"...

אויף מארגן גאנץ פרי האב איך שוין געהאט די געסט: די מיסעס שוין מיט איר טאכטער נעלי, ווי איין טראפן וואסער — געראטן אין גאנצן אין דער מוטער...

זיי זיינען געזעסן אין מיין שרייב צימער, ווי צוויי „אויסגעמאַטערטע לענע טאָקן", אויסקוקנדיק מיט פיבערשן אומגעדולד דעם „דערלייזער" . . .

אין אַ פּאָר שעה אַרום איז אַריין אַ פֿאַרשוין, אויסגעמאָגערט, ווי ער וואָלט חדשים־לאַנג געפֿאַסט „הפסקות", הויך, ווי אַ טעלעגראַף־סלופּ, מיט אַ קליין פֿאַרמלאָזער קעפּל און מיט אַ גרויס אויסגעדרייטן אָריענטאַלישן נאָז, וועלכער האָט זיך אַזוי בולט געוואָרפֿן אין די אויגן, אַפילו קוקנדיק אויף אים „פּראָפיל". פֿון די ברייטע נאָז־לעכער האָבן זיך אַרויסגעשאַרט שוואַרצע הערלאַך און זיך צולייגט „רחבות'דיק" אויף דער אויבערשטער גלאַט אָפּגעראַזירטער ליפּ . . . זיין אָנצוג איז געווען צוקנייטשט, ערטערווייז גלאַנציק און אָפּגעריבן. ער האָט זיך פֿאַרנייגט אַזוי טיף און קאָמיש, ווי אַ צירק־קלאָון. מיט אַ שאַר האָט ער אויפֿגעבויגן די לאַנגע, שפּיציקע קני און זיך אַוועקגעזעצט האַרט לעבן מיין בוכשאַפֿע און גענומען בלעטערן שפּינאָזעס עטיק און גלייכצייטיק געוואָרפֿן זיינע שמאָלע מאַנדל־אויגן אויף דער „כלה" און אויף דער מוטער, און גענומען ריידען אַזוי „מיסטעריש", עפּעס אָפּגעהאַקטע אומפֿאַרשטענדלאַכע פֿראַזן . . . די „כלה" איז געזעסן מיט מורא, אפשר פֿאַרלאַנגט ער מיט איר זיך דורכגיין, איז גלייך באַמערקט ער אירע צוויי חסרונות: די קרומע פיס און אויסגעדרייטע „היפטן". אָבער דער פֿאַרשוין, ווי ס'שיינט, איז געווען „קלוג" גענוג צו פֿאַרשטיין זיין „פּראָפֿעסיאָן". ער האָט גערעדט פֿון אַלץ: אָנגעפֿאַנגען פֿון אַן ענין און גיך פֿאַרקראָכן אין אַ צווייטן. ער האָט מיט גיכע ווערטער דערציילט, אַז אַמאָל האָט ער ליב געהאַט פּונקט אַזאַ מיידל, אָבער יענע איז מיט גוואַלד פֿון אים אָפּגעריסן געוואָרן און געצוואונגען געווען חתונה האָבן מיט אַן אַלטן רייכן אידן. — „הכל הבל", האָט ער אַרויסגערעדט מעשה פֿילאָזאָף. און ערשט — האָט ער פֿאַרגעזעצט ריידן, האָב איך באַשלאָסן קריגן אַ מיידל, פּשוט אַ פֿריינט אין לעבן . . . און פֿאַרשטענדלאַך דאַרף איך אויך האָבן אַביסל געלט, אום אויסצובעסערן מיין „ביזנעס" . . .

כ'בין געזעסן און געקוועטשט מיט די פּלייצעס.

די מוטער האָט מיט באַדייטונגספולע אויגן אַ קוק געטאָן אויף דער טאָכטער — עפּעס איר אַריינגעשושקעט אין אויער...

* * * *

אין אַ קורצע צייט שפּעטער האָב איך זיך דערוואוסט, אַז די מיסעס שיין האָט דעם יונגנמאַן געגעבן „האַנט געלט" צוויי הונדערט דאָלאַר, „צו פאַרבעסערן זיין ביזנעס"... און די מיסעס שיין מיט איר טאָכטער גייען אַלע טאָג אין רעדאַקציע פון יענער צייטונג, קוקן אַריין אין באָקס 24, ווי ס'איז געווען דאָן אָנאָנסירט, אפשר וועלן זיי אָפּזוכן אַ סליאַד פון אים...

איינמאָל אַ פרימאָרגן האָבן זיי געבראַכט צו מיר אַ בריוו פון יענעם פאַרשוין.

ער שרייבט: מיין „געראַטענע" פריילין:

„אייערע צוויי הונדערט טאָלער זיינען ניט געגאַנגען פאַרלאָרן; זיי זיינען גאַנץ געבליבן... ווען איך וועל מיט אייך האָבן אַ קלאָרן חשבון, איז האָב איך נאָך צו אייך צוגעלייגט... כ'האָב באַצאָלט אין „פיינשאָפּ" העכער הונדערט טאָלער, וואָס איך האָב געליען אויף אַ רינגל פאַר רייזע קאָסטן אין ניו יאָרק און צוליב אייך זיך פאַרזאָמט דריי וואָכן... מיינע ווידזשעס זיינען זעכציק טאָלער אַ וואָך — איז שוין הונדערט אַכציק טאָלער, און היינט רייזע־קאָסטן הין און צוריק, און וואָס איז מיט אַ האָטעל, עסן? און מיין ווייב צום לעבן?... נו, רעכנט אויס, וויפיל עס באַטרעפט, צי האָב איך עפּעס פאַרדינט פון אייך?... אָבער איך בין אַזאַ מענטש, וואָס כ'לאָז אַלע מאָל מיינס איבערגיין... דעם אַנדערן מאָל וועט מיך גאָט צושיקן עפּעס בעסערס... גרוסט אייער מאַמע, וועלכע האָט מיך גוט פאַרשטאַנען... און איר, מיס שיין, פאַרזיכער איך אייך, האָט געהאַנדלט אַ מציאה....

יוגנט מאטיוון

(א מתנה מיין רחל׳ן.)

איך שטיי אויף יענע פעלדער, וואו כ׳האב מיין קינדהייט און יוגנט פארבראכט. איך באטראכט ארום די לאנדשאפט — דוכט זיך דער זעלביקער ארט, וואו ס׳וואקסן גרינע גראזן, ביימער, קוס־טעס. ס׳שפיגלט נאך דערזעלבער מורמלדיקער טייכל; ס׳רוישט נאך יענער שטראם אין דער לאנקע, לויפנדיק מיט אימפעט פון פעלד אין וואלד. ס׳פיטערן זיך נאך אויף די גראזן טשערעדעס. כ׳ווייס, אז דאס זיינען מער ניט יענע פרידלאכע סטאדעס פון אמאל, ס׳איז אנדערע, פרעמדע. דער פאסטוך, די פאסטושקע זיינען אויך ניט דיזעלבע — כ׳קען זיי ניט. אמאליקע זיינען געווען אזוי יונג, ליבלאך, חנ׳עוודיק און די — איך קען זיי ניט; יענע זיינען שוין אלט, ווייס ווי די לבנה, אפשר גאר געשטארבן? ווער ווייסט וואו די נאטור האט זיי פארשליידערט!

מיט יענע פאסטושקע פון אמאל האב איך ראמאנסירט... אט דארטן אונטער יענע ווערבעס האבן מיר זיך אמאל אין ליבע דער־קלערט!... א פוסטער חלום!...

כ׳פארשטיי קלאר, אז גראזן און בלומען זיינען אויך ניט די־זעלבע; זיי האבן זיך שוין אן א צאל, א סך — א סך מאל געביטן, פארוועלקט, אראפגעפאלן, פארטראגן געווארן פון ווינט — און קיין שריד און פליט געבליבן...

כ׳וואלט זייער וועלן פרעגן דעם בארג, דעם טאל, די לאנקעס, די איינגעווארצלטע דעמבעס, צי זיי געדיינקען מיר נאך? מיין פראגע וועט אבער זיין ווי א קול אין דער מדבר!...

וויפיל וואסערן כ׳האב שוין לויפן געזען און מורמלען און פליס־

טערן געהערט! וויפיל פעלדער כ'האָב שוין גרינען און בליען געזען! לעגענדאַריש קלינגען ערשט אין מיינע אויערן די ווערטער: אַז כ'בין אַמאָל אַ קינד געווען! ווי אַ סימבאָל זיינען די שיינע דעראינערונגען באַ יעדן רעכטדייגקענדיקן מענטשן צו וועקן פון צייט צו צייט די פאַרנעפּלטע לאַנג איינגעשלאָפענע מחשבות. דער עבר שטייט אויף „תחית המתים" אין מיין זכרון; מיין האַרציקער אַמאָל ציט דורך ווי אַ לאַנגער עלעקטרישער שטראָם מיין גאַנצן וועזן נאָך יענע זוניקע טעג...

ס'איז ניט קיין פאַנטאַסטיש פאַרלאַנג נאָך עפּעס, וואָס האָט ניט קיין ממשות. ניין! נאָך וואָס איך בענק און באַדויער, איז אַ טייל פון מיין „איך", וואָס ס'איז שוין פיל געענדערט געוואָרן, און יענע שיינע זוניקע טעג זיינען שוין ווייט־ווייט איבערן באַרג...

כ'וואָלט זיך אפשר קיינמאָל ניט געטרייסט אויף יענעם האַרציקן יוגנט פון מיין אַמאָל, ווען אַ נייער געבענטשטער אָטעם וואָלט ניט געווייעט דורך דער וועלט און אָפּגעשאָלט דאָ און דאָרט אין דער פאָרם פון אַ נייעם רענעסאַנס, וועלכער וועט פירן דער דערוואַכנדיקער מענטשהייט צו אַ פאַרברידערלאַכקייט פון שלום, ליבע און אחדות.

ס'שוועבט דורך פאַר מיינע אויגן אַ בילד פון מיניאַטור: כ'זע פאַרבנרייכע פּאַנאָראַמעס פון פאַרשיידענע שטעט און שטעטלאַך אין אַלערליי לענדער. דאָרטן ציען זיך די מאַסן שוואַרצע „לאַוועס" פון מענטשלאַכע קעפּ.

כ'הער ווי מ'רעדט אויף אַלערליי שפּראַכן, אויסדריקנדיק איין געדאַנק, דעמזעלבן מאָטיוו „אחדות". כ'ווער מיט געריסן פון אימפּולסיוון געפיל, כ'ווער דערהויבן צו העכסטן עקסטאַז... דאָס בילד, וועלכעס אילוסטרירט אַ שענערן, אינטענסיוון, מער יסודות'דיקן לעבן...

זי איז אוועק

נאָכמיטאָג. אַ צוהיצטע זון וואַרפט אירע גלוטע שטראַלן אויף אַלץ וואָס זי באַגעגנט אין וועג.

די מאַראַזאַוום האָבן נאָר וואָס אָפּגעגעסן אַ גוטן מאָלצייט. זיינען אַרויס אויפ׳ן וועראַנדאַ צווישן בלומען און בלעטער, וועלכע האָבן אַזוי קונציק אַריינגעפלאָכטן זיך, משמעות צו באַשיצן די בעלי־בתּים פון די הייסע זונען־שטראַלן.

אַן אָנגענעמע מידקייט באַפאַלט מאַן און ווייב. דער מאַן צו־לייגט זיך אויפ׳ן ברייטן שאָקל־שטול, פאַררויכערט אַ סיגאַר און בלעטערט אַ זשורנאַל. דאָס ווייב זיצט לעבן אים, וואַרפט פאַר־באַרגענע בליקן אויף זיין גלאַט־ראַזירטן פּנים און פליסטערט שטיל.ביידע זיינען גליקלאַך.

אַרקאַדי! האָט די פרוי זיך געווענדעט צום מאַן און גוטמוטיק אַרויפגעלייגט איר ווייס־צאַרטע הענטל אויף זיין אַקסל.

— דו ווילסט הערן נייס? ערשט איינגאַנצן עטלאָכע חדשים נאָך קלאַראַ׳ס חתונה און שוין אַזויפיל זיך געענדערט:

ווי אַ שאָטן גייט זי אַרום — ניטאָ מער איר שיינקייט, איר רייץ, ריכטיק ווי מיט אַן אומזיכטבאַרע האַנט צוגענומען, און די סקאַנדאַלן אין איר הויז! אפשר וואָלטן מיר זיי באַזוכט די טעג? האָט די פרוי מיט אַ ליבן, קאָקעטיש־שמייכל אַרקאַדי׳ן אַ פרעג געטאָן און זיך געזעצט אויפ׳ן פאַרענטשע פון זיין שאָקל־שטול.

אַרקאַדי האָט מיט צוויי פינגער האַלב צוגעמאַכט דעם זשורנאַל, אויסגעדרייט דעם קאָפּ און ערנסט מיט פאַרוואונדערונג איר אַריינ־געקוקט אין די אויגן.

— שוין סקאַנדאַלן? אַזוי גיך מיאוס געוואָרן דאָס פאַרהיי־



ראַטע לעבן ? האָט מאַראַזאָוו באַטאַנט די ווערטער און זיך פאַר־טראַכט.

— דו קענסט זיך גאָרניט פאָרשטעלן, אַרקאַדי, האָט די פרוי גערן אָנגעהויבן דערציילן, וואָס פאַר אַ סוביעקט סאַשאַ איז: אַ מענטש וואָס אַלץ איז באַ אים וואַכעדיק און רעכט. אָן פּרינציפּן, אָן געפילן, ווי צווישן קאַניבאַלן געבוירן — גאָרניט לאַנג אָנגע־שטעלט אַלס פּאַרוואַלטער אין דער פירמע „לוריע און זין", און דאָך האָט ער שוין באַוויזן אַרונטערשניידן פון די אַרבעטער מער ווי אַ העלפט שכירות: ברענגט אויך אַריין אין זאַוואָד אַלע מאָל שטרענגערע דיסציפּלין: ער לאָזט די אַרבעטער ממש די קעפּ ניט הייבן, אַזאַ קערל, אַזאַ פּאַראַזיט!!

רעבעקאַ האָט זיך אויפגעשטעלט, אַ טופּע געטאָן מיט'ן פוס און פאַרגעזעצט ריידן גאַליק: — דו זעסט מיך אַטעמען, אַרקאַדי, איך וואָלט קיינמאָל ניט איינגעשטימט חתונה האָבן מיט אַזאַ מאַנסביל, ווען אַפילו ער זאָל זיין העלדיש ווי אַ ריצאַר און שיין ווי אַפּאָלאָ, און אָן אויפגערייצטע אימפּעטיק גענומען שפּאַנען אי־בער'ן וועראַנדע און צו זיך געמורמלט: פאַרדאַמען דאַרף מען אַזעלכע מענער!!

אַרקאַדי איז גלייכגילטיק האַלב געלעגן אין שאַקל־שטול, געמיט־לאַך גערויכערט זיין סיגאַר, און פילבאַדייטנדיק באַמערקט זיין פרוי:

— איך זע, מיין גוטע רעבעקאַ, אַז דו ביזט סענטימענטאַל: איך ווייס, אַז דו באַזיצט אַן אימפּולסיוון טעמפּעראַמענט, אָבער פאַרשטיי, מיין טייערע, אַז ניט אַלע מאָל קען מען זיין אַזוי שטאַרק קריטיש...

צום ביישפּיל, האָט מאַראַזאָוו פאַרגעזעצט ריידן מיט אַן ערנסטן פּנים, ווען איך דערקלער דיר היינט, און טאַקע באַלד, אַז איך, דיין ליבער אַרקאַדי, בין אויך אַזאַ ווי סאַשאַ און אפשר מיט אַ געוויסן גראַד נאָך ערגער פאַר אים, וואָס צום ביישפּיל וואָלסטו געטאָן?...

— איך — איך, האָט רעבעקאַ צורייצט געענטפערט, וואָלט

גלייך פון דיר אוועק. איך וואלט זיך ניט אפגעשטעלט אויף איין מינוט מיט דיר אונטער איין דאך; ווי פון א פייער וואלט איך אנטלאפן! — איך וואלט — אבער ניין! עס קען ניט זיין; איך גלויב ניט — דו שפאסט, דו ווילסט מיך אויספרובירן? ווען איך וויים ריכטיק, אז דו, מיין גוטער ארקאדי, ביזט אפילו א הונדערטל טייל אזא ווי סאשא, דאן וואלט איך זיכער דיך פארלאזן. כ'וואלט אוועק פון מיין היים און אנטלאפן ווייט — ווייט, וואו מיינע אויגן וואלטן מיך טראגן...

— עה, מיין טייערע! דו ביזט צו איבעראיילט, צו רעוועניוו, האט מאראזאוו איר, ווי צו א קאפריזנע קינד א לייכטן פארוואורף געמאכט און ארומגענומען די בויגזאמע, שלאנקע פיגור פון רע־בעקא'ן.

— איך זאג עס גאנץ אפנהערציק, אזוי פיל איך, האט זי גע־ענטפערט און לייכט מיט א קאקעטישן דריי זיך ארויסגעצויגן פון מאנס ארעמס און ווי א שמעטערלינג א שוועב געטאן צו א בלומל, געגומען נערוועז צופן די בלעטלאך אוןווארפן אויפ'ן דיל.

מאראזאוו האט זיך אויפגעהויבן פון שטול, זיך אויסגעגלייכט אין זיין גאנצן הויך, צוגעגאנגען צו דער ווייב אזוי נאענט, אז זי האט דערפילט זיין הייסן אטעמען.

— סאשא, אין פארגלייך, ווי איך פיר מיין געשעפט, איז א נאבלמאן קעגן מיר, האט ארקאדי, צונויפדריקנדיק די ליפן, גערעדט צו רעבעקא'ן און שארף איר ארייגגעקוקט אין די אויגן.

דו וואונדערסט זיך? הא? איך זע דיינע אויגן ווערן גרע־סער! ס'ציטערן דיינע ליפן! מיין טייערע?

ס'הערשט א טיפער שווייגן.

רעבעקא! האט ארקאדי פארגעזעצט ריידן: וויפיל מאל האב איך די געזאגט, אז אונזערע אויסגאבן זיינען גוואלדיק גרויס. מיינע שותפים באוואונדערן אלע מאל אונזער שיינע היים און זיי וועלן זיך דערוויסן פריער אדער שפעטער, אז — אז — די סומע

וואָס מיר נעמען אַלע גליַיך פון געשעפט, קען ניט סטייען לויט ווי מיר לעבן ... האָסטו זיך אַמאָל פאַרטראַכט פון דעם ? ... פאַרגעס ניט די פרעזענטן, די סורפּריַיזן, וועלכע איך גיב דיר, און דיַין לעצטע ריַיזע קיין איראָפּאַ ! ...

דו שוויַיגסט ? !

און צוויי אויטאָמאָבילן אויסהאַלטן ? „אַפּעראַס", באַנקעטן און מיַינע „זיַיטיקע אויסגאַבן", פון וועלכע איך דערציַיל דיר ניט?... און איבערהויפּט, ווי באַהאַנדל איך מיַינע אָנגעשטעלטע ? דערמיט האָסטו זיך קיינמאָל ניט אינטערעסירט ... ערשט וויים, מיַין טיַי־ערע, אַז קלאַראַ'ס פאַמיליען־סקאַנדאַלן זיַינען קינדערש־לעכערלאַך..

רעבעקאַ האָט געטראַכט און קיין וואָרט ניט געענטפערט. זי איז גליַיך אַוועק —

אַוועק אין זאַל שפּילן פּיאַנאָ.

א „מתנה" פון באס

זיי ארבעטן צוזאמען אין איין שאפ. זיי זיינען צוויי גלייכע מיטגלידער פון איין יוניאן.ביידע צאלן זייערביישטייערונג און קומען נאך, ווילנדיק, צי ניט ווילנדיק, די „רולס און רעגולאציעס" פון דער ארגאניזאציע, אבער פון איין יוניאן מאן ביז'ן צווייטן איז א ווייטער מהלך.

חיים איז א געהארכזאמער אייביקער קנעכט: די נאטור האט אין אים „ארייגעבלאזן" א נשמה פון א פחדן: רעדט ער צום באס, קוקט ער אים גלייך אין די אויגן מיט „יראת הכבוד", פוצט און גלעט דעם ראק מיט זיין ווייס פאטשיילקעלע, לאכט מיט אן אידיאטישן פנים, ווען דער באס זאגט א ציניש וויץ: קריכט אים אונטער די פיס מיט א הכנעה'דיקע חניפה, זידלט יעדן ארבעטער, ווער עס וואגט ריידן אויף זיין באס א שלעכטווארט.

ווען דער באס קומט צו צו אים, ציטערן בא אים די הענט און פיס ממש ווי אין א פיבער... ער באזוכט ניט קיין יוניאן מיטינג, מיידט אויס געזעלשאפט, האלט זיך שטענדיק איינזאם, איז שטענדיק אנגעבלאזן, אין כעס. אין הויז בא זיך איז ער א דיקטאטאר צו זיין ווייב, אן אכזר צו זיינע קינדער: שרייט און גוואלדעוועט אויף יעדן טריט. קריגט זיך מיט אלעמען. קומט ער אבער אין שאפ און טרעפט אויג אויף אויג דעם באס, ווערט ער ווי היפנאטיזירט.

ווען אין שאפ קומט אמאל פאר א לעבעדיקער געשפרעך, א דיסקוסיע, שטייט ער פון ווייטן פון די ארבעטער, שארט זיך אונטער אומבאמערקט צו דעם באס פלייצעס און שיט שוועבל און פעך אויף דעם ארבעטער'ס חשבון. אלע אין שאפ פאראכטן אים. קיינער וויל מיט אים א ווארט ניט ריידן.

סעם, דער צווייטער אַרבעטער איז גוט־מוטיק און פריילאַך. איז פול מיט אַמביציעס; שטאַלצירט מיט זיין אָרגאַניזאַציע. דער עמבלעם פון זיין יוניאָן איז זיין אידעאַל. דער באָס רעספּעקטירט אים, ווען ער פרעגט אים וועגן שאַפּ אַנגעלעגנהייטן, דאַן פילן אַלע אַרבעטער די מאַכט פון דער יוניאָן.

סעם איז אַ טיכטיקער מיטגליד פון זיין לאָקאַל, גייט צו אַלע פאַרזאַמלונגען, נעמט אַ וואָרט, איז פאַראינטערעסירט אין זיין שאַפּ, לייענט ראַדיקאַלע צייטונגען, האָט אַ ברייטן בליק אויפ׳ן לעבן, ווייס און פאַרשטייט טיף דעם אַרבעטער׳ס פּסיכאָלאָגיע און מיט אַלע זיינע מעגליכקייטן העלפט ער די אַרבעטער מיט ראַט און טאַט.

סעם קען ניט פאַרטראָגן די קנעכטשאַפט פון חיים׳ען. זיין האַרץ איז פאַרביטערט פון אַלע זיינע האַנדלונגען. מיטאָג־צייט שטייט ער אין אַ ווינקל פון שאַפּ און דערקלערט חיים׳ען „הלכות יוניאָניזם“, ער איבערצייגט אים די טיפע שאַנדע, וואָס ער ברייגנט די יוניאָן בכלל און דעם שאַפּ אַרבעטער בפרט.

— אַ מאַן פון אַ פרוי, אַ טאַטע פון קינדער, — רעדט סעם צו חיים׳ען אין אַן ערנסטן טאָן, — מוז האָבן זעלבסט־רעספּעקט, מוז זיך האַלטן מיט ווירדע, מיט טאַקט... וואָס דערזעט איר אין באָס? — פרעגט סעם אים מיט איראָניע, — אַ ווילדע חיה? אַ קאַניבאַל? פאַרוואָס שרעקט איר זיך אַזוי פאַר אים? אַזאַ מורא פּאַסט פאַר קליינע אונבאַהאָלפענע קינדער, וואָס ציטערן פאַר אַ „בוגימען“.

חיים שוויגט, בויגט איין דעם קאָפּ, פילט ווי גערירט פון סעמ׳ס טיפ־ערנסטע רייד.

— גענוג, — זאָגט חיים ווי באַשלאָסן, — איך ווער אַן אַנדער מענטש!...

אַ פייף פון טשערמאַן צו דער אַרבעט האָט אָפּגעהילכט איבער׳ן גאַנצן שאַפּ.

חיים דערשראָקן פאַר'ן פייף, האָט זיך מיט אימפּעט ווי פון אַ טייוול געיאָגט, געזעצט צו דער אַרבעט, באַוועגנדיק שנעל די אויס־געדאַרטע, מיט בלויע אָדערן אָנגעשטריינגטע באַוואַקסענע הענט, כדי צו מאַכן דעם סכום אַרבעט, וואָס דער באָס האָט לעבן אים, הויך ווי „אַ קאָסטאַר" אָנגעוואָרפן...

אין אַ פּאָר שעה אַרום איז דער באָס צוגעגאַנגען צו חיים'ען איבערציילן די אַרבעט... ווי דערשראָקן איז ער געוואָרן, ווען ער האָט דערזען אויל־פלעקן אויף דער קאָלירטער וואַרע פון אַ ראָק. ווען חיים האָט זיך געזעצט נייען, האָט ער פון היילעניש אויסגע־קערט די אויל וואָס ס'איז אויפ'ן טיש געשטאַנען...

נאָך דער אַרבעט, ווען דער באָס האָט אַלעמען צעטיילט די „פּעי", האָט ער חיים'ען אַריינגערופן אין „אָפיס" און אים דער־לאַנגט אַ פאַרבונדענע שאַכטל. אַהיים גייענדיק מיט אַלע אַרבעטער האָט ער פאַר זיי זיך געגרייסט, אַז דער באָס האָט אים געגעבן אַ מתנה און אים דערפאַר געוואונטשן לאַנגע יאָר...

ווען ער האָט דעם קאָנווערט אויפגעריסן, האָט ער אַזוי הויך אַ געשריי געטאָן „שמע ישראל", אַז איינִיקע פאַרבייגייער האָבן זיך איבערגעקוקט און דערשראָקן: אַנשטאָט דאָלאַרס איז אין קאָנווערט געלעגן אַ צעטעלע מיט דידאָזיקע ווערטער:

„אַנשטאָט די וואָך שכירות באַקומסט איר פון מיר אַ „מתנה" אָט דאָס קעסטל מיט'ן פאַרפלעקטן ראָק"...

די פּאַציענטין

סטאַלאָוו האָט ארויסגענומען דאָס גאַנצע געלט פון באַנק, וואָס ער האָט אַ צייט געשפּאָרט, אַרבעטנדיק אין אַ „פּאַלם ביטש" שאָפּ און אַ פּאָר גוטע פריינט האָבן אים אויך אויסגעליען אַביסל געלט און נאָך פילע שוועריקייטן איז אים קוים געלונגען „איינפיקסן" אַ קאַבינעט מיט אַ וואַרטונגס־זאַל און אַ קליינע לאַבאַראַטאָריע.

זיין ברודער, דער קאָנטראַקטאָר פון די „פּאַלם ביטש" רעקלאָך, האָט אים פיל מאָל אויפמערקזאַם געמאַכט, פאַרוואָס ער האָט פאַר־ביטן זיין אַרבעט, פון וועלכע ער האָט אַ בכבוד'יקן לעבן געמאַכט און נאָך געלט געשפּאָרט, אויף אַ שטענדיק־ליידיקן קאַבינעט, וואו פּאַציענטן זיינען אַ יקר המציאות...

„אין מיין פאַבריק, פלעגט אים דער ברודער אריינפּיילן שטעכ־ווערטער, ביזטו אַלעמאָל געווען אַ גאַנצער יחסן, אַ גרויסער בריה: זידלען מיך, ווי אַ ריכטיקן באָס... דאָ, אָבער, אין דיין קאַבינעט, „ליגסטו איינגעלייגט", כאַ, כאַ! אַ דענטיסט זיין האָט זיך דיר געוואָלט! ערשט „שוויג און שמייכל"... משמעות דיינע פּאַ־ציענטן האָבן מורא פאַר דיין „טריטמענט". ציינער רייסן דאַרף מען קענען! האָט דער ברודער אים שטעכיק באַמערקט מיט אַ סאַרקאַסטישען שמייכל און שטיל אָן אַ זייט אַ מורמל געטאָן: „קענסט נאָך צוריק אין שאָפּ קומען"...

סטאַלאָוו פלעגט מיט אַ ביטערן שמייכל אראָפּשלינגען דעם ברודער'ס פייליקע שטעכווערטער און שטאָלץ ענטפערן: נאָר ניט געזאָרגט, הערי, איך וועל שוין מיין וועג, ווי עס איז אליין דורכ־ברעכן אויף אַ שענערן אופן ווי דו!...

אַ גאַנצן טאָג איז אין דר. סטאַלאָוו'ס קאַבינעט ליידיק, ריכטיק ווי מ' זאָל אים באָיקאָטירן.

ער שפּאַנט אַרום נערוועז איבער'ן קאַבינעט הין און צוריק, גייט אַריין אין אויפנאַמס־זאַל, שטעלט זיך אָפּ בײַ דעם ביכער־שראַנק, לויפט דורך מיט די אויגן די רייען אויסגעשטעלטע ביכער, גייט צו צום פענצטער, צושאַרט די גאַרדינען און קוקט אַרויס אין דער ראַשיקער גאַס.

אַ לעבעדיקע מענטשן־כוואַליע, צוזאַמענגעמישט מיט אויטאָ־מאָבילן, טראַמווייען, פערד און וועגן ווירבלען פאַר די אויגן.

וואו אײַלן זיי זיך, מורמלט סטאַלאַוו אין דער שטיל. וועד מאַניעט זיי? וועלכע וויזיאָנען זעען זיי אין דעם ווירבל־געדראַנג פון דעם גרויסן לעבנס־פּלאָנטער? איך בין מקנא די מענטשן, וועלכע נעמען דאָס לעבן, ווי עס לאָזט זיך, פילאָזאָפירט ער: אפשר איז טאַקע מײַן ברודער גערעכט, אַז „כ'האָב ניט באַדאַרפט פאַר־בײַטן דעם „פּאַלם־ביטשער" שאָפּ פאַר אַ שטענדיק ליידיקן קאַ־בינעט?" איבעראַל אָנגעבאַרגט, עגבערט אים אין מח, און אַלע וואַרטן ביז מײַן פּראָפעסיע וועט מיר געבן אַ געלעגנהייט זיי די חובות צו באַצאָלן... דענטיסטן זײַנען ערשט דאָ — — אַ קלונג פון טעלעפאָן האָט איבערגעריסן דאָס מורמלען פון סטאַלאַוו'ן.

— „העלאָ! יעס, מעם! איך בין עס, יע, קיין נעקסט — קומט, אָבער ניט שפּעט — גוד ביי!"

גאָט צו דאַנקען! האָט דר. סטאַלאַוו כמעט הויך אויסגערופן, אויפהייבנדיק דעם רעסיווער און פריידיק געגומען רייבן די הענט: ענדלאַך זיך דערוואַרט, כאָטש איין פּאַציענט פאַר אַ גאַנצע וואָך!...

* * *

אין אַ קורצע צייט שפּעטער האָט זיך די טיר מיט אַ לייכטן קלונג אויפגעפּראַלט און אַ בייביקע, ברייטע אידענע מיט אַ שווערן ווינטער־מאַנטל, האָט זיך אַרײַנגעשאַרט אין אויפנאַמס־צימער און ניט זאָגנדיק קיין וואָרט, אַרײַן מיט שווערע טריט אין קאַבינעט און סאָפּענדיק זיך אַרײַנגעוואָרפן אין ווייכן שטול, אָנקלײַנדיק די גרויס־געבאַבטע קאָפּ אין די צוויי צונומענע, מיט גרינע סאַמעט באַצווייגענע קישעלאַך און צועפנט ברייט איר גרויסן מויל.

— אַט דאַ־אַ־אַ, אַט דאַ־אַ, דאַרף מען אַ צאָן אַ ארייַנשטעלן. האָט זי מיט׳ן ווייַז־פינגער פֿון וויַיטן באַצייכנט.

דער דענטיסט קוקט אין מויל אַרייַן מיט׳ן קליין לעפּל־שפּיגעלע, מאַכט די עלעקטרישע ליכט גרעסער, טוט אָן פֿאַרגרעסערונגס־גלעזער אויף די אויגן, חידוש׳ט זיך, קנייטשט מיט די אַקסלען פֿון וואונדערונג.

— וואָס פֿאַר אַ צאָן? אין וועלכער רייע? איך זע עפּעס אינגאַנצן ניט קיין ציינער! אָנו, ווייַזט נאָכאַמאָל מיט אייער פֿינגער — ווענדט זיך סטאַלאָוו צו דער פּאַציענטין און קוקט מיט אַ פּאָר עטוואָס שמייכלענדע פֿאַרטראַכטע אויגן אויף איר.

די ברייט־פּלייציקע פּאַציענטקע שטופּט אַרייַן איר מיטלסטן פֿינגער אין מויל, טאַפּט די יאַסלעס, חידוש׳ט זיך, קנייטשט דעם שטערן און צולאַכט זיך מיט אַ מענערשן געלעכטער.

— אויף נאמנות, דאָקטאָר, איך בין ניט שולדיק. זאָגט זי האַלב פֿאַרשעמט. איך דאַרף אויף אָן אמת טאַקע ארייַנשטעלן אַ צאָן אין מיין „סעט ציין", איז ווי אויף להכעיס האָב איך פֿאַרגעסן אין גלאָז וואַסער ביי מיר אין הויז, אָבער נישקשה, מאָרגן וועל איך שוין ברייִנגען מיינע ציין.

און אַ פֿאַרשולדיקטע, אַ פֿאַררויטלטע, קוים אַרויסגעקראָכן פֿון וויַיכן שטול.